STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03281

DER MENTSH IZ GUT

Leonhard Frank

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָנהאַרד פראַנק

דער מענטש איז גוט

ייִדיש ח. בראַקאַזש

פאַר די קומענדיקע דורות

פאַרלאַג „כוחות"
וואַרשע
1928

Ł. Frank
Der Mensz yz gut
Tłumaczył Ch. Brakarz
Składano w Zecerni
P. Krymera, Puławy.
Druk. B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Pawia 10.

Y 687, c.1

I

דער פּאָטער

איר שלאַנגען-קינדער, ווער האָט אייך געלערנט אַנטרונען צו ווערן פון דעם גרימצאָרן, וואָס וועט קומען?
שוין איז די האַק איבער די ביימער-וואָרצלען דערהויבן. דעריבער, וועלכער בוים עס וועט נישט ברענגען קיין גוטע פּירות, וועט ווערן אָפּגעשניטן און אין פייער געוואָרפן.

עוואַנג. מתת. קאַפּ. ג.

ראָבערט איז געווען אַ קעלנער אין אַ דייטשן האָטעל-רעסטאָראַן. אַ פּשוטער. אַ בלאָנדער. און תמיד, ווען ער פלעגט בלייבן שטיין פאַר אַ גאַסט באַם אָננעמען אַ באַשטעלונג, אַן אומבאַוועגלעכער אין אַ הכנעהדיקער פאַרבויגונג, איז דורך זיין מוח דורכגעקראָכן די מחשבה: יעדער אַנדערער באַרוף פּאַסט שוין בעסער פאַרן מענטשלעכן כבוד.

דאָס צוגעשאַרטע טרינק-געלט פלעגט אויף אים ווירקן ווי אַ פּאַטש, פאַר וועלכן מען האָט נאָך געמוזט דאַנקען. און ווען דאָס טרינק-געלט איז געגעבן געוואָרן פון אַ גאַסט, וואָס איז אוודאי אָרעמער געווען, איידער דער, וועלכער האָט עס באַקומען, האָט זיך פון ראָבערטס באַליידיקטן מענטשן-שטאָלץ אַרויסגעריסן אַ בולטע פאַראַכטונג, וואָס פלעגט טיילמאָל אויסוואַקסן צו דורשט נאָך נקמה און צו פרעכהייט. עס פלעגט פּאַסירן, אַז ראָבערט זאָל אַזאַ גאַסט

צוריקשאַרן דאָס טרינק-געלט. דערפאַר אָבער האָט אים תמיד הנאה געטון, ווען עס פלעגט אים אויסקומען צו קרעדיטירן בכבודיקע געסט.

אין יאָר 1894 האָט זיין פרוי ענדלעך געבוירן דעם זון, אויף וועלכן מ'האָט געהאַט אַ לאַנגע צייט בחינם געהאָפט. און ראָבערטס ליבע האָט זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויפן דאָזיקן קינד. דאָס קינד האָט באַקומען אַלץ: אַ קינדער-צימער, סטעריליזירטע מילך, אַ קינדער-וועגעלע, אַ ווייס-לאַקירט שטעלכל, צאַפּל-מענטשעלעך, שפּעטער, דאַמפּמאַשינדלעך, אייזנבאַנעלעך, לופט-באַלאָנען, פּויקן, שווערדלעך, ביקסלעך, בלייערנע זעלנער. נאָך שפּעטער, אַ שפּאַציר-שטעקעלע, אַ מאַטראָזן-אַנצוג מיט אַ היטעלע, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען „S. M. S. Hohenzollern", אַ לעדערנעם טאַש אויף ביכער, אַ רעכנמאַשין מיט רויטע און ווייסע קיילעכלעך, אַ פּאָלירט קעסטל מיט גריפלעס צום צייכענען.

דער זון האָט גענומען לעקציעס פון פידל-שפּילן, געלערנט זיך שפּילן קלאַוויר, געגאַנגען אין גימנאַזיום, ער האָט געזאָלט שטודירן. נישט קיין קעלנער ווערן. ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָט ער שוין געהאַט אַ וועלאָסיפּעד. און ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר. איז ער שוין געווען אַ מיטגליד פון דעם פּאַטריאָטישן יוגנט-פאַריין.

ראָבערטס לעבן איז געוואָרן אינגאַנצן געווידמעט זיין זונס קיום. און דער פּרינציפּ: יעדער באַקומט דעם שכר, וועלכן ער איז ווערט, איז געוואָרן זיין וועלט-אָנשויונג. ראָבערט איז אַרומגעלאָפן, האָט דערלאַנגט צום טיש די באַשטעלטע מאכלים, זיך פאַרנייגט, געדאַנקט פאַרן טרינק-געלט, זיך פאַרנייגט, געדאַנקט, געלעבט קאַרג, געזאַמלט, געלעבט מיט רעכנונג, געווען פלייסיק אין דער אַרבעט, געוואָרן צימער-קעלנער, דערנאָך אויבער-קעלנער, פלעגט אָנווייזן זיך-היטנדיקע ליבע-פּאָרלעך זייטיקע צימערן אויף צו פאַרברענגען עטלעכע שעה. ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ תהום פון ליבע צו זיין זון, ער האָט אים געשיקט אין אוניווערזיטעט, ער איז גרוי געוואָרן פון כסדרדיקע זאָרג פאַר אים, ער האָט זיך געפילט גליקלעך מיט דער אַרבעט, גליקלעך מיט זיין זון. ער

Free Public Library, Newark, N. J.

האָט געהאַט אָן אַ ש׳עור פּאָטאָגראַפיעס פון אים, ער האָט באַהאַלטן די קינדערישע אַנציגלעך זיינע, די שפּילעכלעך: די שווערדלעך, די ביקסלעך, די בלייערנע זעלנער. דאָס היטעלע מיטן אויפשריפט „S. M. S. Hohenzollern“.

דער זון איז אַלט געוואָרן צוואָנציק יאָר. איינמאָל אין אַ דינסטיק האָט ער באַקומען אַן אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן צום מיליטער. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער באַקומען אַן אייזערנעם קרייץ.

און אין זומער פון יאָר 1916 האָט ראָבערט באַקומען די בשורה, אַז זיין זון איז אומגעקומען אויפן פעלד פון רום.

אַ גאַנצע וועלט איז צעשמעטערט געוואָרן.

אַ צעשמעטערטער האָט ער כסדר געהאַלטן אין לייענען: „אומגעקומען אויף דעם פעלד פון רום“. דאָסדאָזיקע צעטעלע האָט ער תּמיד געטראָגן באַ זיך אינגט בריוו־טאַש, צווישן די באַנקנאָטן. ער האָט עס געלייענט, בשעת ס׳איז אַ גאַסט געקומען און פאַרלאַנגט אַ צימער, ער האָט עס געלייענט, בשעת ער איז געשטאַנען באַם בילאַרד־טיש און געוואַרט אויף באַשטעלונגען; ער האָט עס געלייענט, בשעת ער פלעגט אויפן רוף פונם גלעקל לויפן דורכן לאַנגן קאָרידאָר, געלייענט עס, איידער ער איז אַריין אין צימער און נאָכדעם ווי ער איז מיט דעם באַצאָלטן רעכענונג און טרינק־געלט אין דער האַנט צוריק אַרויס פון צימער. ער האָט עס געלייענט אין קיך, אין וויין־קעלער, אין קלאָזעט. „אומגעקומען אויפן פעלד פון רום“. רום. אַ וואָרט, צוזאַמענגעשטעלט פון דריי אותיות. דריי אותיות, פון וועלכע ס׳איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ שקר, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזאַ גיהנמדיקן כּוח, אַז אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך געלאָזט איינשפּאַנען אין דידאָזיקע דריי אותיות און געלאָזט זיך אַריינציִען אין די שרעקלעכסטע יסורים.

דאָס פעלד פון רום איז געווען אומזעבאַר, שווער אויסצומאָלן עס זיך אין די מחשבות; עס איז געווען פאַר ראָבערטן אומבאַגרייפלעך. דאָס איז דאָך נישט געווען קיין פעלד, קיין שטיק ערד, קיין פלאַכער פּלאַץ; עס איז נישט געווען קיין נעפּל, קיין לופט. עס איז געווען הוילע גאָרנישט. און אָן אָט דעם גאָרנישט

ואָל ער זיך האַלטן. דאָס גאַנצע לעבן לאַנג. הינטער אים איז נאָרנישט און פֿאַר אים איז גאָרנישט. ראָבערט איז געשטאַנען אינמיטן פֿון דעם גאָרנישט.

זיינע הענט האָבן באַדינט, קוויטירט, באַקומען טרינק־געלט. פֿאַרוואָס? עס האָבן שוין נישט עקזיסטירט קיין באַנקנאָטן. זיין ביכל פֿון דער שפּאָרקאַסע איז געווען פֿאַר אים דאָס פֿעלד פֿון רום. און דאָס פֿעלד פֿון רום איז געווען אומבאַגרייפֿלעך.

ראָבערט האָט אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון די געסט אַוועקגעגעבן די בעסטע צימערן פֿאַר אַ העלפֿט פֿון דער באַשטימטער פּרייז, ער האָט נאָך צוגעגעבן אַ סאַלאָן, אַ באָד־צימער. ער איז צוריק אַראָפּגעזעצט געוואָרן צו אַ פּשוטן באַדין־קעלנער. אין רעסטאָראַן ווידער האָט ער אָן שום טענות אַוועקגעגעבן די טייערסטע מאכלים און וויינען פֿאַר אַ ביליקן מקח, אויב דער רעכענונג האָט זיך די געסט אויסגעוויזן פֿאַר צו הויך. און דערפֿאַר האָט מען אים אָנגעהויבן צו באַנוצן אַלס געהילף נאָר דעמאָלט, ווען אין גרויסן האָטעל־זאַל איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרוויילונג אָדער אַ פֿאַרזאַמלונג.

איז דען פֿאַרהאַן אַ מער גלייכגילטיקע זאַך, ווי אַרויסגעשטויסן צו ווערן פֿון דער פּאָזיציע, וואָס מען פֿאַרנעמט אין לעבן? דאָס אַלץ איז דאָך בלויז געווען דאָס פֿעלד פֿון רום. עס איז געווען הוילע גאָרנישט.

אָפּטמאָל פֿלעגט ער אַרייגיין אין זיין זונס צימער, וווהין ער האָט אין דער מלחמה־צייט צוזאַמענגעבראַכט די פֿאָטאָגראַפֿיעס, די קינדערישע אַנציגלעך, די שווערדלעך, די פּייקעלעך, די ביקסלעך, די בליירנע זעלנער, און ער פֿלעגט קיין זאַך נישט עמפֿינדן באַם באַטראַכטן דידאָזיקע פֿאַרגעלטע און אָפּגעריבענע איבערבלייבענישן, ער פֿלעגט אַרויסגיין אויטאָמאַטיש, פּונקט אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען.

דערדאָזיקער צושטאַנד, אין וועלכן ראָבערט האָט זיך באַוועגט בלויז ווי אַ מאַשין, האָט געדויערט גאַנצע וואָכן, ביז װאַנען דער מענטש אין אים האָט ענדלעך אין אַ געוויסן טאָג געפֿונען דעם כּוח, זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דער ווייטיק. פֿון זיין

האַנט איז אַרויסגעפאַלן די פאָטאָגראַפיע פונם זונעלע — אָנגעטון ווי אַן אינפאַנטעריסט און פרעזענטירנדיק דאָס קינדערישע ביקסל, — און גלייך ווי מיט אַ האַמער געטראָפן, איז ראָבערט אַראָפגעשליידערט געוואָרן אין אַ תהום, מיט אַן אַנטבלויזט האַרץ פאַר יסורים און ליבע. בלויז איין געשריי. און גאַנץ קורץ.

ווערנדיק באַרירט פון עפעס, וואָס האָט קיין נאָמען נישט, האָט ער אויסגעמיטן די דערלייכטערונג, וועלכע עס פאַרמאָגט אין זיך די ווייטיק.

און בעת זיין פרוי האָט אים געוואָלט טרייסטן מיט די ווערטער, וועלכע זי האָט איבערגענומען באַ יענע, וואָס האָבן געווייטיקט מיט די זעלבע ווייטיקן, באַם קאָלאָניאַל=סוחר, באַם בעקער, באַ דער שכנה: מען מוז אַצינד דאָס אַלץ פאַר ליב נעמען — איז זי דערשראָקן געוואָרן פאַר ראָבערטס געפערלעך=בליקנדיקע אויגן און האָט שוין פון דעמאָלט אָן געשוויגן.

אויך ראָבערט האָט געשוויגן. ער פלעגט טון די אַרבעט, וועלכע מ׳האָט אים אָנגעוויזן. און היות ער האָט עטלעכע מאָל געלאָזט אַוועקגיין געסט אומבאַצאָלטערהייט און מען האָט אים שוין דערפאַר נישט געוואָלט באַנוצן צו קיין אַנדערע זאַך, ווי נאָר צום פונאַנדערטראָגן וואַסער אין דעם האָטעל=קאַפעהויז, איז ער אויך דערויף באַשטאַנען.

ראָבערט האָט געוווּסט, אַז עס וועט עפעס געשעען. דערפאַר האָט ער אַריבערגעטראָגן דידאָזיקע געפערלעכע רויקייט. וואָרים ווי וואָלט עס דען מעגלעך געווען, אַז עס זאָל גאָרנישט געשעען צוליב אים, וועלכער האָט שוין גאָרנישט צו פאַרלירן, ווייל ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן? וועלכער איז אַריבערגעצויגן מיט אַ דינער קעלנער=הויט, אונטער וועלכער עס שרייט דער מענטש, עס שרייט מיט קלאַנגלאָזע קולות דער ווייטיק, די ליבע? צוליב דער קלענסטער סיבה קאָן די הויט פלאַצן. דעמאָלט וועט זיך אַרויסרייסן דער געשריי.

די קינדערישע ביקסלעך און שווערדלעך האָט ער אַריבערגעטראָגן, כדי נישט צו האָבן עס פאַר די אויגן, אין האָטעל אַריין און באַהאַלטן אונטערן קלאַוויר. וואָרים תמיד, ווען ער פלעגט אַ

קוק טון אויף דידאָזיקע שפּילעכלעך, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן א געפיל פון שולדיקייט. אָבער בעת ער פלעגט באַדינען א מיט מלחמה־אָרדנס באַפּוצטן אָפיציר, האָבן זיינע הענט נישט געציטערט.

און בשעת ס׳איז אַמאָל אין א געוויסן טאָג דורכגעגאַנגען אויף דער גאַס פאַרביי דעם האָטעל א פּאַטריאָטישער יוגנט־פּאַריין — האַלב־דערוואַקסענע יונגען מיט געווער אין די הענט — זינגענדיק דאָס ליד: „איך קען דיר די הענט נישט דערלאַנגען ווייל איך לאָד גראָד אָן דאָס געווער. . .״ האָט אין ראָבערטן אויפגעפלאַקערט א ברענענדיק געפיל פון שולדיקייט. ווארים אויך ער האָט זיין זון געלערנט און געלאָזט לערנען אַזעלכע לידער און זיך צוגעהערט צו זיי פול מיט פאָטער־שטאָלץ.

אין ווילדער געשפּאַנטקייט איז ער געשטאַנען פאַרן הויפּט־אַריינגאַנג פון האָטעל און געפילט, אַז זיין שפּרונג אויף די פאַר־ביימאַרשירנדיקע, פאַרבלענדטע יוגנטלעכע וואָלט געווען א שפּרונג אין דער לופט אַריין. ווארים הינטער די יוגנטלעכע און הינטער דעם קאַמפס־ליד האָט זיך געפּוינען עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קען נישט אָנטאַפּן: אַן אינו נראהדיקער, אָן גופיקער קעגנער. גאָט האָט אים אָפּגעהאַלטן פונם דאָזיקן שפּרונג. גאָט האָט אים אויפגעהאַלטן פאַר יענער מינוט, ווען מען וועט דעם שונא בולט דערזען. ראָבערט האָט דאָס געפילט.

און איינמאָל אין א געוויסן טאָג האָט ער דעם שונא, וועלכער שטעקט אינעם מענטש אַליין, נישט אויסער אים, אַזוי בולט דערזען, אַז זיינע אויגן זענען געוואָרן אַזוי ווי בא א שולד־באַוווסטן מערדער. זיינע אויגן זענען אים דאַן פאַרלאָפן מיט טרערן פון ווילדן כעס, זעענדיק א מיידל, וואָס האָט איר חתן פאַרלוירן, א פרוי, וואָס האָט דעם מאַן פאַרלוירן, אַן עלטערן־פּאָר, וואָס האָט דעם זון פאַרלוירן און דאָך האָבן זיי נאָך געקענט שמייכלען און א גלאָז ביער באַשטעלן, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט געשען.

א מוטער, וואָס איר אָנלען אויף דער עלטער, איר האָפנונג, דער מיטלפּונקט פון איר גאַנצער ליבע — איר איינציקער זון איז צעטרעטן געוואָרן אויפן פעלד פון רום און זי האָט נאָכדעם גע־

זאָגט צו ראָבערטן : „מען מוז דאָס אַלץ פאַר ליב נעמען“, האָט ער ווילד אָנגעכאַפּט באַם האַלז.

נאָר גאָט האָט באַרירט דעם קעלנערס הענט און מילד אַוועק־געלייגט זיינע פינגער, וואָס האָבן פלוצלינג מיט ליבע אויפגעצי־טערט אויף דער מוטערס אַקסלען. וואָרים נישט דידאָזיקע פרוי איז שולדיק, נישט זי איז דער שונא און נישט אירע ווערטער, נאָר דאָס, וואָס עס געפינט זיך הינטער דידאָזיקע ווערטער. און דאָס איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נישט במציאות. דאָס איז דאָס נישט פאַרהאַנען זיין פון ליבע.

דאָס מערדערישע שולד־באַוווסטזיין האָט אויסגעבערענט די קליינע פאָטער־ליבע, אַזוי, אַז עס האָט אויפגעוואַכט אין אים דאָס אור־געפיל פון דער גרויסער ליבע.

אין טיפסטער הכנעה, וואָס האָט געשטאַמט פונם אומדער־שעפלעכן כוח, וועלכן ס'פאַרמאָגט די ליבע, האָט ער אויסגעפירט די אַרבעט פון אַ פּיקאָלאָ. ער האָט צוגעטראָגן וואַסער פאַר די געסט, געוואַשן גלעזער און געגאַנגען, אויפן רוף פון גלעקל, אין גרויסן האָטעל־זאַל.

שלאָסער, מויערער, סטאָלער, בלעכער, טאַפּעצירער, גלע־זער, — פאַרהאָרעוועטע מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי האָריקע, אָפּשרעקנדיק־מיאוסע חיות מיט מענטשלעכע אויגן — האָבן אָנגעפולט דעם גרויסן האָטעל־זאַל : דער פאַריין פון די בוי־אַרבע־טער האָט אָפּגעהאַלטן זיין יערלעכע פאַרזאַמלונג.

ראָבערט האָט געברענגט צו טראָגן אַ פלאַש וואַסער פאַרן רעדנער, וועלכער איז געשטאַנען אויפן פּאָדיום, און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן קלאַוויר, הינטער וועלכן ס'זענען געלעגן באַהאַלטן די שווערדלעך מיט די ביקסלעך, האָט ער זיך איינגעהערט צום רעדנערס רייד.

דער רעדנער האָט דערקלערט, אַז אין היינטיקן יאָר קענען נישט אויסגעצאָלט ווערן קיין שטיצע־געלטער פאַר אַרבעטסלאָזע אין קראַנקע, ווייל עס זענען כמעט קיין שום איינצאָלונגען נישט אַריינגעפלאָסן. חוץ דעם האָט מען די מיטגלידער, וואָס געפינען זיך אין פעלד — און זיי זענען בילכער פאַר אַלץ — כסדר גע־

שיקט שטיצע־געלטער. „די רעזערוו־פּאָנדן זענען פאַרנוצט. די קאַסע איז ליידיק".

זיבן הונדערט פּאָר אויגן פון זיבן הונדערט טעמפּ־שווייגנדיקע מענטשן האָבן ראַטלאָז געקוקט אויפן רעדנער. די פרויען, וואָס האָבן געהאַט שטיין אינדערהיים ליידיקע טעפּ אויף די קיכן, און די פרויען, וואָס זייערע מענער האָבן זיך געפונען אויף דער מלחמה, אָדער זענען שוין דאָרט געפאַלן, האָבן באַקומען רויטע פלעקן אויף די באַקן. די אייזערנע פליטע, וואָס האָט זינט צוויי יאָר געדריקט גאַנץ אייראָפּע, האָט גאַנץ בולט צוגעדריקט אויך די דאָזיקע זיבן הונדערט אין פּיין און אין נויט זיך קורטשענדיקע לאַסט־חיות.

אַ קליין יונגל האָט פון הינטערן קלאַוויר, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָדיום, אַרויסגעצויגן דאָס קינדערישע ביקסל, און צוליינגדיק די קאָלבע צו דער אַש־גרויער באַק, אָנגעהויבן צו צילן אויף זיבן הונדערט אומבאַוועגלעכע מענער און פרויען. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדט אויפן לאָך פון דעם צינערנעם ביקסן־רערל.

און דאָרט, אויפן מלחמה־פעלד, זענען מיט די קאָלבעס באַ די באַקן, באַלאָדנט מיט שולד און זינד, געשטאַנען מיליאָנען מענטשן קעגן אַנדערע מיליאָנען מענטשן, וועלכע זענען אויך געווען באַלאָדנט מיט שולד און זינד.

דעמאָלט האָט ראָבערט געמאַכט דעם שפּרונג. דאָס איז געווען אַ גאַנץ פּאַמעלעכער שפּרונג. ער איז, ווי אַ נאַכט־וואַנדלער, מיט זיכערע טריט צוגעגאַנגען צום יונגל, אַוועקגענומען באַ אים דאָס שפּילעכל פון דער באַק און אַרויסגעטרעטן פאָרויס, ביז צום ראַנד פון פּאָדיום.

און אין דער צייט, ווען דער רעדנער האָט געטרונקען וואַסער און צוזאַמענגעלייגט זיינע חשבונות, האָט ראָבערט געזאָגט:

„אָט דאָס דאָ איז אַ ביקסל. דאָס האָב איך... איך אַליין האָב עס מיין יונגל געקויפט. דערמיט האָט ער זיך געשפּילט. דערמיט האָט ער אומבאַמערקטערהייט אַרויסגעשטויסן די ליבע פון זיין

האַרץ. דערמיט האָט ער זיך אויסגעלערנט שיסן. איך האָב אים אויסגעלערנט שיסן, איך האָב אים אויסגעלערנט הרגענען. מיין זון איז אומגעקומען. ער איז טויט. איך בין זיין מערדער... פאַטער־שטאָלץ, רום־דורשטיקייט, געדאַנקענלאָזיקייט און געוווינהייט האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ מערדער. אָבער איך האָב דאָך געטון דאָס, וואָס אויך איר האָט געטון. אויך פון די, וואָס געפינען זיך דאָ, האָט נישט איינער זיין זון... פאַרלוירן".

ראָבערט האָט צעבראָכן דאָס ביקסל אָן דער קני און רויק אַנידערגעלייגט די צוויי שטיקער בײַ זיינע פיס.

„דאָס האָב איך באַדאַרפט טון מיט פופצען יאָר פריער...

האָט איר עס געטון?... טו זענט איר אויך מערדער.

אונזערע מענער און אונזערע זין דערשיסן אַנדערע מענער און אַנדערע זין. און יענע מענער און זין דערשיסן אונזערע מענער און זין. און יעדער, וואָס איז געבליבן אינדערהיים, האָפט: מיין מאַן, מיין זון וועט צוריק קומען; זאָלן אַנדערע אומקומען און שטאַרבן.

אַזעלכעס פאַרלאַנגען קאָן בלויז אַ משוגענער... איך פרעג אייך: איז קיין מערדער נישט אַזעלכער, וואָס דערציט אַן אומשולדיק קינד אויף אַזאַ אופן, אַז עס מוז פריער ווערן אַ מערדער, איידער ס'ווערט אַליין דערמאָרדעט? צי ווערט קיין מערדער נישט דערדאָזיקער שלעכט־דערצויגענער אומשולדיקער, בעת ער דערהרגעט פונקט אַזאַ שלעכט־דערצויגענעם אומשולדיקן? היינט צו טאָג געפינט זיך שוין נישט אין אייראָפּע קיין איין מענטש, וואָס זאָל נישט זיין קיין מערדער!... מיר זענען פאַרבלענדטע און מערדער, ווייל אונז דאַכט זיך, אַז דער שונא געפינט זיך ערגעץ פון אויסן און נישט אין אונז גופא. נישט דער ענגלענדער, נישט דער פראַנצויז, נישט דער רוס און פאַר זיי נישט דער דייטש איז דער שונא, נאָר אין אונז אַליין שטעקט דער שונא. און נאָר דערפאַר זענען מיר אין אַנדערע מענטשן דעם שונא, ווייל דער אמתער שונא איז עפעס אַזעלכעס, וואָס איז נישט במציאות. דאָס נישט פאַרהאַנען זיין פון ליבע איז דער שונא און די סיבה פון אַלע מלחמות. גאַנץ אייראָפּע וויינט, ווייל גאַנץ אייראָפּע קאָן נישט

זער ליבן. גאַנץ אייראָפּע איז משוגע, ווייל זי קאָן שוין נישט ליבן.

איז עס דען נישט קיין משוגעת, אויב מען פרייט זיך מיט אַ ידיעה: צוויי טויזנט פראַנצויזישע מתים זענען געבליבן ליגן פאַר אונזער ליניע? איז די באַפעלקערונג פון פאַריז נישט משוגע, אויב זי פרייט זיך מיט דער ידיעה: צוויי טויזנט דייטשע מתים זענען געבליבן ליגן פאַר אונזער ליניע?

מיר שרייען פאַר ווייטיק, אָדער די אויגן טרוקענען אויס פאַר ווייטיק, בעת עס קומט אום אונזער זון. כל זמן מיר וועלן נישט פונקט אַזוי שרייען פאַר ווייטיק, ווען ס'וועט אַ פראַנצויז אומקומען, ליבן מיר נישט. כל־זמן מיר וועלן נישט פילן: אַ מענטש, וואָס האָט אונז קיין שום שלעכטס נישט געטון, איז געפאַלן און געשטאָרבן, אַזוי לאַנג בלייבן מיר משוגעים. וואָרים דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז געפאַלן און געשטאָרבן, האָט אַ מוטער, אַ פאָטער, אַ פרוי, וואָס וועלן שרייען פאַר ווייטיק. איז געווען אַ מענטש. געוואָלט אַזוי גערן לעבן. און געמוזט שטאַרבן. פאַרוואָס? נאָך וואָס? מיר, זיינע מערדער, האָבן אים אומגעבראַכט, ווייל מיר ליבן נישט".

ראָבערט האָט בשעתן רעדן געמאַכט גאַנץ לייכטע באַוועגונגען מיט דער האַנט, אַזוי, אַז די סערוועטקע האָט זיך מיטגעבאָמבלט. ס'איז אַזוי שווער געווען, אַנדערע איבערצוגעבן דאָס, וואָס מען פילט און מען פאַרשטייט אַליין. און דערצו נאָך איז דאָך דאָס אַלץ אַזוי פשוט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך. נאָר די מענטשן האָבן זיך איינגאַנצן אָפּגערוקט פון דעם, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. זיי האָבן פשוט פאַרגעסן די ליבע, פונקט ווי מען פאַרגעסט דעם שירם אין ווינקל.

„מען דאַרף נאָר ליבן, און ס'וועט שוין קיין איין שאָס נישט פאַלן. דאַן האָבן מיר שלום. דאַן וועלן מיר ווערן קינדער אויף אונזער ערד... אַ גאַנצע ערד־טייל ווייגט. קען מען דאָך דערפון דערקענען, אַז די דאָזיקע ערד־טייל איז פעיק צו ליבן. גאָר האָפּבונגסלאָז וואָלט וואָלט אַלץ געווען ערשט דעמאָלט, ווען אייראָפּע וואָלט געלאַכט פון דעם, וואָס גאַנץ אייראָפּע בלוטיקט. אָבער עס איז נישט

פאַרהאַן קיין אייך הויז אין איראָפּע, אין וועלכן ס׳זאָלן נישט פליסן קיין טרערן. דאָס ווייגט אַזוי די ליבע אַרויס פון די מענטשלעכע אויגן, ווייל זי איז פון די מענטשלעכע הערצער פאַרטריבן געוואָרן.

וואָס וואָלט איר געטון, ווען איצט אין דער רגע זאָל אַריינקומען אַהער אַ פרעמדער מענטש און זאָל איינעם פון אייך, אַזעלכן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזעען, אַריינשטעכן אַ באַגנעט אין בויך אַריין. איר וואָלט אַזאַ משוגענעם נישט פאַרשטאַנען. פונקט דאָס זעלבע טוען אייערע מענער אין זון; אויך זיי שטעכן דעם באַגנעט אין בויך אַריין מענער און זין, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געזעען, און דערדאָזיקער געשטאָכענער שרייט, קאָרטשעט זיך און פאַלט. וואָס פאַר אַ בייז האָט אייער זון געטון יענעם. וואָס האָט דעם באַגנעט אַריינגעשטאָכן אין בויך?... האָט איר זיך שוין אַמאָל פאָרגעשטעלט, אויף וואָס פאַר אַן אויפן ס׳האָט געמוזט שטאַרבן אייער יונגער זון, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט לעבן?... מיידל, מאָל דיר אויס דעם לעצטן בליק פון דיין חתן, וואָס איז אַ פאַרוווּנדעטער, אַ פאַרשמאַכטער זעקס שעה נאָכאַנאַנד געהאָנגען אין אַ הייסן זומער-טאָג צווישן די שטעכעדיקע דראָטן. שטעל דיר נאָר פאָר זיין לעצטן, שרעקלעך לאַנגן בליק.

„פרוי", האָט ראָבערט שטיל אַ זאָג געטון צו איינער אַ בלאַס-ווערנדיקער, אַזוי, אַז אַלע זיבן הונדערט האָבן עס געהערט, „וואָס האָט דיין מאַן, וועלכן דו האָסט געליבט, וועלכער האָט דיר געגעבן ברויט און קינדער, געטון יענעם, וואָס האָט אים דורכגעשטאָכן מיטן באַגנעט?"

די פרוי האָט אָנגעהויבן צו יאָמערן, איר קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויף איר שכנס אַקסלען.

„די מענטשן זענען משוגע, אויף אַן אמת און רעכט משוגע, ווייל זיי האָבן די ליבע פאַרגעסן. און ווייל זיי האָבן די ליבע פאַרגעסן, מיינען זיי, אַז אַלץ מוז זיין אַזוי, ווי עס איז... אונזער פאָלק, ווי מיר זען, באַשטייט דאָך שוין בלויז פון בעלי-מומים און פון פאַרהושכטע קינדער, פרויען און זקנים. און ווען מען זאָל נאָך פון די שלאַכטפעלדער צוהערברענגען די אַלע הענט און פיס, די

אָפּגעשניטענע אברים, די מיליאָנען צעשמעטערטע מתים, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך אייערע זין און מענער, און מען זאָל זיי אויף אייערע גאַסן וואַרפן, אייך פאַר די אויגן, וואָלט איר נאָך דעמאָלט אויך זאָגן: מען דאַרף דאָס פאַר ליב נעמען? אָדער צי וואָלט איר ענדלעך גרייט געווען צו ליבן, נישט געקוקט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען? צי וואָלט איר דאַן ענדלעך געזאָגט: איך וויל נישט לעבן, ווייל איר טאָר נישט ליבן? צי וואָלט איר איינגעזעען, אַז יענע, וואָס האָבן אייך פאַרבאָטן צו ליבן, זענען שונאים? שונאים פונם מענטש! שונאים פונם פאָלק! צי זעט איר נישט די בערג צעשמעטערטע מענטשלעכע גופים? זיי ליגן פאַר אייערע אויגן, זיי ליגן אויף אייערע גאַסן, אַז קיין וואָגן קאָן שוין נישט דורכפאָרן און איר קענט שוין קיין טריט נישט מאַכן. אייערע זין! אייערע מענער! פאָטערס! צעבלוטיקט! צעשמעטערט! נישט צום דערקענען!"

פון מיטן זאָל האָט זיך אַ געשריי אַרויסגעריסן. הינטן, בײַ דער טיר, האָט זיך דערהערט אַ חיהש געיאָמער. איינער אַן אַלטער מאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פאַרן קאָפּ. אַ מיידל האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן די שטולן; אירע אויגן זענען געוואָרן ברייט פונאַנדערגעריסן און זי איז אַנידערגעפאַלן אויף די קניען.

מיר טאָרן נישט לענגער זיך אַליין אָפּנאַרן און זאָגן: „דער צאַר, דער קייזער, דער ענגלענדער איז שולדיק", ראָבערט האָט פּאַמעלעך צוגעלייגט די האַנט מיט דער סערוועטקע צו דער ברוסט: „איך בין שולדיק. און דו ביסט שולדיק. און דו און דו... וואָרים אויך מיר האָבן, פונקט ווי דער צאַר, דער ענגלענדער, דער קייזער, דער מיליאָנער און דער מיליאַרדער, די ליבע פאַרגעסן. נעמט די שולד אויף זיך, כדי איר זאָלט ווידער קענען באַקומען אַ חלק אין דער ליבע. וואָרים נאָר דער, וואָס פילט זיך דאָ שולדיק, קאָן צוריק ריין ווערן פון זיינע זינד און ווידער ליבן.

און אַצינד ווייסט: די ליבע האָט אין זיך אַ האַרבן געבאָט. די ליבע זאָגט: ווער עס ליבט נישט, איז שולדיק, איז שלעכט און דאַרף אָפּטרעטן, כדי עס זאָל שוין נישט קענען מער געמאַכט

ווערן אויף דער וועלט קיין צוימען פאַר דער ליבע. מיר ווילן אומקומען, מיר ווילן שטאַרבן פאַר דעם, אַז עס זאָל דער ליבע איבערגעגעבן ווערן די רעגירונג אין אייראָפּע".

די מענטשן־פּנימער אונטן אין זאַל האָבן אויפגעשיינט.

ראָבערט איז ווייטער רעדנדיק אַראָפּגעגאַנגען פון פּאָדיום אין זאַל אַריין. אַלע זענען אויפגעשטאַנען און געשטופּט זיך צו אים.

„דאָס געבאָט פון דער ליבע איז: ווער עס פילט זיך נישט שולדיק, ווער עס נעמט נישט אויף זיך די שולד, ליבט נישט, דער איז אונדזערס אַ שונא און מוז אָפּטרעטן. דאָס איז אַ געזעץ. אַ ביי געזעץ! איר, וואָס האָט שוין נישט מער וואָס צו פאַרלירן, ווייל איר האָט שוין אַלדינג פאַרלוירן"...

ראָבערטס ווערטער זענען פאַרהילכט געוואָרן פון דעם הונדערט־קולותדיקן איבערחזרן: „אַלדינג פאַרלוירן! מיר האָבן שוין גאָרנישט צו פאַרלירן! מיר, וואָס האָבן שוין גאָרנישט צו פאַרלירן... גאָרנישט! גאָרנישט!"

די ידיעה וועגן דעם אַלעם האָט זיך שוין געהאַט פאַרשפּרייט, בשעת זיי האָבן דורכגעצויגן איבער די גאַסן. פאָרויס איז געגאַנגען דער קעלנער, אָן אַ הוט, אין פאַרשמאָלצענעם סמאָקינג מיט דער סערוועטקע אין האַנט. „אָט זיי ווילן ברענגען דעם שלום זיי ווילן ברענגען דעם שלום".

פאַרקויפערינס — פאַריתומטע כלות — האָבן פאַרלאָזט די קראָם־טישן און צוגעשטאַנען צום צוג. צוויי שוי־פענצטער־פוצער, אַלטע מענטשן, האָבן געלאָזט שטיין די לייטער און צוגעשטאַנען צום צוג. דער פירער פון עלעקטרישן טראַמוויי, דערהערנדיק דאָס וואָרט „שלום", איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ רגע, אַראָפּגעשפרונגען פון וואַגאָן און צוגעשטאַנען צום צוג. די פּאַסאַזשירן זענען צוגעשטאַנען. אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער המון געוואָרן דרייפאַך גרעסער, און צענפאַך גרעסער. בשעת זיי זענען אָנגעקומען צום פּלאַץ און ראָבערט האָט, אַרויפשטעלנדיק זיך אויפן ברונעם, אָנגעהויבן צו רעדן, זיין מויל האָט אויסגעקריצט אויפן הימל מיט אותיות, וועלכע זענען פון אומעטום געזען געוואָרן, דעם לעצטן

פסוק: „שוין איז די האַק איבער די ביימער=וואָרצלען דערהויבן. דעריבער, וועלכער בוים עס וועט ניט ברענגען קיין גוטע פּירות, וועט ווערן אָפּגעשניטן און אין פייער געוואָרפן“.

אַ יונגע פרוי איז געשטאַנען דערלעבן, כסדר געשמייכלט און געחזרט דאָס וואָרט „שלום“. רייזנדער, אָנגעקומענע פון דער באַן, האָבן אַן אַלץ פאַרגעסן און צוגעשטאַנען צום צוג, בשעת דער המון האָט גערירט פון אָרט. פלאַמענדיק. שנעל. אָנגעצונדן דורכן גלויבן. אַ גרופּע, אויף אורלויב-געקומענע, אָנגעלאָדן ווי צום מלחמה-מאַרש, די ביקסן אויף די אַקסלען און דער גרויל פונעם שלאַכט=פעלד אין די אויגן, זענען צוגעשטאַנען צום צוג. אַלטינקע באָבעשיס זענען קוים אימשטאַנד געווען טריט מיטצוהאַלטן. בײַ קינדער זענען די פּנימלעך געוואָרן אויסגעצויגן פאַר דערשטוינונג און זיי האָבן משער געווען דאָס גרויסע געשעעניש. בײַ אַן אַלטן פּאָליציי=וואַכמייסטער מיט אַ גרויער שפּיץ=באָרד און אַ טרויער=באַנד אַרום רעכטן אָרעם האָבן די אויגן אויפגעבליצט מיט אַ פאַנאַטיש פייערל און ער איז צוגעשטאַנען צום צוג. מענטשן, וואָס זענען דעם צוג אַנטקייגנגעקומען, האָבן זיך צוריק אומגעקערט, ווערנדיק אַרומגענומען פון דעם פייער. וועלאָסיפּעדיסטן זענען דורכגעפלויגן איבער די גאַסן. „אָט זיי ווילן שלום ברענגען!“ די שענקען זענען ליידיק געוואָרן. ווערקשטאַטן, בוי=פּלעצער זענען אָפּגעליידיקט געוואָרן. טראַנסמיסיעס זענען שטיין געבליבן. אין אָפּטיילונג באַוואָפנטע זעלנער זענען געוואָרן מיטגעריסן. געזאַנגען פון ליבע האָבן אויפגעהילכט צום טאַקט פון מאַרש. קראַנקע זענען אַרויס פון די בעטן און זיך צוגעשלייכט צו די פענצטער. קילאָמעטער=לאַנגע שורות פון פרויען האָבן געאיילט פון אַלע זייטן און זיך באַהעפט צום צוג.

אַ צוואַנציק=יעריקער — פאַנאַטיזם און גייסט האָט אַראָפּגעלויכטן פון זיין שטערן — איז אַרויפגעשטרונגען פון אַ מיט מענטשן איבערפולטן זייטנגעסל אַרויס, צוגעלאָפן צום קעלנער און אים געקושט. און זיין הייסער בליק האָט אויפגעעפנט אַלעמענס הערצער.

די גאַנצע שטאָט איז געשטאַנען אויף די פיס און געשריגן איין וואָרט. שלום! און דאָס דאָזיקע וואָרט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויזנט-קולותדיקן, געוואַלטיקן געזאַנג, אַלע גלאָקן האָבן געקלונגען.

II.

די מלחמה־אלמנה

איר מאַן איז געווען אַן אַגענט פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעל־שאַפט. ער איז געפאַלן אין דער מלחמה. געשטאָרבן. פון אַ קויל אין קאָפּ.

„די קויל וואָלט אים געקאָנט טרעפן אויך אין ברוסט, אין האַרץ, אין די לונגען. די קויל וואָלט געווען געקאָנט פונקט אַזוי גוט דורכלעכערן בײַ מײַן מאַן דעם מאָגן, אָדער זײַן רוקנביין צע־שמעטערן. איינער שטאַרבט אַזוי, אַן אַנדערער אַזוי. דאָס איז אַלץ איינס. טויט איז טויט... אָדער גאָר מיט אַ באַגנעט דעם בויך דורכשטעכן, אַזוי, אַז מײַן מאַן וואָלט אַ פּאָר מינוט פאַרן טויט גע־קאָנט באַטראַכטן זײַנע אייגענע געדערים, וועלכע ער האָט קיינ־מאָל נישט געזעען".

נישט ווילנדיק האָט די פרוי פאַרשטעלט מיט די הענט איר הויכן בויך, גלײַך זי וואָלט אים וועלן באַשיצן. דאָס קינד פונם טויטן פאָטער האָט זיך אינעווייניק באַוועגט.

„אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט... ער וואָלט פונקט אַזוי גוט גע־קענט זײַן אַ באַלמעלאָכע, אַ סוחר, אַן אַרבעטער, אַ באַאַמטער, אַ געלערנטער, נישט קיין חילוק וואָס, די קויל וואָלט אים דאָך גע־ווען געטראָפן... זי איז געפלויגן צו מײַן מאַן און נישט אָפּגע־קערט זיך אַן אַ זײַט, זי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעמיטן דעם אָרעמען פאַרזיכערונגס־אַגענט. די קויל קלויבט דאָך נישט

איבער. זי טרעפט יעדן... איך, אַן אַלמנה נאָך אַ פאַרזיכערונגסאַגענט, האָב פּונקט אַזוי גוט געקענט זײַן אַן אַלמנה נאָך אַ באַאַמטן אָדער אַרבעטער. עס איז נישט פאַרהאַן קיין שום חילוק צווישן מיר און אַנדערע. איך בין אַ מלחמה־אַלמנה. גלײַך מיט אַלע. אַ מלחמה־אַלמנה!... און אויב אַ גראַנאַט וואָלט מײַן מאַן אַזוי צעשמעטערט און פונאַנדערגעשליידערט, אַז מ׳וואָלט נישט געקענט געפינען קיין מינדסטן חלק פון זײַן גוף? אַלץ אײנס! טויט איז טויט... מײַן גורל איז דער גורל פון מיליאָנען פרויען. נישטאָ קיין שום חילוק צווישן מיר און אַנדערע פרויען... צווישן מיר און דער שכנה, וואָס וווינט קעגניבער און וועלכע האָט שוין זינט דרײַ וואָכן אויך נישט קיין מאַן, צווישן מיר און... וויפיל פרויען אַזעלכע זענען אײגנטלעך פאַרהאַן? אפשר צוויי מיליאָן, וואָס זיצן אין די שטובן און טראַכטן פּונקט אַזוי ווי איך, וועגן דעם טויטן מאַן? קוקן אַרויס דורכן פענצטער און טראַכטן וועגן דעם טויטן מאַן, ווישן אָפּ דעם שטויב, גיבן אַכטונג אויף די קינדער, שטריקן זאָקן, קאָכן, גייען צו דער אַרבעט און טראַכטן וועגן דעם טויטן מאַן. אפשר צוויי מיליאָן? צווישן דידאָזיקע אַלע און מיר, איז נישט פאַרהאַן קיין שום חילוק. אונזערע מענער זענען טויט... דער שכנהס מאַן איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל. מײַנער דורך אַ קויל אין קאָפּ. אויפן אָרט טויט. דאָס איז אַלץ אײנס... אַ קויל אין קאָפּ! אין שטערן? אפשר אין נאָז אַרײַן? אָדער אין אַן אויג? אין זײַן אויג? יאָ, איז וואָס זשע איז דאַן געוואָרן מיט זײַן אויג? מיט זײַן טײַער אויג. מיטן אויג פון מײַן טײַערן מאַן... אײגנטלעך איז דאָך דאָס אַלץ אײנס. עס איז אַלץ אײנס, צי דאָס אויג, די ברוסט, די לונגען, די געהירן, דער בויך איז צעשמעטערט געוואָרן. טויט איז טויט... מיליאָנען מלחמה־אַלמנות זיצן פּונקט אַזוי ווי איך דאָ און מאָלן זיך אויס, אויף וואָס פאַר אַן אופן זייער מאַן איז געשטאָרבן. ס׳איז דאָך אָבער אַלץ אײנס, ווי אַזוי ער האָט דעם טויט געפונען. געפונען? זוכט מען דען דעם טויט?... און צי ער וואָלט געווען אַ שלאָסער אָדער אַ סטודענט, אַ פאַבריקסאַרבעטער אָדער אַ פויער, אַ געלערנטער אָדער אַ באַאַמטער, איז

אַלץ איינס... מיליאָנען פּרויען האָט געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס מיר. געלויבט איז גאָט".

„פאַרוואָס אייגנטלעך — געלויבט איז גאָט?"

זי איז אויפגעשטאַנען שווער, די האַנט אָנגעלענט אָן דעם ברעג פון טיש. „דאָס מאַכט לייכטער". ... „וואָס מאַכט לייכטער?" ס'איז פאַרט פאַרהאַן אַ חילוק, וואָס דאָס האָט געטראָפן נישט בלויז מיר אַליין, נאָר מיליאָנען פרויען. אַ גרויסער חילוק. און עס ווערט דערפון לייכטער. איך וואָלט פשוט נישט אויסגעהאַלטן, ווען דאָס וואָלט געווען געטראָפן בלויז מיר אַליין. זאָל מען זיך דאָס נאָר פאָרשטעלן! וואָלט איך דען געקאָנט דאָס אויסהאַלטן? איך איינע אַליין! דאָס וואָלט געווען אוממעגלעך... מיליאָנען פרויען האָט געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס מיר".

און מיטאַממאָל האָט זי דערזעען מיליאָנען פרויען־פּנימער באַדעקט מיט טרויער.

„עס ווערט דערפון גרינגער דאָס אומגליק אַריבערצוטראָגן. אַריבערצוטראָגן... ס'האָט אַלעמען דאָס זעלבע געטראָפן. מיר מוזן דאָסדאָזיקע אַריבערטראָגן, מיר פרויען. מיר האָבן מקריב געווען אונזערע מענער פאַרן פאָטערלאַנד. אויפן מזבח פונם פאָטערלאַנד. מ...בח פונם פאָטער...לאַנד". זי פאַרזוכט מיט דער צונג, פאַרקוקט זיך אין דער ווייטקייט אַריין, פּרווט זיך פאָרצושטעלן דעם מזבח פונם פאָטערלאַנד. דאָס געלינגט איר אָבער נישט.

פאַר אירע אויגן שטייט כסדר דער מזבח, באַ וועלכן זי האָט מיידלווייז נאָך צום ערשטן מאָל פאַרזוכט פון דער הייליקער סעודה. זי זעט ליכט און דאָס קריסטוס־בילד. אָבער דער מזבח פונם פאָטערלאַנד? איז ער בכלל פאַרהאַן?

אָבער פּלוצלינג האָט איר נשמה ווידער געמאַכט אַ בליץ־שנעלן שפרונג צוריק צום גלויבן: „איך האָב מקריב געווען מיין מאַן אויפן מזבח פונם פאָטערלאַנד... פּונקט אַזוי, ווי אַלע אַנדערע מלחמה־אַלמנות".

„דערדאָזיקער מזבח שטייט אָבער נישט אין קיין קירכע, נאָר אין אַ פאַרצוימונג פון עלעקטריזירטע שטעכעדיקע דראָטן, צווישן וועלכע דיין מאַן איז געבליבן הענגען", האָט די ווייטיק געפּרוווט

איר איינרוימען אין אויער. „מ׳וואָלט, הייסט עס, אייגנטלעך באַדאַרפט זאָגן: מקריב געווען אויף די שטעכעדיקע דראָטן פונם פאָטערלאַנד״.

סוף כּל סוף געלינגט איר דאָך אָפּצוטרייבן די נאָך נישט איינגאַנצן דורכגעווייטיקטע יסורים נאָכן טויטן מאַן מיט די ווערטער: „ער איז געשטאָרבן ווי אַ העלד פאַרן פאָטערלאַנד״. אין איר אָרעם האַרץ דרינגט אַריין אַ שטאָלץ פון דידאַזיקע ווערטער.

„די נחמה, אַז מיליאָנען פרויען האָט דאָס זעלבע געטראָפן, און די ווערטער: „מקריב געווען אויפן מזבח פונם פאָטערלאַנד — ער איז געשטאָרבן פאַר אַ הייליקער זאַך — ער איז געשטאָרבן פאַרן נצחון פון אונזער וואָפן״, זענען נישט מער, ווי מיטלען צו פאַרטויבן די יסורים נאָך דיין אומגעקומענעם געליבטן מאַן; אָבער נישט תּמיד קען מען נעמען באַטויבונגס־מיטלען, סוף כּל סוף וועלן זיי אויפהערן צו ווירקן״, האָט ווייטער איינגערוימט די ווייטיק, וועלכע האָט געוואָלט געפּילט ווערן, זי איז אָבער געווען אַזוי פעסט אַריינגעפּרעסט אין ווערטער, אַז די מלחמה־אלמנה האָט איר קול נישט געהערט.

די פאַרשטיינערטקייט פונם געפיל, פון דער ווייטיק איז געווען נישט צום דורכברעכן; די פאַרשטיינערטע ווערטער־פּליטע — פון כּמה דורות איינגעפּעסטיקט אינם עמפּינדלעכן, געדאַנקענלאָז־גלויביקן מוח פונם פאָלק — איז געווען אַזוי אומדורכדרינגלעך, אַז די נאָך נישט דורכגעווייטיקטע יסורים האָבן אפילו אויף קיין איין רגע נישט געקאָנט דערגרייכן צום האַרץ.

דער אויסדרוק פון דער אלמנהס פּנים איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן פאַרשטיינערטער. נישט דאָס געפיל און נישט די ווייטיק האָבן עס געקאָנט באַוועגן. די טרערן זענען געקומען נישט פון האַרץ; זיי זענען געפלאָסן אויבן־אויפיק.

עס איז אָנגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטער בריוו פון איר טויטן מאַן. די ווייטיק האָט זיך פאַרקליבן אינם דאָזיקן בריוו אַריין. באַיעדן וואָרט, וואָס די פרוי האָט געלייענט, האָט זי געוואָלט אין איר האַרץ אַריינשפּרונגען.

עס איז אָבער געווען פאַרשטיינערט.

אינם בריוו איז געשטאַנען וועגן שוך=גרובנס, וועגן שונאכ שיסעריי, וועגן עסן. „איך רייכער אַצינד אַ סך, דאָס מאַכט לייכטער", האָט דער טויטער מאַן געשריבן. „און ווען וועל איך דיך ווידער זעען? שיק מיר אַ וואָלן אונטערהעמד; ס'האָט זיך געמאַכט קאַלט. און בלייב מיר טריי".

די שטיינערנע פּליטע האָט זיך אַ רוק געטון. די וויטיק האָט געטון אַ הייסן צאַפּל. נישט אויף לאַנג. דערנאָך איז די פּליטע ווידער געבליבן פעסט ליגן. דער אַלמנהס פּנים, וואָס איז אויף איין רגע שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן, האָט צוריק באַקומען דעם פאַרשטיינערטן אויסדרוק. אין איר מוח איז ווייטער אַנטשטאַנען אַ פאַרפּלאָנטערטער נעפּל, פון וועלכן ס'האָט זיך בלויז אַרויסגעשיילט דער מטושטושדיקער געדאַנק: „צוויי אַזעלכע וואָלענע העמדער מוזן נאָך אוודאי זיין. טריקאָ=העמדער. ער וועט תמיד קענען איינס אויסוואַשן, ווען ער וועט דאָס אַנדערע האָבן אויף זיך... זיי מוזן אוודאי ערגעץ זיין".

זי האָט געעפנט די שאַנק. אַנגענומען דאָס אונטערהעמד בײַ די אַרבל-שפּיצן, באַטראַכט. „בלויז אַ קנעפּל באַדאַרף מען צונייען".

די וויטיק האָט זיך פאַרקליבן אין אונטערהעמד אַריין; זי האָט אין אַלמנה=האַרץ נישט געקענט זיך אַריינקריגן צוליבן נעפּל, וואָס איז אין איר מוח אַנטשטאַנען.

בשעתן צונייען דאָס קנעפּל, האָט זי אין די געדאַנקען שוין איינגעפּאַקט דאָס אונטערהעמד און אַוועקגעטראָגן עס אויף דער פּאָסט: עס ווערט אַוועקגעשיקט צום פראָנט, דער טויטער מאַן פּאַקט עס אויף, טוט עס אָן.

מיטאַמאָל איז דער נעפּל פאַרשוווּנדן געוואָרן. און איר גאַנץ וועזן האָט, ווי וועלנדיק זיך ראַטעווען, זיך אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער: „איך האָב מיין מאַן מקריב געווען אויפן מזבח פון פאָטערלאַנד, פּאַר אַ הייליקער זאַך... פּונקט אַזוי ווי אַנדערע פרויען, ווי צוויי מיליאָן פרויען... נישט מיך אַליין האָט דאָס געטראָפן".

זי האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס העמד אין דער שאַנק. דאָרט איז געהאָנגען אַ פּאָר אַלטע הויזן. די קניען פון די דאָזיקע הויזן זענען געווען אַ ביסל העלער און אַרויסגעשטופּט, גלייך ווי דעם מאַנס קניען וואָלטן נאָך געשטעקט דאָרט אינעווייניק.

זי האָט מיטן פינגער אַ גלעט געטון די אַרויסגעשטופּטע הויז־קני, אין וועלכער ס'איז געזעסן די ווייטיק: לויערנדיק, גרייט צו שפּרינגען.

און קוקנדיק אויף די צעוויגטע הויזן, האָט זי ווידער, ווי וועלנדיק זיך ראַטעווען, זיך אָנגעכאַפּט אָן דער קלייניקער באַפרי־דיקונג: „די דאָזיקע הויזן וואָלט ער דאָך סיי־ווי־סיי שוין נישט גע־קאָנט לאַנג טראָגן".

זי איז אויטאָמאַטיש אַרויס פון שטוב, כדי איינצוקויפן פאַר דער באַלעבאַטישקייט. „לאַנג וואָלט ער זיי שוין נישט געקאָנט טראָגן... ווען ער גייט צו מענטשן, כדי זיי צוצורעדן, זיך צו לאָזן פאַרזיכערן, און איז נישט גוט געקליידט, ווער וואָלט בײַ אים וועלן אָננעמען די פאַרזיכערונג... אויב ער זאָל נישט זיין גוט געקליידט. מענטשן האָבן דאָך באַלד אַ חשד".

זי איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד. דאָס פּנים אָן לעבן, בלאַס, די אויגן אָן לעבן: נישט פאַרגליווערט, נישט רויק, נישט שיינענדיק; עס האָט אויסגעזעען ווי טויט. ווי פון גיפּס אויס־געגאָסן. איר קערפּער האָט זיך מעכאַניש באַוועגט פאָרויס, צו דער קאָלאָניאַל־קראָם.

„אָבער בעת ער פלעגט אין אָוונט אַהיימקומען, נאָכדעם ווי עס האָט אים אָפּגעגאָלטן צו שליסן עטלעכע אָפּמאַכן. ווי שיין! די פּראָצענטן!... ס'זענען פאַרהאַן עטלעכע זייער איינגעשפּאַרטע, נאָט, וויפיל מאָל איז ער שוין געווען בײַ זיי! זיי זענען זייער רייך, זיי וואָלטן זיך פאַרזיכערט אויף אַ גרויסער סומע; עס זאָל אים נאָר געלינגען צו שליסן אָן אָפּמאַך... די פּראָצענטן! אפשר אויב ער זאָל נאָכאַמאָל אַהינגיין, ווער ווייסט?... ער וואָלט באַ־דאַרפט נאָכאַמאָל אַהינגיין".

דער אַלטער קאָלאָניאַל־סוחר, פון וועלכן ס'האָט זיך געשפּירט

נאַפּט, האָט באַדינט די מלחמה־אַלמנה מיט אַ באַזונדערער אויפ־מערקזאַמקייט און איידלקייט.

און אין איר באַוווסטזיין איז ווייטיקלעך־שנעל ווידער קלאָר געוואָרן דער פאַרפאַלענער פאַקט, אַז צו די עטלעכע איינגעשפּאַר־טע רייכע לייט קאָן שוין איר מאַן נישט גיין, ווייל ער לעבט דאָן אַצינד נישט.

איר פּנים איז פאַרפינצטערט געוואָרן. און דער קאָלאָניאַל־סוחר האָט נאָך בולטער אַרויסגעוויזן, אַז ער פאַרשטייט זייער גוט, וואָס דאָס הייסט פאַר אַ פרוי, אַ מאַן צו פאַרלירן. זיין אויפ־מערקזאַמע דינסט־גרייטקייט, מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען אי־רע באַשטעלונגען, האָבן אויף איר גוט גע ירקט. ער האָט מיט אַ לייכטן דריק אַנידערגעלייגט פאַר איר דעם אָנגעפּולטן בייטל און זיך עטוואָס איינבייגנדיק אַריינגעקוקט איר אין די אויגן.

און די באַלעבאָסטע אין איר האָט אַ פרעג געטון, צי קאָן זי איצט אויך נאָך באַקומען די קאַווע אויף דער אַלטער פרייז.

ער האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען: עס טוט אים לייד. ער האָט אַ הייב געטון אינדערהייך דאָס ברעטל פונם קרעמער־טיש, זיך פאַרבייגעשאַרט פאַרויס און געעפנט פאַר איר די טיר: „די פרייזן זענען איצט געוואַלטיק געשטיגן. גאָרנישט משער צו זיין". עס טוט אים באמת זייער לייד, אָבער מען קאָן גאָרנישט טון דערצו.

אָן איינגעבויגענע איז זי פאַמעלעך אַרויס, פאַרביי אַ זיך שפּילנדיק קינד, וואָס האָט מיט אַ פאַרשטענדיק געפיל אָנגעשטעלט אויף איר דעם בליק. דאָס קינד האָט זיך צוריקגעצויגן, אָפּטרעטנ־דיק איר דעם וועג און איר נאָכגעקוקט.

אַז זי איז אַ מלחמה־אַלמנה, דאָס האָט יעדער געזען. אפילו די מענטשן אין טראַמוויי האָבן דאָס באַלד דערפילט, זיי האָבן זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק. וואָרים דאָ קען מען גאָרנישט העלפן: מלחמה איז מלחמה, מוזן אומקומען מענער. קיין שום רחמנות וועט דאָ נישט פועלן. רחמנות וואָלט דאָ געווען בלויז אַ שוואַכ־קייט, און חוץ דעם האָט נישט איינעם דאָס געטראָפן.

די מלחמה־אַלמנה גלאָצט מיט די אויגן, ווי אַ מענטש, וואָס

בייט אָפּ אין בלוט. און קיינער קוקט זיך אפילו נישט אום אויף איר. זיי גראָבן איין די פּנימער אין די נאָך פייכטע צייטונגען און לייענען די נייעסטע ידיעות וועגן נצחונות: וויפיל עס זענען דאָ געפאַנגענע פון שונא, וויפיל אומגעקומענע. זיי פרייען זיך און באַשליסן פעסט: „נישט לאָזן זיך... מיר וועלן זיי ווייזן".

„זיבן טויזנט!" לייענט אויפן קול אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער און וואַרפט אַ בליק אויף דער מלחמה־אַלמנה. „זיבן טויזנט געפאַנגענע! שרעקלעכע פאַרלוסטן! גאַנצע בערג מתים באַם שונא!"

פּנימער האָבן אויפגעשיינט. פרייד־אויסרופן זענען דורכגעלאָפן איבערן וואַגאָן. הענט האָבן געפּאַטשט. באַפרידיקטע שנאה איז געזעסן אויף די בענק.

דער אלמנהס טויט־בלויע אויגן זענען איצט פינצטער געוואָרן. „וואָס שטייט דאָ? בערג מתים פון שונא? בערג?"

דאָ האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין טיר פון פּלאַטפאָרם דער קעלנער, פּונקט ווי אַ פרעמדער, וואָס רייסט זיך אַריין אומגעריכט און אומגעבעטן אין אַ געשלאָסענער געזעלשאַפט: „מיט וואָס פרייט איר זיך דאָס אַזוי? מיט וואָס?... ווייל עס ליגן איצט ווידער עטלעכע טויזנט אייערס גלייכן אויפן פעלד פון... רום? פאַרבלוטיקט און צעריסן! אָטעמענדיק נאָך, אָדער שוין טויט!... אפשר געפינט זיך דאָרט אויך אייער זון צווישן די צעטרעטענע קרבנות. און ער ליגט פון דער נעכטיקער שלאַכט אָן אַ שווער פאַרוווּנדעטער אָן הילף צווישן טויטע און גלאָצט אויף זיין פוס, וועלכער געפינט זיך צוויי מעטער ווייטער. צי מיינט איר, אַז אייער זון האָט געוווּסט די אמתע סיבה, וואָס האָט גורם געווען, ער זאָל ווערן אַ מערדער, איידער ער אַליין איז דערמאָרדעט געוואָרן?" האָט ער געפרעגט, באַמיענדיק זיך איינצוהאַלטן זיין אויפרעגונג, דעם גוטמוטיקן אַלטיטשקן, פון וועמעס פּנים ס'איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער פרייד־אויסדרוק און זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ גרענעצלאָזע דערשטוינונג.

דער צוואַנציק־יעריקער, וועלכער איז פון דעמאָלט אָן, זינט

דער קעלנער האָט אין זיין היימאַט־שטאָט אויפגעוועקט די הער־צער צו ליבע, מיטגעפאָרן מיט אים איבער שטעט און דערפער, איז איצט, שטייענדיק כלומרשט גאַנץ גלייכגילטיק אויף דער פּלאַט־פאָרם, פּלוצלינג מיט שנעלע טריט אַריין אין וואַגאָן, גלייך צום אָפיציר, וועלכער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר שטרענגע גלעזערנע אויגן: „שטייט אויף קעגן דער מלחמה. פּראָטעסטירט! אַלע! אַלע!"

„איר זאָלט שטיל זיין! דאָ רעדט מען נישט אַזעלכע זאַכן", האָט דער קאָנדוקטאָר אַ זאָג געטון.

„הערט אויף זיך צו פרייען, וואָס אָקסן און קעלבער ווערן געשאָכטן מער מענטשלעכער, איידער מענטשן, איידער אייערע מענער".

עטלעכע סעקונדעס לאַנג האָט דאָס שרעק־געשפּענסט פון אמת אַרומגעשוועבט אין וואַגאָן.

„ווען מען זאָל זיך דאָס אַזוי גוט איבערלייגן, זענען עס דאָך אויך מענטשן... די שונאים", האָט עמעצער אַ זאָג געטון און אַליין זיך געחידושט, וואָס ער האָט דידאָזיקע ווערטער אַרויסגע־רעדט.

באַלד אָבער זענען אַלע צוריק דערלייזט געוואָרן דורכן גוט־מוטיקן אַלטיטשקן, וועלכער האָט זיך געהאַט באַרויקט: „יאָ, מענטשן! טאָ פאַרוואָס־זשע זענען זיי אויף אונז אָנגעפאַלן?... האָבן מיר אפשר נישט באַדאַרפט זיך פאַרטיידיקן?"

דאָס לעבן האָט זיך ווידער צוריקגעקערט צום פריערדיקן: קעפּ האָבן הסכמהדיק צוגעשאָקלט. אויגן האָבן געוואָרפן גלאַנציקע און פאַרביסענע בליקן. די מלחמה־אַלמנה האָט זיך שטייף אויסגע־גלייכט.

דער גוטמוטיקער אַלטיטשקער האָט געפּיקט מיטן פינגער אויף דער צייטונג און אויסגערופן מיט שנאה און שמחה: „אונזע־רע פאַרלוסטן זענען גאָר קליינע. אָט דאָ שטייט עס".

„עס הייסט כּסדר: „אונזערע פאַרלוסטן זענען קליינע", טאָ פונוואַנען נעמט זיך עס, וואָס מיר האָבן שוין ביז אַצינד מער פון צוויי מיליאָן טויטע? הייַנט וויפיל זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען

אַזוי ווי איך, אויפן גאַנצן לעבן צעבראָכן ?" האָט זיך אָנגערופן אַן אינוואַליד געוואָרענער זעלנער אין אַ טאָן, אין וועלכן ס'האָט זיך אויך געפילט שנאה, אָבער פון גאָר אַן אַנדערן קוואַל, און דרייסט געקוקט דעם אָפיציר אין פּנים אַריין.

„גאַנצע בערג מתים פון שונא !" האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און צוזאַמענגעלייגט די צייטונג.

די ווייטיק נאָכן טויטן מאַן איז פאַרשיט געוואָרן מיט אַ באַרג מתים.

די צייט איז געגאַנגען. מיט דער הילף פונם גלויבן, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן פאַר אַ הייליקער זאַך, פאַרן נצחון אויפן פעלד פון רום, און מיט דער נחמה, אַז מיליאָנען פרויען האָט דאָס זעלבע געטראָפן, וואָס זי, האָט זי נאָך אין די גאָענטסטע וואָכן נישט צוגעלאָזט צו זיך די ווייטיק.

קרעדיטאָרן האָבן צוגעשיקט רעכנונגען, דערנאָך דערמאָנונגס-בריוו, דערנאָך דראָאונגס-בריוו. אין וועלכע ס'איז תמיד געשטאַנען דער זאַץ: די צייטן זענען שלעכטע, היינט באַדאַרף יעדער זיין געלט; דערנאָך קורצע מיטטיילונגען, אין וועלכע ס'איז אָן צערעמאָניעס אָנגעזאָגט געוואָרן אַן אַרעסט אויפן פאַרמעגן.

דאָס האָט די מלחמה-אלמנה, וואָס איר מאַן איז אומגעקומען אויפן פעלד פון רום, נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך. דאָסדאָזיקע אומבּרחמנותדיקע, אומגערעכטיקע האַנדלען האָט איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס איז איר ביז איצט צוהאַנען געקומען, דאָס האָט איבערגעשטיגן, ווען זי האָט זיך עס גוט איבערגעלייגט, אפילו די אומגערעכטיקייט, וואָס איר מאַן, גראַד איר מאַן, דער אָרעמער פאַרזיכערונגס-אַגענט, וועלכער האָט נאָך פאַר דער קריג מלחמה געהאַלטן מיט זיין בויט, האָט געמוזט גיין אויפן שלאַכטפעלד און אומקומען.

זי האָט אַ פאַרשטיינערטע זיך אַרומגעטראָגן מיטן געפיל און נעפייניקטן געזיכט-אויסדרוק פון אַן אומשולדיק גערודפטן מענטש, ביז די פאַרשידנסטע טאָג-טעגלעכע איבערלעבענישן האָבן זי געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס לעבן האָט נישט קיין שום אייבזעעניש מיט איר גורל, וועלכער איז סוף כּל סוף דער גורל פון

מיליאָנען מלחמה=אלמנות, נאָר אַלץ גייט זיך זיין וועג ברוטאַל פּאַרויס, בשעת עס האַנדלט זיך וועגן געלט=ענינים, אָדער פּערזענלעכע פּניות.

תּחילת האָט זי זיך דעמדאָזיקן ביטערן אמת אַנטקעגנגעשטעלט מיט אַזוי פיל עקשנות און בלינדן צאָרן, וויפיל ס'קאָן זיך נאָר געפינען אין אַ מענטשלעכן גוף.

דאָס לעבן איז אָבער געווען עקשנותדיקער און עס האָט טאָג איין טאָג אויס געפּרעסט מיט אַזאַ מערדערישער איינטעניקייט, אַז די אלמנה איז מיד געוואָרן פונם דאָזיקן צוועקלאָזן צאָרן.

די נאָך נישט דורכגעווייטיקטע ווייטיק האָט געהאַט צייט, זי האָט געקאָנט וואַרטן, ביז אַלע פּאַנצערס — דער מזבח פונם פאָטערלאַנד, דאָס פעלד פון רום און די חצי נחמה, אַז מיט צוויי מיליאָן פרויען האָט דאָס זעלבע געטראָפן — זענען צעריגען און צעשווומען געוואָרן און אויף הפקר איבערגעלאָזט דאָס האַרץ פון דער מלחמה=אלמנה פאַר דעם שפּרונג פון דער ווייטיק גלייך אין דער אלמנהס האַרץ אַריין.

און טאָמער איז עס דעם טאָג נישט געראָטן אינגאַנצן, האָבן עס די חלומות פאַרענדיקט. נאָך דעם טאָג, אין וועלכן אַ באַקאַנטער האָט אַזוי זיך, כּלאחר יד, געמאַכט אַ באַמערקונג: „ליבע פרוי, די צייט היילט אַלע לייד", איז אָנגעקומען די חלומותפולע נאַכט, אין וועלכער די ווייטיק האָט מיט אַ וווּנדערלעכער דייטלעכקייט דערקלערט: „אָבער די נאָך נישט דורכגעווייטיקטע ווייטיק קאָן די צייט נישט היילן. צי קאָן דען ליבע פאַרגיין, איידער זי איז אַנטשטאַנען און דורכגעפילט געוואָרן?... צום ערשט מוז די משוגענערווייז זינגענדיקע, מערדערישע ווייטיק דורכגעפילט ווערן, איידער די צייט וועט זי קאָנען היילן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך דער אַלמנה געחלומט: דער מאַן איז אַהיימגעקומען זייער שפּעט. זי ליגט שוין לאַנג אין בעט. זי איז בייז, זידלט: „וווּ שלעפּסטו זיך דאָס אַרום!"

„טע, טע, איך מעג דאָך אויך אַמאָל אַ ביסל זיך פאַרווײלן".

„טאַקע! און איך?"

ער טוט זיך אויס (יעדע תּנועה זיינע איז איר געניי באַ-

קאָנט) און לייגט זיך לעבן איר אין בעט אַריין. זי באַטראַכט דאָס אַלץ פון אונטער די וויעס אַפער, זי הערט ווי ער זיפצט אָפּ מיט דערלייכטערונג און זי וואַרט אויף זיין באַגערנדיקע האַנט. זי טוט אַ לייכטן הוסט כדי אים לייכטער צו מאַכן דאָס דערנענטערן זיך צו איר, זי באַוועגט זיך מיטן קערפער, רייצט אים, ביז דער מאַן רוקט זיך צו איר צו.

אַלץ וואָלט געווען געקענט זיין גאָר ווויל, ווען זי וואָלט זיך נישט פלוצלינג אַרומגעזעען, אַז נישט איר מאַן, נאָר עפּעס אַ פרעמדער וויל זי אַרומנעמען.

„עס וועט קיינער נישט וויסן", זאָגט דער פרעמדער. און זי טראַכט זיך דערביי: דאָס איז אמת, עס וועט טאַקע קיינער נישט וויסן. און זי איז גרייט. און אַלץ וואָלט געקענט זיין אין בעסטער אָרדנונג, ווען ס'וואָלט זיך נישט אין דערבייאיקן צימער אַרומגעדרייט אַ מענטש, וועלכער קען יעדע רגע אַריינקומען אין שלאָפצימער. דער דאָזיקער מענטש איז די ווייטיק נאָכן טויטן מאַן, זי טראָגט אויף זיך אַ גרויען אוניפאָרם, די ביקס אַריבערגעלייגט איבער דער פּלייצע.

אַצינד שטייט זי אויף דער שוועל, עס איז שוין אָבער נישט די ווייטיק אין אוניפאָרם, נאָר דער פרעמדער, בײַ איר ווידער אין בעט ליגט גאָר די ווייטיק, וואָס איז גלייכצייטיק אויך איר מאַן.

זי וויל איר מאַן צו זיך נעמען און קאָן נישט, ווייל דער פרעמדער, וואָס שטייט אויף דער שוועל, לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג. און ווען דער פרעמדער גייט ענדלעך אַוועק, צוקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר און לאָזט זיך שטאַלפּערנדיק אַראָפּ דורך די טרעפּ, קאָן איר מאַן בשום אופן נישט אויסטון דעם אוניפאָרם. און די ביקס ליגט כסדר צווישן אים און איר.

„די ביקס קאָן נאָך אויסשיסן", זאָגט זי, „נעם אַוועק די ביקס". זי וויל אים צוהעלפן.

און זי קומט אויף. זי רופט דעם מאַן, האָרכט זיך איין. און טאַפּט אַרום דאָס בעט. „אַזאַ געמיינהייט! אַצינד איז ער נאָך נישט אינדערהיים". זי זידלט! „אַזאַ טויגעניש!"

דער מאַן לאַכט: „שוין צוויי שעה ווי איך ליג לעבן דיר, און דו האָסט עס גאָרנישט באַמערקט".

זי איז צופרידן און צעלאַכט זיך אויך. ער טוט זיך אויס, דערנענטערט זיך צו איר. און ווידער ליגט ווי אַ שטערונג צווישן זיי די ביקס מיט אַ בוקעט בלומען אין דעם רער־לאָך. „נעם שוין אַמאָל אַוועק... וואַרט, איך וועל אויפדרייען באַם ליכט".

מיט דער האַנט אויפן שאַלטער קומט זי דאָס מאָל אויף אַן אמת אויף, זי דרייט אויף דאָס ליכט, זוכט לעבן זיך אינם ליידיקן בעט. „דער געמיינער יינג איז נאָך נישט דאָ".

אַצינד ערשט טוט אַן אומזעבאַרע פויסט אַ כאַפּ אַן דאָס האַרץ. און בעת זי וויל זיך אַרויסדרייען פון דער ווייטיק מיט דער הילף פון די ווערטער: „ער איז געשטאָרבן מיט אַ העלדן־טויט", דריקט די פויסט צוזאַמען דאָס האַרץ.

„מיר איז געשען דאָס זעלבע, וואָס אַלע אַנדערע פרויען", באַמיט זי זיך צו פליסטערן. אָבער אירע ליפּן קענען די דידאַקטיקע ווערטער נישט אַרויסברענגען. די באַגריפן „פאָטערלאַנד, העלדנ־טויט, פעלד פון רום" ווערן צעשוווּמען, פאַרזינקען אין אַ הוילער פוסטקייט אַנטקייגן דער אומרחמנותדיקער ווירקלעכקייט, אַז דער מאַן וועט שוין צו איר קיינמאָל נישט קומען.

און פונקט ווי אַ מענטש, וואָס האַלט אויף זיין האַנט אַ ברעטעלע און שטעלט דערויף אַן די בויער־מאַשין, פילט אַן שום ווייטיק בלויז דאָס אומדייטלעכע מאַנאָטאָנע עגבערן, אַזוי האָט זי אַ פאַרשטיינערטע געפילט, אָן ווייטיק נאָך, דאָס שנעלע, אומפאַר־מיידלעך זיך דערנענטערנדיקע עגבערן ביז די ווייטיק האָט ענד־לעך דורכגעבראָכן די לעצטע מחיצה און אַריינגעדרונגען, ווי דער עגבער אין האַנט אַריין, אינם האַרץ פון דער נאָך פאַרשלאָפענער מלחמה־אַלמנה.

זי האָט אויגנבליקלעך און מיטן גאַנצן כוח פון איר וועזן ווידער געפּרוּווט אַנצוווענדן די באַגריפן „הייליקע זאַך, מזבח, פעלד פון רום, העלדנטום", ווי באַטויבונגס־מיטלען קעגן דער ווייטיק.

עס איז איר אָבער שוין נישט געלונגען אָנצופילן דידאָזיקע באַגריפן, ווי ביז איצט, מיט אַ גלויבן אין זיי, מיט פאַלשער עמפינדונג, מיט אַ וועלכן ס'איז תוכן.

און די ווייטיק נאָכן טויטן מאַן, אַרייַנגעפּרעסט אינעם קלייַנעם צייט־שטח פון עטלעכע סעקונדעס, איז פּלוצלינג געוואָרן אַזוי אוממענטשלעך מוראדיק, אַז די מלחמה־אַלמנה, פאַר שרעק גלייך אויפן אָרט נישט אַראָפּצוגיין פון זינען, האָט געמוזט מיט אַ געוואַלטיקן אינערלעכן שפּרונג זיך אַרויסרייסן פון איר ליגנערישן, געדאַנקענלאָזן, עגאָאיסטיש לעבן און זיך דערהייבן צו אַ העכערן מדרגה פון מענטשלעכקייט. זי האָט עמפּינדן דאָס מוראדיק שרעקלעכע געפיל, אַז איר וועזן פאַרמאָגט צו ווייניק כוח צום דאָזיקן שפּרונג, איז זי אַן אויסגעגלייכטע געבליבן זיצן אין בעט און פעסט אַרומגענומען מיט ביידע הענט דעם האַלז, כדי צו דערשטיקן דאָס משוגעת־געשריי, וואָס האָט זיך איר פון דער קעל געריסן. זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס קלייד און ווילד זיך אַ לאָז געטון אַ האַלב־אָנגעטוענע איבער די גאַסן. זי האָט אין די מחשבות געפּרוווט אויסצוגעפינען עמעצן, וועלכער זאָל פון דעם זעלבן אומגליק, וואָס זי, צעבראָכן זיין און וועלכער וואָלט אימשטאַנד געווען צו באַנעמען איר צושטאַנד, וואָס איז שוין נאָנט צו משוגעת. זי האָט אָבער קיינעם אַזעלכן נישט געקענט געפונען אין איר סביבה. אַלע האָבן זיך געטרייסט און אויך זי געוואָלט טרייסטן מיטן מזבח פון פאָטערלאַנד, מיטן פעלד פון רום.

פּלוצלינג האָט פון דידאָזיקע טרייסטלאָזע ווערטער זיך אַרויסגעשיילט דער קעלנער, ווי ער שטייט אין דער טיר פון טראַמוויי: „שטייט אויף! שטייט אויף! פּראָטעסטירט! אַלע! איר מיינט, אַז אייערע זין, אייערע מענער האָבן געוווסט די אמתע סיבה, צוליב וועלכער זיי מאָרדן מענטשן, איידער זיי זענען אַליין דערמאָרדעט געוואָרן?... פרייט אייך נישט מיט דעם, וואָס אָקסן און קעלבער ווערן געשאָכטן מענטשלעכער, איידער מענטשן, מענטשלעכער, איידער אייערע זין און מענער".

אין איר האַרץ האָט זיך מטושטשדיק דערהויבן אַ פּראָטעסט

פאַרנאַכט האָט זי באַם קאָלאָניאַל סוחר אין קראָם געטראָפן די יינגע אַרבעטער-אלמנה, וואָס וווינט אין ווינקל-הויז. איר מאַן איז אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל.

אין משך פון די עטלעכע חדשים איז פון איר געוואָרן אַן אַלטע פרוי; אירע אויגן, וואָס זענען פון וויינען געוואָרן רויט ווי בלוט און אויף אַ העלפט קלענער, האָבן שוין נישט אויסגעזען ווי מענטשלעכע אויגן, נאָר ווי שרעקלעכע וווּנדן, וואָס האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין די אויגנלעכער. איר מאַן איז אומגעקומען. איר וועלט איז אונטערגעגאַנגען. זי אַליין איז אויסגעגאַנגען. זי האָט אויפגעהערט צו לעבן.

באַלאָדן מיט איר שווערן גירל, איז זי אַ צעבראָכענע, אַ צעפּייניקטע געשטאַנען אָנגעלענט באַם קראָם-טיש.

און בעת דער קאָלאָניאַל-סוחר האָט פאָרגעלייענט אויפן קול דעם טאָג-באַריכט: „אונזערע מוטיקע העלדן האָבן פאַרטיידיקט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער מסירת נפש... יעדן שפּאַן ערד", האָט זי מיט אַ שטיל קול געבעטן, ער זאָל איר די דריי בייטלען איינ-פּאַקן אין איין בייטל אַריין, כדי עס זאָל איר גרינגער זיין צו טראָגן.

„אַ שפּאַן ערד! אַ שפּאַן!" האָט אויסגעשריגן די אלמנה נאָכן אַגעגנט, און אַ צעטראָגענע פאַר כעס און עקל, האָט זי דער-זען אַ שטיק ערד, גרויס ווי אַ האַנט-שפּאַן, אויף וועלכן ס'האָט זיך דערהויבן אַ פּיראַמידע פון הונדערטער טויזנטער צעפּליישטע זיגער און באַזיגטע.

דער אַלטער קאָלאָניאַל-קרעמער איז דערשראָקן געוואָרן, בעת זיין שבחים-גיריקער פּאַטריאָטן-בליק האָט אָנגעטראָפן דאָס ווילדע, פון רציחהדיקן כעס אויסגעקרומטע פרויען-פּנים. ער האָט אינסטינקטיוו זיך געוואָלט ראַטעווען מיט די ווערטער: „זיי שטאַרבן מיט אַ העלדנטויט, אויפן פעלד פון רום".

„יאָ, דאָס פעלד פון רום! איר האָט מיין מאַן דערהרגעט. מיין מאַן איז טויט. טויט!"

„אָבער פרוי! און די היימאַט-ערד? זי מוז מען דאָך סוף-

כל־סוף־ פאַרטיידיקן. אונזערע הייליקסטע אוצרות שטייען אין קאָן".

צעפּגעריסענע שטיקלעך מחשבות: „אוצרות, הייליקע... זעענען איינגעשטעלט, היימאַט... בערזע־שפּיל מיט היימאַט־ערד", זענען אַרומגעקראָכן אין דער אַלמנהס מוח. זי האָט אַ שליידער געטון דעם פולן בייטל. „וואָס מיר דאָרט הייליקסטע אוצרות! מיין מאַן איז געווען מיין הייליקסטער אוצר. ער האָט געלעבט, האָט געהאַט אויגן, איר פאַרשטייט — אויגן! ער האָט געהאַט אָרעמס, מיט וועלכע ער האָט מיך געקאָנט אַרומנעמען, און ער האָט געהאַט... געהאַט, געהאַט — ער איז געווען מיין מאַן. יאָ, איר מעגט אויף מיר גלאָצן. ס'איז מיר אַלץ איינס. און וואָס זענען דאָס אַזעלכעס די הייליקסטע אוצרות? ווו זענען זיי? איך האָב זיי נישט. איך האָב נישט, נישט קיין הייליקע, נישט קיין אַנדערע. הייליק! דאָס אַלץ איז נישט מער ווי שקרים און שווינדל! אַך, איר הינט!"

„אָבער פרוי! איר מאַכט זיך דאָך אומגליקלעך, מען וועט דאָך אייך איינזעצן אין תפיסה. מען וועט אייך איינזעצן אין תפיסה, איך זאָג אייך עס פאָרויס, אויב איר וועט זיך אַזוי אויסדריקן וועגן... אונזערע הייליקסטע אוצרות".

„מיך אין תפיסה?"

אין איין רגע האָט דער סוחר דערפילט די מאַכט, וועלכע ס'פאַרמאָגט די מלחמה־אַלמנה און ער האָט גלייכגעלייגט אַ נאָטיץ־ביכל, וואָס איז געלעגן גלייך.

באַ דער אַנדערער מלחמה־אַלמנה האָט די אַלטע ווייטיק אַזוי הויך אַרויפגעריסן די ברעמען, אַז איר שטערן איז איצט באַשטאַנען נישט מער ווי פון דריי גראָבע פאַלדן. פון אירע ווונדן זענען אַרויסגערונען צוויי טרערן און שנעל זיך געקייקלט איבער די איינגעפאַלענע באַקן אינם געעפנטן מויל אַריין. צי קען זי נאָך באַקומען אַ ביסל מאַלץ־קאַווע. איר האַנט האָט פאַמעלעך צוגעשאַרט די געלט־מטבע.

„איינזעצן? דאָס וועלן מיר זען, צי זיי וועלן מיך איינזעצן".

„ליבע פרוי, דאָ טאָרט איר נישט אַזוי רעדן, דאָ בײַ מיר...
איר מוזט זיך טרייסטן, איר מוזט זיך טראַכטן, עס וועט דאָ גאָר־
נישט העלפן. אַ סך מענטשן האָט דאָס זעלבע געטראָפן וואָס אײַך:
יאָ, מיליאָנען האָט דאָס זעלבע געטראָפן.״

„איז אויף ווידערזעען, אויב איר האָט שוין נישט מער קיין
מאַלץ־קאַווע״, האָט אַ זאָג געטאָן די אַנדערע מלחמה־אַלמנה. די
טרערן האָבן זיך געקײַקלט איבער די קנייטשן פֿון איר פּנים און
ציטערנדיק געבליבן הענגען אויף איר קינבאַק. אָנשפּאַרנדיק אָן
דער אײַנגעפֿאַלענער ברוסט דעם גרויסן בײַטל, אין וועלכן די
דרײַ קליינע זענען געווען אײַנגעפּאַקט, איז זי פּאַמעלעך אַרויס
פֿון קראָם.

„וואָס גייען מיך אָן אַנדערע. און ווען עס זאָל אַפֿילו צען
מיליאָן האָבן געטראָפן דאָס זעלבע, דאָס וועט מיר נישט צוריק־
געבן מײַן מאַן״. די ווייטיק האָט זיך פֿאַרקליבן און איז אונטער־
געשפּרונגען אין איר ציטערנדיק פּנים. „מײַן מאַן איז נישטאָ, טויט,
אַוועק, ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען, קיינמאָל נישט, איר
פֿאַרשטייט: שוין קיינמאָל נישט.״

„דאָס איז טאַקע אמת, אָבער פֿאַר וואָס זאָגט איר דאָס מיר?
האָב איך דען געמאַכט די מלחמה? פֿאַרוואָס זאָגט איר דאָס
מיר?

„פֿאַרוואָס?״ האָט זי געענטפֿערט מיט גרויס דערשטוינונג,
„פֿאַרוואָס קומט איר צו מיר מיט אײַערע הייליקסטע אוצרות? איר...
שטייט דאָ און פֿאַרקויפֿט אײַערע סחורות״.

„מיר וועלן זיגן״, האָט ער אַ זאָג געטאָן פּשוט, „וועט זײַן
אויס מלחמה״.

מיט אַ בליץ־שנעלקייט האָט זי זיך געטאָן אַ דריי אַרום זיך
אַליין, גלײַך ווי מ׳וואָלט איר אַ ווייס־אַנגעגליטן אײַזערנעם שפּיז
אַרײַנגעשטאָכן אין לײַב, אַרײַן דורכן קאָפּ־שאַרבן און אַרויס דורכן
בויך. זי האָט אויפֿגעצאַפּלט פֿון אַ גיהנומדיקער ווייטיק. וואָס האָט
איר דאָס האַרץ צעריסן בײַם אויסמאָלן זיך: אָט איז די מלחמה
אויס, אַלע מענטשן פֿרייען זיך אָן אַ שיעור... און מײַן מאַן איז
טויט, ער וועט נישט צוריקקומען. ער וועט שוין קיינמאָל נישט

צוריקקומען! „און וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט מיר? הע? זאָגט! וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון מיר? הע! הע!"

„אָבער זאָגט, כ'בעט אייך, בין איך דען דערין שולדיק? עס וואָלט געפּאַסט, אַז איך... וואָס בין איך שולדיק?"

גלייך ווי זי וואָלט באַשטראַלט געוואָרן פון אַ שאַרף־ווייסן אינטויציע־בליק, איז איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן: „יאָ, דו ביסט שולדיק, דו, דו... איר הינט! אַלע זענט איר שולדיק. אַלע!"

דער סוחר האָט דערויף בלויז אַ הייב געטון מיט די אַקסלען, פּונקט אַזוי ווי ער טוט, בשעת ער וויל גאָרנישט אַראָפּלאָזן פון מקח.

און ווען זי איז שוין געהאַט אַרויסגעלאָפן אויף דער שטאַרק באַלעבטער גאַס, האָט ער איר נאָכגעשריגן: „ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז מען וועט אייך איינזעצן. גאַנץ פּשוט איינזעצן... דאָס בייטעלע מיטן געלט פאַרגעסט זי אויך. זי איז, דאַכט זיך, אינגאַנצן חסר דעה... וואָס פאַרלאַנגט איר?"

די קונהטע האָט פאַרלאַנגט נאַפט, זי האָט אַנידערגעשטעלט דאָס קענדל אויפן קראָם־טיש.

„נו, האָב איך דאָ געהאַט אַצינד מיט איינער", האָט ער אַ זאָג געטון און אָנגעהויבן דערציילן דער נייער קונהטע די גאַנצע מעשה... „נו וואָס זאָגט איר דערצו?"

„זי איז גערעכט", האָט די פרוי אַן אָנגעברוגזטע אַ זאָג געטון. „וואָס קומט אונז דען אַרויס דערפון, אַז זיי וועלן דאָרט איינעמען נייע מדינות. מיר וועלן דערפון גאָרנישט האָבן".

„אייער מאַן איז אויך אויף דער מלחמה?"

„ער איז שוין טויט, אויב איר ווילט וויסן".

„ער איז אומגעקומען פאַר אונזער גערעכטער זאַך, אַזוי, פרוי, מוזט איר אויך אַליין זאָגן".

„יאָ, זאַך", האָט די פרוי אַ זאָג געטון מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווי אַ הונט, וואָס בורטשעט איינגעהאַלטענערהייט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן דאָס, וואָס זי דערציילט יעדן: „דעם קאָפּ זיינעם האָט מען נישט געפונען. בלויז דעם איבעריקן טייל גוף. זע-

נען קיין סמנים נישט געווען, דערפאַר האָט מען מיר תחילת נישט געוואָלט געבן קיין שטיצע".

„אָבער אַצינד באַקומט איר דאָך שוין, ווי ?"

„מיינע צוויי זין האָבן אויך שוין די פּיס אויסגעצויגן. אויפן מערב־פראָנט".

„אַצינד באַקומט איר דאָך שוין ?"

„איך פייף דערויף. איך פאַרדין מיר אַליין. איך וויל גאָר נישט נהנה זיין פון דידאַזיקע..."

דער פאַרזיכטיקער קאָלאָניאַל־קרעמער האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס, ווייל עס זענען אַריינגעקומען נייע קונים.

„דאָרט פאָרנט אויפן פּלאַץ שטייט אַ המון מענטשן. עמעצער רעדט קעגן מלחמה", דערציילט אַ גרויער אַלטער מאַן, וועלכער איז געקומען קויפן ציגאַרן. „פּלוצלינג קומט אָנצולויפן אַ פרוי. זי איז איינגעאָנצן צעטראָגן. שרייט און שעלט גאָר אויפן העכסטן אופן... וואָס קאָן דער פּאָליציימאַן מיט איר מאַכן: — זי איז אַ מלחמה־אַלמנה".

„אַזוי, זי שרייט ? מסתּמא וועט מען זי אַריינפּאַקן... אויב זי וועט אַ סך רעדן".

„נו, גאָר אַזוי פּשוט נעמען און איינזעצן איינע, וואָס האָט איר מאַן פאַרלוירן אין דער מלחמה, קאָן מען אויך נישט... זי האָט דאָרט איר מאַן פאַרלוירן. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט".

„אָבער דאָס פאָטערלאַנד איז דאָך סוף־כּל־סוף אויך נישט קיין קלייניקייט. און... אונזער קולטור, האַ ?"

דער אַלטער פאַררייכערט זיין ציגאַר: „דאָס איז אויך אמת, אוודאי... פאָטערלאַנד... אוודאי... אָבער אַז איינע פאַרלירט..."

„נו, דערמיט זענט איר אויך גערעכט".

..."אַ מאַן, קאָן זי שוין ווילד ווערן. דאָס איז גרינג צו פאַרשטיין... עס איז דאָרט אַ געוואַלטיקער צוזאַמענלויף פון מענטשן. דריי טויזנט מענטשן אוודאי. און אפשר גאָר פיר טויזנט. די פרויען שרייען... גלייך מען וואָלט זיי געקרייציקט, גלייך זיי

מ'וואָלט יעדע איינע געקרייציקט. דער רעדנער קאָן אַזש נישט רעדן... איך בין אוועקגעגאַנגען. איך וויל נישט האָבן צו טון מיט אַזעלכע זאַכן. איך בין אַן אַלטער מאַן". איבעריקנס, האָט ער זיך שוין לאַנג געווונדערט, וואָס די מלחמה־אַלמנות האָבן ביז אַצינד...

„יאָ, דאָס גלייכסטע איז, זיך נישט צו מישן אין די זאַכן".

די זעלבע מיינונג האָבן אויך געהאַט טייל מענער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער שרייענדיקער אַלמנה נאָכן אַגענט און דעם שטום־שווייגנדיקן קעלנער. די פרויען אָבער האָבן נישט געהאַט דידאָזיקע מיינונג; עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען אַ סך מלחמה־אַלמנות און מוטערס, וואָס האָבן זייערע זין פאַרלוירן.

דער פּאָליציימאַן האָט געזאָגט: „הערט שוין אויף צו שרייען".

די אַלמנה נאָכן אַגענט האָט געשריגן: „איך וועל שרייען!"

איינער אַ בירגער האָט אַ זאָג געטון: „מען וועט זי אַרעסטירן". און איז אַהיימגעגאַנגען.

דער קעלנער איז געשטאַנען אויף אַן איבערגעקערטן וואָגן.

דער טראַמוויי האָט נישט געקאָנט דורכפאָרן. דראָזשקע־פּי־רער זענען געשטאַנען אויף די פאָדערשטע זיץ־פּלעצער פון זייערע דראָזשקעס, די פּאַסאַזשירן האָבן אַרויסגעבויגן דורך די וואַגאָן־פענצטער דעם איבערשטן טייל קערפּער, שיף ווי גאָטישע געשטאַלטן. דער המון איז שנעל געוואַקסן. אפילו די זייטיקע געסלעך, וואָס פירן צום פּלאַץ זענען שוין שוואַרץ געווען פון מענטשן...

דער פּאָליציימאַן האָט אָנגעכאַפּט די מלחמה־אַלמנה באַם אָרעם:

„גייט שוין אַמאָל אַהיים".

„אַהיים? איך האָב דען אַ היים?" איר לאַכן האָט אָפּגע־קלונגען ווי דאָס ברילן פון אַ טיגער און אַרויסגעריסן אַ חוזק־גע־לעכטער פון טויזנטער פרויען־מיילער. מיט אַ האַסטיקן ריס האָט זי זיך באַפרייט פונם פּאָליציימאַנס פויסט,

פֿאַר דעם פֿאָליציימאַנס אויגן איז פֿלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ פּרויען־פּנים, וואָס האָט זיך געקרומט אין אַ חוזק־גרימאַסע: „פּרוּווט נאָר איר אַהיימצוגיין אין אַ היים, אין וועלכער ס'איז קיינער נישטאָ“.

„שוין פֿונאַנדערגיין זיך!“ האָט דער פֿאָליציימאַן געשריגן.

„מאַכט אייך נישט אַליין אומגליקלעך“.

בײַ די מלחמה־אַלמנות האָט דאָס געקלונגען ווי אַ חוזק.

„כ'בין שוין אומגליקלעך. אומגליקלעכער קען איך שוין נישט ווערן“, האָט די אַלמנה נאָכן אַגענט געשריגן, נאָך אַלץ מיט דעם צעווייטיקטן געשריי, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ חיהש ברומען.

די זעלבע געפֿיל־כוואַליע האָט גלייכצייטיק אַ שטראָם געטון דורך אַלע אַלמנהשע לײַבער. און אַלע מײַלער האָבן צום פֿאָליציימאַן צוזאַמען געשריגן: „מיר זענען שוין אומגליקלעך. אומגליקלעך!“

די אויסגעשרייען האָבן זיך פֿאַרייניקט און צונויפֿגעגאָסן אין איין טויזנטפֿאַכיקן, ווילדן געשריי אָן ווערטער. פֿונדערווייטנס האָט עס אָפּגעקלונגען ווי קירכן־געזאַנג.

אַ ליאַרם. אַ געפֿילדער. דער המון האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַמעלעך זיך באַוועגנדיקן ריזן־גוף, וואָס האָט אַראָפּגעשלייִדערט פֿון זיך דעם יאָך פֿון אָרדנונג און זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אַנאַרכיסטישער פֿרייהייט.

דער פֿאָליציימאַן האָט פֿלוצלינג באַקומען דאָס אויסזען פֿון אַ הילפֿלאָז קינד. ער האָט מיט אַ זײַטנוועג זיך דורכגעשטופּט דורך דער כּבֿודיק ענגער, מיט מענטשן פֿאַרפֿלייצטער, גאַס און איז נעלם געוואָרן.

די אַלמנה נאָכן אַגענט האָט מיט דער האַנט געמאַכט קורצע, אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען, וועלכע האָבן באַגלייט די ציטערנדיקע גרימאַסן פֿון איר פּנים און זי האָט זיך באַמיט פֿאַרשטיין צו געבן די אַרומיקע, וואָס פֿאַר אַ ווייטיק עס איז, ווען עס קומט איר פֿאַר די אויגן אַן אַלטער אַנצוג, אַ טריקאָ־העמדל, אָדער אַ פּאָר אָפּגענוצטע הויזן פֿון איר טויטן מאַן. „איך קוק אויף דער שטול, אויף וועלכער מײַן מאַן פֿלעגט זיצן, איך קוק אויף דער

שטול... און אַז איך דערזע אונזער שרייב-טיש, לעבן וועלכן מ'יין מאַן איז אָפט געשטאַנען, איז דאָס שוין גאָר קיין שרייב-טיש נישט"...

אַלע האָבן דערזעען שטיין אין אַ ווינקל פון צימער דעם לאַקירטן שרייב-טיש, פון וועלכן ס'האָט געווייעט אַן איינזאַמקייט און דערשלאָגן דאָס מינדסטע אויפשפּראָצן פון האָפנונג. צווייטיקע הילפסלאָזיקייט האָט קלאַנגלאָז אַ שוועב געטון איבער די מענטשנס פּנימער און באַשאָפן בײַ אַלעמען אַ טויטן בליק.

דאַן האָט דער קעלנער אַ ריר געטון די בענקשאַפט-סטרונע און אויסגעשריגן: „מיר ווילן שלום!"

און באַלד האָבן זיך די מענטשלעכע פּנימער פונאַנדערגעעפנט; אַ וואָלקן פון הייסע געפילן האָט זיך צוזאַמענגעקנוילט און אויפגעפלאַצט: דאָס וואָרט „שלום" האָט זיך הויך פונאַנדערגעקלונגען און מינוטן-לאַנג געדונערט אַרום דעם קעלנער, וועלכער האָט איצט אין טיפע יסורים אויסגעראַנגלט בײַ זיך דעם אָנטשלוס, אַ שליידער צו טון אין דער פּלוצלינג געוואָרענער שטילקייט אַריין דעם קאַלטן אמת:

„אָבער מיר קענען צוהעלפן עס זאָל שלום ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן פאַרשטיין, און מודה זיין, אַז אויך מיר זענען מיטשולדיק אין דער מלחמה".

„וואָס רעדט ער דאָרט? וואָס?" די אלמנה נאָכן אַגענט איז פאַר כּעס און דערשטוינונג ווי געליימט געוואָרן.

„נאָר יענער, וואָס דענקט און האָט ליב מענטשן, קען זיי ברענגען דעם שלום... מיר דענקען נישט און האָבן ליב נאָר זיך אַליין".

די פּנימער האָבן זיך פאַרענדערט, זיך פאַרמאַכט. אַ הוילקייט איז אַנטשטאַנען צווישן דעם המון און דעם קעלנער, וועלכער האָט געזאָגט: „נאָך פאַר דער מלחמה איז די ליבע שוין געווען אָפּגעשטאָרבן אין אונז. מיר זענען געווען געדאַנקענלאָזע, מיינונגסלאָזע מאַשינען. דערפאַר איז יעדער איינער פון אונז מיטשולדיק אין דער מלחמה".

„מיטשולדיק אין דער מלחמה?" מיר האָבן נישט געוואָלט

קיין מלחמה. דאָס פאָלק נישט!... מיר נישט!" א כוואַליע פון צאָרן האָט אַ טרייסל געטון מיטן המון.

„הערט מיך אויס. איר מוזט דאָס אויסהערן. מיר מוזן זיך קודם כל צוריקקערן צום אמת: מיר האָבן דאָס גוטע — די ליבע פאַרגעסן; מיר האָבן נישט געטראַכט וועגן דעם, וואָס גוט הייסט, מיר האָבן בכלל נישט געטראַכט און דאָס גאַנצע לעבן אונזערס האָבן מיר דערלאָזט. דאָס בייזע זאָל אויפוואַקסן, ביז עס איז געוואָרן בא אונז א רגילות און עס האָט זיך אונז מיט אַ מוראדיקער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אויסגעוויזן, אַז דאָס בייזע — עגאָיזם, געוואַלט, מאַכט, ערפאָלג, געלט און אויטאָריטעט — געהערן צו די זאַכן אין מענטשלעכן קיום, צו וועלכע עס איז צום מיינסטן כדאי צו שטרעבן. און דערדאָזיקער זעלבסטפאַרשטענדלעך געוואָרענער, קאַלטער רוצחישער פּרינציפּ פון יעדן אייראָפּעער, איבערצושטייגן דעם אַנדערן, האָט געמוזט די מענטשן דערפירן דערצו, אַז זיי זאָלן ענדלעך ממיתן איינער דעם אַנדערן... און דערנאָך רופט מען עס אָן ערע. העלדנמוט, העלדנטויט און פעלד פון רום".

אין דער רגע האָט עס די אלמנה נאָכן אַגענט אַ הייב געטון פון אָרט און דורכשניידנדיק די הסכמה־אויסרופן פון המון, האָט זי זיך מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטן א לאָז געטון דורך דער מיט מענטשן געפולטער גאַס צום וואָגן. „מיטשולדיק אין דער מלחמה? מיר? מיין מאַן? מיין מאַן האָט בלויז געוואָלט לעבן", האָט זי אויסער זיך געשריגן. און אַרויפגעקלעטערט אויפן וואָגן. מען האָט זי אַראָפּגעשלעפּט. זי האָט אויפסניי אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן.

נאָך איידער מען האָט באַוויזן זי ווידער אַראָפּצושלעפּן פון וואָגן, האָט זיך דער קעלנער אַראָפּגעבויגן און צאַרט באַרירט מיט זיין האַנט איר צעשויבערטן קאָפּ.

„דו רעד נישט מער אַזוי", האָט אַן אַרבעטער געדראָט.

האַלב־דערוואַקסענע ייִנגעלייט, וואָס זענען נאָך נישט פעיק צו מלחמה, האָבן מיט אַ געפילדער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די מויערן.

„אַלע האָבן מיר אָן שום איבערלייגונג געשטרעבט נישט צו עפּעס אַנדערש, ווי גאָר, וואָס מער דערפּאָלג צו האָבן, נישט זאָרגנ־דיק זיך דערביי. וואָס דערמיט פאַרפלעקן מיר אונזער נשמה, נישט זאָרגנדיק זיך, וואָס דורכדעם קאָן אונזערס אַ מיטמענטש אריינגע־שטויסן ווערן אין ליידן און עלנט. די געוואַלטטאַט־מענטשן, וואָס האָבן דערפּאָלג, די, וואָס פאַרמאָגן אַממיינסטן מאַכט, עשירות און אויטאָריטעט, אָט יענע האָבן מיר אַלע געדאַנקענלאָז אַנערקענט אַלס אויטאָריטעטן און זיי באַוואונדערט... מיר זענען שטאָלץ גע־ווען בעת אונזערע שלעכט באַלערנטע קינדער פלעגן זינגען פּאַטריאָ־טישע קאַמף־און מאָרד־לידער. און בעת יענע מעכטיקע אויטאָ־ריטעטן האָבן באַפוילן דעם חייל צו מאַרשירן, האָבן מיר זיך גע־פרייט און געווען באַגייסטערט. מיר האָבן זיך געפרייט, ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע נצחון־ידיעות. מיר האָבן זיך געפרייט. און מיר האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, וואָס באַ שטורמען אַ פעסטונג ווערן פינפציק טויזנט מענטשן צעריסן. און זיי מוזן צעריסן ווערן, כדי די מאַכט־האָבער זאָלן דורכן דאָזיקן אומגע־הויער פאַרברעכערישן געוואַלט־אַקט באַקומען נאָך מער מאַכט, די עשירים נאָך מער עשירות. מיר האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט פון דעם אַלעם, וואָרים מיר אַליין האָבן נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שום זאַך, אויסער דעם באַגער נאָך דערפּאָלג, פאַרמעגן און מאַכט. און דעמדאָזיקן באַגער האָבן מיר ליגנעריש איבערגעפאַרמט אויף פּאַטריאָטיזם. מיר מוזן צוריקבערענגען דעם שלום. מיר זענען מיט־שולדיק אין דער מלחמה. מיר זענען מערדער. מיר מוזן זיך ריינ־וואַשן פון אונזער זינד".

אַ סכנותדיק מורמלען האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוּוואַקסן, אויסברעכנדיק וואָס אַמאָל אין איינצלנע צאָרן־אויסגעשרייען, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן שנעל איינער נאָכן אַנדערן, ביז ס׳האָט זיך ענדלעך אַרויפגעריסן צום הימל איין איינציקער לאַנגער געשריי, אַזוי לאַנג ווי דער פּלאַץ, אויף וועלכן דער המון איז געשטאַ־נען.

פון דעם טומל האָט זיך אַרויסגעשיילט דאָס איבערהילכנדיקע קול פון דער אַלמנה נאָכן אַגענט: איר מאַן איז נישט געווען קיין

מערדער. איר קול האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט און זיך אויפגעהויבן הויך איבער דעם צוזאַמענגעשמאָלצענעם געברום פונם המון. זי האָט זיך ווילד געוואָרפן, אויסשטרעקנדיק די הענט, האַלב מיט בקשה, האַלב מיט רציחה, אַרויף צום קעלנער.

און דעם קעלנערס פּנים האָט אויסגעדריקט יענע דרייסטקייט פון אַ מענטש, וועמענס פּערזענלעכע ליידן זענען אַזוי גרויס, אַז ער הערט זיך שוין אויף צו שרעקן פאַר וועלכע נישט איז סכּנות אין ליידן.

„מיר וועלן ערשט דעמאָלט מעגן רופן נאָך שלום, ווען מיר וועלן אויפהערן, ווי ביז איצט, געדאַנקענלאָז און מיינונגסלאָז צו דערפילן פאַלשע פליכטן. און ערשט דעמאָלט וועלן מיר קענען דעם שלום פאַרווירקלעכן אויף דער ערד, ווען מיר וועלן אויפהערן אַוועקצושטעלן די גרויסע נישטיקייטן אין מיטלפונקט פונם לעבן, ווען מיר וועלן נישט זיין מער קיין פאַרמעגן־זאַמלענדיקע אויטאָמאַטן, וואָס פונקציאָנירן בלויז אויס רגילות, נאָר ווענגס, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט דעם געטלעכן וויסן, אַז יעדער מענטש איז אונזערס אַ ברודער, אַז אַלע מענטשן אויף דער דאָזיקער ערד זענען טרעגער פון דער אייביקער נשמה און אַז דאָס וואָרט: „אין דער רגע, ווען עס קומט דיר אַ מחשבה שאָדן צו ברענגען אַ מענטש, האָסטו שוין דיר אַליין געבראַכט שאָדן“, איז אַ פעסט, געטלעך געזעץ.

ר״ך איז בלויז אַזעלכער, וואָס הערט זיך צו צום קול פון זיין נשמה, וואָס פאַרווערט אים שאָדן צו ברענגען דעם ברודער; דער דאָזיקער מענטש געפינט זיך תמיד אין דעם גליענדיקן שטראָם פון געפילן. מיר זענען גאָר פאַר־אָרעמט... דאָס רגילות־מעסיקע אָפּנאַרן דעם אַנדערן, דער באַגער נאָך פאַרמעגן און דאָס רגילותדיקע זאַמלען פאַרמעגן, וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די אייראָפּעער הרגענען היינט איינער דעם אַנדערן, האָבן אונז געמאַכט זייער שפּלדיק, געמיין און אָרעם... דאָס בית־המקדש פון דעם אייראָפּעערס נשמה איז חרוב געוואָרן. דעריבער ווערט ער אַן אַפּיציר, אַ מלוכה־באַאַמטער, אַ בערזיאַנער, דעריבער איז ער גיריק, ברוטאַל, עלעגאַנט, נידערטרעכטיק, געבילדעט; דעריבער גנבעט

ער, גזלט און ווכערט, ווערט רייך, ווערט פאראָרעמט, הרגעט.
דועלירט זיך, פירט מלחמה, פירט געשעפטן, צווינגט די וויניקער
מזלדיקע צו אַרבעטן פאַר זיינעטוועגן, אַזוי שווער פאַר זיינעטוועגן
צו אַרבעטן, אַז דער רוב פון פאָלק האָט נישט קיין איין מינוט
צייט אויף צו פאַרטראַכטן זיך, אַזוי, אַז אויך די דאָזיקע אָפּגעגאַרטע
אביונים גלייבן שוין נישט אין דער ליבע אינם מענטש און זייער
גאַנצע פון געטלעכקייט ווייטע שטרעבונג איז געווענדט בלויז אויף
דעם, אויך זיך אַריינצוקריגן אין דעם קלאַס פון די פאַרמעגלע-
כע.

מיר אַלע — סיי רייך, סיי אָרעם — זענען ברוטאַל ווי מער-
דער, אומפאַרשעמט און גיריק ווי אומרחמנותדיקע ווכערער, מיר
אַלע זענען אָפּיצירן און בערזיאַנער, אפילו ווען מיר זענען פאַר-
בליבן שלימזלדיקע שקלאַפן... גליקלעכע, אָן אַ שיעור רייכע
קינדער האָבן מיר געקאָנט זיין אויף אונזער אָן אַ שיעור רייכער
ערד, און מיר זענען דערפאַלג-גיריקע געלט-מענטשן, באַדויערונג-
ווערטע, אין איבערלעבענישן אָרעמע טויגענישן, וועלכע די מלוכה
האָט באַשטימט פאַר מערדער. די מלחמה איז דורך דער מלחמה
געוואָרן זייער אָנזעעווודיק".

דער המון, באַרירט דורך דעם סעלגערס רייד, האָט אָנגע-
הויבן נאָכצוגעבן; קיינמאַל נישט עמפּינדענע געפילן זענען אויפ-
געשווומען, זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן און זיך אויספּאַרמירט אין
איינצלנע צושטימונגס-אויסרופן.

דאַן האָט די אַלמנה נאָכן אַגענט אויסגעשריגן אַ זאַץ, וועל-
כער האָט אַריינגעטראָפן אינם מיטל-פונקט פון געפיל בא די אַרו-
מיקע. דער דאָזיקער זאַץ איז מיט צוגעגעבענע פרושים איבערגע-
נאַנגען פון מויל צו מויל דורכן גאַנצן המון, ביז דער קעלנער איז
פלוצלינג פאַרהילכט געוואָרן פון טויזנטפאַכיק אויסגעבראָכענע אָפּגע-
ריסענע שטיקער געשרייען: „דאָס גאַנצע פאָלק! אין תהום פון
ליידן!... מיליאָנען טויטע!... הונגער! מלחמה-פאַרדינסטן!
נידערטרעכטיקע!"

אין דער טיפעניש פונם דאָזיקן געברום האָט זיך געהערט אַ
ווייטער אָפּקלאַנג פון שמחה.

מיטן גאַנצן כּוח פון זיין ווען האָט זיך דער קעלנער באַמיט צוריקצוציען דעם המון פון דעם טעותדיקן וועג, ביז צום אויסגאַנג, ווו ס'האָט זיך געפונען דער אמת, אין דער זעלבער צייט, וואָס די אַלמנה נאָכן אַגענט האָט אָן שום איבערלייגונג זיך שטורמיש געריסן פאָרויס אויפן וועג פון טעותים, האָבנדיק הינטער זיך דעם גאַנצן המון.

עס איז אים נאָכאַמאָל געלונגען צו באַרויקן און איינצושטילן דעם אַנאַרכיש צעבּרויזטן המון מיט זיינע רייד: „אונזערע אויטאָריטעטן קענען אונז באַפעלן צו מאַרשירן, יעדן איינעם פון אונז מאַכן פאַר אַ מענטשן־שוחט און אייראָפּע אין אַ שעכטהויז פאַרוואַנדלען נאָר דערפאַר, ווייל אונזער בליק אויפן לעבן איז מוראדיק ענלעך צו זייער בליק אויפן לעבן. ווייל מיר, אַלס נויטווענדיקער פּועל־יוצא פון אונזער געדאַנקענלאָזיקייט, מיינונגסלאָזיקייט, פון אונזער באַגער נאָך כּבוד, עשירות, אַנזען און מאַכט, האָבן ביז אַהער תּמיד געאָטעמט בלויז מיט יענער לופט, געריידט נאָר יענע ווערטער, געטראַכט יענע מחשבות און געהאַנדלט לויט יענע געפילן, וועלכע זענען אונז פון די אויטאָריטעטן געליפערט געוואָרן... פון די אויטאָריטעטן, וואָס רעדן צו אונז וועגן ציוויליזאַציע מיט דעם זעלבן מויל, מיט וועלכן זיי גיבן באַפעלן צו שיסן אויף מענטשן. הייסט דאָס נישט זי״ן איינגעטונקט פון קאָפּ ביז די פיס אין ליגנט, אויב מען רעדט וועגן ציוויליזאַציע, כּל־זמן איבער די גאַסן פון אייראָפּעישע שטעט גייען מענטשן, וואָס טראָגן אַנגעהאָנגען באַ דער זייט מעסערס, וואָס זענען באַשטימט אַריינגעשטאָכן צו ווערן אין מענטשלעכע גופים? ציוויליזאַציע!

צען מיליאָן מענטשן זענען אַצינד אומגעקומען. פאַרוואָס? צוליב וואָס זענען דידאָזיקע צען מיליאָן מענטשן געשטאָרבן. צי האָט עמעצער פון אייך זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, פאַרוואָס די אייראָפּעער שעכטן אויס זייער יוגנט, זייערע יינגע מענטשן? פאַרוואָס דידאָזיקע מלחמה איז אויסגעבראָכן? פאַרוואָס זי האָט געמוזט אויסברעכן!״ ער האָט געוואַרט. לאַנג.

ביז איינער אַן אויסגעהאָרעוועטער מענטש האָט געגעבן אַ פאַר אים אַליין בלאָסן און נישט איבערצייגנדיק קײַנגענדיקן ענטפער: „אונ־

זער פאָלק איז באַפאַלן געוואָרן, האָט עס זיך געמוזט פאַרטיי־דיקן".

געטראָפן פון דעמדאָזיקן אַ סך מאָל שוין געהערטן זאָץ, האָט דער קעלנער אויסגערופן: „און איך זאָג אייך, דאָס זעלבע וועט ענטפערן — און מיט דער זעלבער רעכט, וואָס אונזער פאָלק — יעדעס פאָלק, יעדער יחיד פון יעדן פאָלק; אָנהייבנדיק פון נייַנציקיעריקע זקנות, וואָס קאָנען נאָך קוים פּלאַפּלען, ביז צום פּרעמיער־מיניסטער פון יעדן פאָלק ענטפערן אַלע: „מיר זענען באַפאַלן געוואָרן און מיר האָבן זיך געמוזט פאַרטיידיקן"... פונוואַנען נעמט זיך דאָס? ווו איז דער אמת?

דער אמת איז, אַז אונזער מיינונגסלאָז, קריטיקלאָז, אויף אַ ראַפינירטן אופן אָפּגענאַרט פאָלק, ווייסט אפילו נישט, צי עס איז געוואָרן באַפאַלן, אָדער עס איז באַפאַלן, און ס'איז נישטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי איינצורעדן אים, אַז מען איז אויף אים אָנגעפאַלן. דער מוראדיקער אמת איז, אַז די פאַלשע אידעאַלן, וועמענס נצחון עס וואָלט באַדייט דער טויט פון אַלע אידעאַלן — פון מענטשלעכקייט, פון ליבע, אַז דידאָזיקע ליגנערישע אידעאַלן — מאַכט, געוואַלט, דערפאָלג, גלויבן אין אויטאָריטעט, העלדישקייט, וועלט־הערשאַפט, פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקונג — האָבן זיך אַזוי אייַנגעגעסן אין מוח און אינם האַרץ פון יעדן אייראָפּעער, אַז יעדער איז גרייט געווען צו גיין שיסן.

איך זאָג אייך: די קולטור פון אַ פאָלק איז נישט אָפּהענגיק פון זיין עשירות. די גרויסקייט פון אַ פאָלק ליגט נישט אין זיינע געשעפטס־ספערן, נישט אין זיינע קוועלן פון רוי־שטאָף, נישט אויף זיינע אָפּזאַץ־מערק. גרויסקייט, קולטור, גליק און צוקונפט פון אַ פאָלק האָבן תמיד אַ טיפערן שורש. נאָר דער גייסטיקער טויט פון אַ פאָלק שטעקט אין זיינע געלט־קאַסעס. אייראָפּעס גייסט, די מענטשלעכקייט און די ליבע זענען אין געלט פאַרגליווערט געוואָרן. און דאָס וועט מיט אַ מוראדיקער זיכערקייט גורם זיין דעם סוף, די צוקונפטלאָזיקייט, דעם אונטערגאַנג פונם אייראָפּעישן מענטש".

די אַלמנה נאָכן אַגענט איז געבליבן פאַרגליווערט. דער המון איז געבליבן פאַ־גליווערט אין אַ שטילן צער.

די בריהדיקע מלחמה־אַלמנה, וואָס איר מאַנס קאָפּ איז נישט געפונען געוואָרן, האָט אַנידערגעשטעלט דאָס בלעכל מיטן נאַפט אויפן וואָגן לעבן קעלנערס פיס. אַלע אַרומיקע פענצטער, וואָס גייען אַרויס צום פּלאַץ, זענען שוואַרץ געווען פון מענטשן.

דער קעלנער, טיף צעווייטיקט דערפון, וואָס די ליבע מוז זיין אומרחמנותדיק, ווייל זי איז דאָס האַרץ פונם אמת, האָט באַהאַרצט אַראָפּגערעדט צום פאַרדאַגהטן המון:

„מיר האָבּי צוגעזעען, ווי עס שאַפן זיך קאַמפס־פּאַרטייען. מיר האָבן דערפינדן האַרמאַטן, שיפן, געוואַלטיקע מאַשינען צו דורסן מענטשן. מיר האָבן זיי געבויט. באַצאָלט פאַר זיי. באַוווּנדערט! הגם מיר האָבן געדאַרפט וויסן, אַז די מאַשינען צו דורסן מענטשן, פאַר וועלכע מיר האָבן באַצאָלט, וועלכע מיר האָבן באַוווּנדערט, וועלן אין אַ געוויסן טאָג אַנגעשטעלט ווערן קעגן דער מענטשהייט און קעגן דער ברוסט פון אונזערע מענער, זין און פאָטערס. דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלעך... און דערנאָך זאָגט מען און מען גלייבט, די מיינונגסלאָזע, געדאַנקענלאָזע פאָלקס־מאַסן גלויבן נאָך אַלץ, אַז מיר זענען באַפאַלן געוואָרן און האָבן געמוזט דאָס פאָטערלאַנד פאַרטיידיקן, אונזער קולטור באַשיצן. מען רעדט וועגן העלדישקייט און וועגן עפּעס אַ פעלד פון ערע... איז דען נישט אַ סוף געווען מיט דער ערע, נאָך איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן? איז דאָס אַן ערע, איז דאָס אַ העלדישקייט צו הרגענען מענטשן צוליב פאַרמעגן און מאַכט און צוליב פאַלשע אידעאַלן? אויב דאָס הייסט ערע, לאָמיר בעסער זיין אָן ערע, כדי ווידער צו קענען פירן אַן ערנהאַפטיק לעבן. אויב דאָס הייסט העלדישקייט, לאָמיר בעסער זיין פחדנים, כדי דער מוט זאָל נישט אָפּשטאַרבן אויף דערדאָזיקער וועלט... מען רעדט וועגן ציוויליזאַציע. הייסט דאָס ציוויליזאַציע, ווען נאָך פאַר דער מלחמה איז גאַנץ אייראָפּע געווען איין גרויסער פאַבריק־בנין, אין וועלכן עס האָבן נישט געלעבט קיין מענטשן, נאָר ס'האָבן זיך אויטאָמאַטיש באַוועגט מאַשינען? מאַשינען פון בלוט און פלייש, וואָס האָבן שוין

אויפגעהערט צו דענקען, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע מיינונג, באַ וועלכע ס'איז שוין נישט געבליבן קיין מינדסטער זכר פון דעם, אַז זיי זענען אַמאָל געווען מענטשן, נאָר באַוועגן זיך ווי די מאַשינען פון שטאָל, באַ וועלכע זיי אַרבעטן. די טרייבקראַפט, וואָס ברענגט זיי אין באַוועגונג, איז די נויט, דער פאַרלאַנג נאָך כבוד מצד די מיטמאַשינען, דער פאַרלאַנג נאָך פאַרמעגן, די געוווינהייט, עגאָיזם און ליגן. ליגן, אין וועלכע די אייראָפּעישע מענטשהייט איז אַזוי טיף פאַרזונקען, אַז ס'געפינט זיך שוין נישט קיין איינציקער אייראָפּעער, וואָס זאָל האָבן אַן אייגענע מיינונג, באַ וועמען ס'זאָל גליען אין די אויגן דאָס פייער פון אמת... אויב דאָס הייסט שכל, לאָמיר בעסער אָן שכל זיין, לאָמיר בעסער משוגע זיין, כּדי דערמיט דעם וועלט־שכל באַם לעבן צו דערהאַלטן. אויב דאָס הייסט נוצלעך, לאָמיר בעסער זיין אומנוצלעכע מענטשן. אויב דאָס איז דער רעזולטאַט פון אָרגאַניזאַציע און אָרדנונג, אַז די מענטשהייט זאָל אַראָפּגעשטויסן ווערן אין תהום פון עלנט, זאָל זיך שטיקן און אויסגיין אין בלוט, טאָ לאָמיר בעסער אונטערבּרענגען דידאָזיקע רוצחישע אָרדנונג און איינפירן אומאָרדנונג, כּדי דער זין פון לעבן זאָל זיך ווידער קענען מאַניפעסטירן. אויב אָרגאַניזאַציע, אָרדנונג, געוואַלט, מאַכט, רגילות, מיינונגסלאָזיקייט, שקרים, פאַרמעגן און עגאָיזם... הייסן ציוויליזאַציע, לאָמיר בעסער זיין ווילדע, לאָמיר טראָגן אין האַרץ די ליבע און דאָס געזעץ: זאָל יעדער ליבן דעם אַנדערן, און אויף אַזאַ אופן וועט יעדער געליבט זיין פון אַלעמען... איר ווילט דאָס נישט? איר האָט מוט צו דערהרגענען מענטשן און האָט נישט קיין מוט צו ליבן מענטשן? איר וואָלט געליבט, נאָר איר האָט מורא, אַז די אַנדערע וועלן אייך נישט ליבן, נאָר אויסנוצן און אונטערדריקן? איר ווילט נישט זיין קיין מאַרטירער? ווייל מאַרטירער ווערן אויסגענוצט, אונטערדריקט, איינגעזעצט אין תפיסה און אומגעבראַכט... ווייל זיי ליבן? זאָל ווי אַ דונער דורכפליען איבער דעם ערד־קוגל די פראַגע: וועלכעס איז מענטשלעכער און בכבודיקער — הרגענען דורך מלחמה מענטשן, וואָס האָבן אונז קיין בייז נישט געטון, און דערנאָך אַליין אומקומען, אָדער ליידן און שטאַרבן דערפאַר, אַז עס זאָל דער

ליבע איבערגעגעבן ווערן די רעגירונג איבער דער וועלט?"

דער בליק פונם שווייגנדיקן המון האט טעמפ איבערגעחזרט די פראגע. צוויי איינגעשפאנטע פערד, וואס זענען ארייגעפרעסט געווען צווישן מענטשן, האבן זיך באוועגט. די אלמנה נאכן אגענט האט בולט דערפילט, אז איר איגעווייקסטע פינצטערניש ווערט באשטראלט דורך איר נשמה און פארוואנדלט זיך אין א בלענדנדיק ווייסער ליכטיקייט. איר פנים איז פלוצלינג געווארן נאס פון טרערן.

דער קעלנער האט אריבערגעווארפן איין האנט ארום האלז, די אנדערע איבערן נאקן; זיינע אויגן האבן זיך פונאנדערגעעפנט און געזעען:

„צען מיליאן מתים! צען מיליאן מענטשן זענען אומגעקומען. דאס בלוט פון דידאזיקע צען מיליאן דערהרגעטע — פערציק מיליאן ליטער זיך רויכענדיק מענטשלעך בלוט — וואלט געקענט אויף א גאנצן טאג לאנג פארנעמען דאס ארט פונם ניאגארא־וואסערפאל און די קראפט פונם פאלן וואלט גענוג געווען צוצושטעלן עלעקטרישן שטראם פאר א גאנצער רעזידענץ־שטאט...

אלע אייזנבאנען פון גאנץ פרייסן וואלטן געווען צו ווייניק, ווען מען זאל ווערלן אויף איינמאל אויפלאדן בלויז די קעפ פון דידאזיקע צען מיליאן דערהרגעטע. ציוויליזאציע!... שטעלט זיך נאר פאר דעמדאזיקן פאנטאסטיש־לאנגן אייזנבאן־צוג: דער ערשטער וואגאן שטייט אין מינכען און דער לעצטער אויפן בערלינער־באנהויף און אלע זענען אנגעפילט מיט פארבלוטיקטע מענטשלעכע קעפ. ציוויליזאציע!... ווען מען זאל דידאזיקע צען מיליאן ארעמע דערמארדעטע מערדער אויסלייגן לענגויס איינעם נאכן אנדערן, קאפ צו קאפ, און פוס־טריט צו פוס־טריט! וואלט זיך דערפון געשאפן א זעכצען טויזנט קילאמעטער לאנגע געדיכטע שורה פון מתים, א זעכצען טויזנט קילאמעטער — נישט מעטער — קילאמעטער לאנגער קבר, וואס וואלט ארומגערינגלט גאנץ דייטשלאנד. זעכצען טויזנט קילאמעטער מתים! ציוויליזאציע!"

א ווילד שלוכצן, ענלעך צו הינטיש בילן. פארענדערטע פנימער קוקן אן איינס דאס אנדערע. ברייט פונאנדערגעעפנטע

אויגן. שטומע פראגן. דער אלמנה נאכן אגענט שווינדלט פאר די אויגן. זי טוט זיך א וואקל און פאלט ארויף אויף איר שכנס ברוסט.

דעם המונס פנים האט ווידער אויפגעשיינט מיט א ווייס ליכט.

„איך זאג אייך: פונם היינטיקן דור פון נוצלעכקייט, ארד־נונג, ארגאניזאציע און שכל, פונם היינטיקן דור פון עגאיזם, געלט, מאכט, געוואלט, שקרים און אויטאריטעט וועט גארנישט איבערבלייבן, חוץ גרויל און א געלעכטער פאר די שפעטערדיקע דורות".

ער האט ברייט פונאנדערגעשפרייט די הענט, אזוי, אז דער קירכע־טורם הינטער אים, אויף וועלכן ס'איז געפאלן א ראזיקע שיין פון דער פארנאכטיקער זון, האט באקומען דעם אויסזעען פון א ריזיקן קרייץ.

„לאמיר ענדלעך צום שכל קומען. לאמיר דענקען. לאמיר זיך דערמאנען, אז דער מענטש איז גוט און איז אונזערס א ברודער. לאמיר ענדלעך ארויסרייסן פון אונזערע הערצער: די רגילות, דעם שקר, דעם באגער נאך רווחים, דאס באוווּנדערן געוואלט, אויטא־ריטעט און מאכט, כדי דער זוימען פון די נאך נישט געבוירענע דורות זאל נישט טראגן אין זיך די שפראצונג פון נייע רציחות".

אין זיין שטימע האבן זיך פלוצלינג דערהערט טענער פון קראפט און פון גרויס געבעט:

„יעדן טאג ווערן געטייט צען טויזנט מענטשן, וואס וואלטן אזוי גערן, אך, אזוי גערן געוואלט לעבן. און פונדעסטוועגן זיצט דער שוסטער ווי תמיד אין זיין ווארשטאט און באזוילט שטיוול, דער סטאלער מאכט מעבל, דער פאבריק־ארבעטער שטייט דעם גאנצן טאג בא דער מאשין, דער סוחר הינטערן קראם־טיש; דער באאמטער אין ביורא באשרייבט גאנצע בויגנס פאפיר, דער בוכ־האלטער רעכנט, דער קעלנער באדינט... אין דער זעלבער צייט, ווען עס פאלן און גייען אויס יעדן טאג צען טויזנט מענטשן, וועל־כע האבן פריער אליין געמוזט הרגענען מענטשן. וואס פאר א וויל־

דער אומ־יניקער עגאָיזם! אויב מיר ווילן נישט פאַרלירן דאָס רעכט, זיך נאָך אָנצוזופן מענטשן, מוזן מיר אָן שהיות אָוועקלייגן די האַמערס, הובלעס, שרייב־פּעדערס און מאַשינען און אַרויס אויף דער גאַס, אָנכאַפּן דעם ערשטן בעסטן באַם אַרבל, אָנכאַפּן און מיטן גאַנצן קול אין זיין האַרץ אַריינשרייען: „עס ווערן יעדן טאָג צען טויזנט מענטשן דערהרגעט. וואָס זאָלן מיר טון? ווי אַזוי מעגן מיר אַרבעטן, פאַרדינען, שלאָפן, עסן, אין דער צייט, ווען יעדן טאָג ווערן צען טויזנט מענטשן דערהרגעט? דאָס טאָר נישט זיין. וואָס זאָלן מיר טון?...” איך ווענד מיך צו אייך, איך וויל אין אייערע הערצער איינקריצן די ווערטער: ווער עס הייבט היינט אויף אַ האַנט צו אַרבעט, היינט, בעת יעדן טאָג קומען אום מיתה־משונהדיק צען טויזנט מענטשן — איז אַ מערדער. וואָרים ער דערלאָזט, אַז מענטשן זאָלן געטייט ווערן און פרעגט נישט: וואָס זאָל איך טון, זיי זאָלן נישט געטייט ווערן”.

דאָ האָט די בריהדיקע מלחמה־אַלמנה, טרייסלענדיק מיטן קענדל נאַפּט, זיך צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער.

און די זאַצן: „מען מוז דאָך לעבן; וואָס קענען מיר טון; מיר מוזן דאָך פאַרדינען, עסן” צום ערשט דורך איר אויסגעשריגן, האָבן זיך אַרויסגעריסן פון טויזנטער מיילער צום שטיל־געוואָרענעם רעדנער. דער טומל איז געוואַקסן, די שנאה האָט אַלעמען צונויפגעשמאָלצן און דערנאָך אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געשריי ביז צום הימל אַרויף: „וואָס זאָלן מיר טון! וואָס? וואָס זאָלן מיר טון?”

דאָס איז געווען אָ מוראדיקע פראַגע. אַ פראַגע, אַרומגערינגלט מיט ציין־שטשירענדיקע מאָנסטערס, וועלכע לאָזן נישט צו קיין ענטפער.

„אַז איך זאָג זיי: יעדע אויסגעפירטע אַרבעט פלעכט זיך אַריין אין דעם מעכאַניזם, וואָס מאַכט מעגלעך דאָס פאָרטזעצן דעם טעגלעכן מאַסן־מאָרד, און דעריבער ווערט דער שלאָסער, וואָס שרייבט היינט אַריין אַ שרויף, פראַקטיש אַ מערדער, שרייען זיי: מיר מוזן דאָך פאַרדינען, לעבן, עסן און דעריבער אַרבעטן!”

„אָבער איר טאָרט דאָס נישט. איר טאָרט נישט אַרבעטן, אַרבעטן איז היינט אַ רציחה".

דאָס ווייסע פּנים פון המון איז געווען אַ פראַגע, וואָס האָט ווי אַ ליכט-רעקלאַמע אַליין פאַמעלעך, אות נאָך אות, אָנגעשריבן אויפן פינצטערן הימל דעם בלוטיקן רויטן ענטפער „רעוואָלוציע".

די מיטן לעבן איינגעשטעלטע ליבע, די צום חורבן נאָענטע מענטשלעכקייט, וואָס האָט אויסגעוויילט דעם קעלנער, אים אַרויס-געצויגן פון דעם פאַרברעכערישן משוגעת, אין וועלכן עס זינקט דער היינטיקער דור און געגעבן אים ווערטער אויף די ליפן, האָט אים באַשטראַלט מיט איר ליכט, אַזוי, אַז פון זיינע ברייט-פונאַנדער-געעפנטע אויגן האָט זעבאַר פאַר אַלעמען אַרויסגעשיינט די אייביקע נשמה.

„פון דער איצטיקער רגע אָן זאָל אויפהערן יעדע אַרבעט. וואָרים יעדע אַרבעט שטייט דאָך אין רשות פון היינטיקן דור, דעם דור פון אָרגאַניזירטן מאָרד. דער דור פון עגאָיזם און פון געלט, פון אָרגאַניזירטער געוואַלט און ליגן האָט זיך אין דער איצטיקער ליכטיקער רגע געענדיקט, גראָד מיט אונז האָט ער זיך געענדיקט, איצט קומט די הפסקה צווישן צוויי דורות. אַלדינג רוט. די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. און מיר וועלן זיך לאָזן גיין איבער דער וועלט, איבער די שטעט, איבער די גאַסן און אינם גייסט פון דעם קומענדיקן נייער דור, דעם דור פון ליבע, וועלכער האָט זיך איצט אָנגעהויבן, זאָגן יעדן איינעם: „מיר זענען ברידער". „דער מענטש איז גוט". דאָס זאָל זיין אונזער איינציקע עובדא אין דער הפסקה-צייט צווישן דורות. מיר וועלן מיט אַזאַ כוח פון איבערצייגונג און אמונה זאָגן: „דער מענטש איז גוט", אַז באַ דעם, צו וועמען מיר וועלן דאָס זאָגן, וועט אויפשווימען דאָס טיף-באַגראָבענע געפיל: „דער מענטש איז גוט" און ער וועט צו אונז זאָגן: „מיין הויז איז דיין הויז, מיין ברויט איז דיין ברויט". אַ כוואַליע פון ליבע וועט עפענען די מענטשנס הערצער אינם מאָמענט פון מוראדיקסטער מענטשן-דערנידערונג.

און אויב דער צען-מיליאָנען-מאָרד, אין וועלכן יעדער איינער פון אונז איז מיטשולדיק, וועט פאָדערן פון אונז מסירות-נפש,

אויב די שונאים פון דער מענטשהייט וועלן אַרויסטרעטן קייגן אונז מיט געוואַלט, וועלן מיר זיך זאָגן: „מיר האָבן געהרגעט, געליטן, געבלוטיקט, געאַרבעט פאַר פאַלשע, ליגנערישע אידעאַלן, מיר זענען שולדיק, מיר זענען געוואָרן מערדער און מיר מוזן אויסקויפן אונזערע זינד. מיר וועלן קייגן דער אַרמיי פון געוואַלט, קייגן די אויף אונז אָנגערייצטע ברידער, זיך אַנטקעגנשטעלן אַלס שטילע, אומבאַזיגבאַר שטאַרקע אַרמיי פון גייסט און פאַרברידערונג, גרייט צו ליידן פאַר דעם אייביק פעסטן אידעאַל פון דער מענטשהייט: פאַר דער ליבע". און אין די אויגן פון אונזערע ברידער, איבערגעוועלטיקטע דורך אונזער אמונה אין דעם גוטס אינם מענטש, וועט פלוצלינג אויפשיינען די פראַגע, וואָס איז צו גלייכער צייט אויך אַן ענטפער: דער מענטש איז גוט.

דער מענטש איז גוט. ער איז גוט. גייט איבער די גאַסן, אין די הייזער, קלינגט, קלאַפט אָן, און זייט מבשר דעם כלל פונם נייעם דור: „דער מענטש איז גוט"... זאָלן אָפגעשטעלט ווערן די טראַנסמיסיעס! זאָלן אָפגעשטעלט ווערן די מאַשינען! זאָל די אַרבעט אָפגעשטעלט ווערן! די צייט זאָל שטיין בלייבן. פייערדיקע געזאַנגען פון ליבע טראָגן זיך איבער די שטעט, עפענען די הערצער, די טויערן פון פאַלאַצן, די געשעפטן. און מענטשלעכע אָרעמס, וואָס האָבן ביז אַהער געמאָרדעט, נעמען איצט ברידערלעך אַרום איינער דעם אַנדערן. און אַז מיר וועלן דאַן, דורכגעדרונגענע מיטן דאָזיקן גייסט, ווידער אָנהייבן צו אַרבעטן, וועט שוין אונזער אַרבעט נישט זיין קיין מאָרד, נאָר אַ מתנה פאַרן ברודער, און זיין אַרבעט וועט זיין אַ מתנה פאַר אונז... איצינד אָבער זאָל די אַרבעט אָפגעשטעלט ווערן. די צייט זאָל שטיין בלייבן. די הפסקה צווישן צוויי דורות איז איצינד".

דאָס פנים פון דער אלמנה נאָכן אַגענט האָט אויסגעדריקט ווילדע, גרענעצלאָזע איבערגעגעבנהייט: דאָס קינד אין איר לייב האָט זיך באַוועגט.

דאַן איז געשען אַן אומגעריכטע זאַך: אַ הער מיט אַ באָרד איז אַרויסגעשפרונגען פון זיין עלעגאַנטן עקיפאַזש, זיך אַרויפגעשטעלט אויפן קוטשער־זיץ־פלאַץ, און געליאַרמט: „מלוכה־פאַררע־

טער! פּאַטערלאַנד־פּאַררעטער! אַראָפּ מיט דעם נידערטרעכטיקן, וואָס וויל צונישט מאַכן דעם נצחון און די אויסדויערהאַפטיקייט פון אונזער פאָלק!"

שוים האָט פּאַר כּעס געשפּריצט פון זיין מויל.

דער ווייסער פּראָפּיל פון המון האָט זיך אויסגעדרייט צום מאַן מיט דער באָרד.

דער מאַן מיט דער באָרד האָט באַוועגט מיט זיינע פויסטן אַהין און אַהער, אין אַ ברייטן בויגן זיי אויסגעשפּרייט איבער די קעפּ פון המון, אַ הייב געטון צום הימל און זיי אַראָפּגעלאָזט מיט האַסטיקע קלעפּ אויף זיין ברוסט:

„מיין איינציקער זון איז אומגעקומען. אויף דעם פעלד פון רום! ער איז טויט. און דערדאָזיקער נידערטרעכטיקער וואַגט אויפצורייצן דאָס פאָלק קעגן דעם פּאַטערלאַנד. אַ טויזנטפאַכיקן טויט דעמדאָזיקן אונטערגעקויפטן הונט, וואָס וויל דעם נצחון צונישט מאַכן! אומזיסט וואָלט דאָך געווען דער טויט פון אַלע זין און פּאַטערס. מיליאָנען וואָלטן דאָך נאָך געהאַט אומזיסט אומגעקומען. דאָס גאַנצע פּאַרגאָסענע בלוט וואָלט דאָך געווען אומזיסט, אויב מיר זאָלן נישט מנצח זיין". ער האָט אַ צי אַרויס געטון דעם ברויבינג פון דעם הינטערטאַש.

עס איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שטיל געווען אויף אַ פּלאַץ מיט מענטשן.

דער קעלנער האָט זיך אָנגערופן: „מיין ייִנגער זון איז אומגעקומען. אומזיסט וואָלט זיין בלוט געווען פאַרגאָסן געוואָרן און דאָס בלוט פון אַלע אומגעקומענע, ווען אויך אינם דאָזיקן זיך רויכערנדיקן רויטן ים זאָל נאָך נישט פאַרלאָשן ווערן דער פּרינציפּ פון עגאָיזם, אומזיסט, ווען אויך נאָך דער איצטיקער מלחמה, זאָל די ליבע נישט קענען באַרייַען דאָס מענטשלעכע האַרץ. אומזיסט וואָלט געווען די הימלשרייענדיקע מענטשהייט־פאַרשוועכונג, ווען פון ליגנט, מאַכט, געוואַלט, ווען פון רציחה... זאָל אַנטשטיין נצחון. נישט דאָס מכניע זיין איין פאָלק קען ווערן דער סוף פונם אַלטן און דער אָנהייב פונם נייעם, נאָר די פאַרברידערונג פון

אַלע פעלקער... פאַרברידערונג, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ טיפן גלאַנץ, שטילקייט, מענטשלעכקייט און לעבנספרייד".

דער מאַן מיט דער באָרד איז געוועזן אויסער זיך. „נידער־טרעכטיקער! און דאָס פאָטערלאַנד? אונזער הייליק פאָטערלאַנד? אונזערע הייליקסטע אוצרות? אונזער פאָטערלאַנד?"

אַ טעמפּער, ווילדער כעס האָט פּלוצלינג אויפגעפלאַקערט אין דער מלחמה־אַלמנה. און פון איר אַנגעגליט, האָט זיך אויפגע־הויבן אַ סך קולותדיקער פּראָטעסט־געשריי, וואָס איז זיך צום סוף פונאַנדערגעפאַלן אין שאַרפע געלעכטערס און חוזק־אויסגעשרייען: „הייליקע אוצרות!"

דער מאַרגגרויט פון אַן אַנקומענדיקער צייט האָט אַ שטראַל געטון דעם פאַרוווּנדערטן מאַן מיט דער באָרד אין פּנים אַריין. ער האָט אַנידערגעלייגט דעם ברויבינג לעבן זיך אויפן קוטשער־זיץ־פּלאַץ.

דער קעלנער האָט געזאָגט ווייך: „דאָס פאָטערלאַנד איז אַ געסל, אין וועלכן מיר האָבן זיך קליינערהייט געשפּילט, עס איז אַ טיש, וועלכער איז אין אָוונט ליבלעך באַלויכטן אויף אַלע זייטן דורך אַ נאַפט־לאָמפּ, עס איז דאָס שוי־פענצטער פון דעם קאָלאָ־ניאַל־סוחר אינם שכנישן הויז; דאָס פאָטערלאַנד איז דער נוסבוים אין גאָרטן, אויף וועלכנס פּירות מיר האָבן געוואַרט, עס איז אַ טייך־טאָל, די אויסבויגונג פונם טייכל, דאָס פאָטערלאַנד איז אַן אַלט הילצערן טירל אין דער הינטערשטער וואַנט פונם גאָרטן־פּלויט, עס איז דער ריח פון עפּל, וואָס טרוקענען זיך אויפן אויוון, עס איז דער ריח פון קאַווע און קוכן אין דעם היימישן עלטערן־הויז, די שמאָלע שטעג איבער אַ לאַנקע, וואָס פירט צו אָדער פון דער שטאָט, דאָס געזאַנג אויף דערדאָזיקער שטעג, דער אָפּקלאַנג פון אַ קינדעריש ליד, דאָס פאַרבאַכטיקע קלינגען אין אַ געוויסן טאָג פון אונזער קינדהייט... נישט די מלוכה — די אָרגאַניזאַציע פון געלט, דער שקר, מאַכט, געוואַלט און אויטאָריטעט — איז דאָס פאָטערלאַנד פאַרן מענטש, נאָר די זכרונות אָן פרייגטלעכע מינוטן פון דער קינדער־צייט, די זכרונות אָן די מיט האָפענונג נאָך באַשיינטע בליקן אינם צוקונפטיקן לעבן אַריין".

אינם דאָזיקן מאָמענט, בשעת ער האָט אַ קוק געטון אויפן פּנים פון המון, האָט ער דערקענט מיט אַ מוראדיקער קלאָרקייט, אַז דער כּסדרדיקער לעבנס-קאַמף, די ליידן פון דער מלחמה און די שנאה צו די, וואָס האָבן גורם געווען צו מלחמה — האָט באַם רוב שוין אויפגעפרעסן אָט יענע זכרונות און ער האָט דערפילט, אַז דאָס וואָרט פון ליבע קאָן נאָך איצט נישט האָבן קיין צוטריט צו די פאַראָרעמטע, פון האַס פאַרקלעמטע אלמנות-הערצער. בלויז באַ אַ קליינעם טייל האָט ווידער אויפגעוואַכט דער זוכנדיקער קינדערישער בליק און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צוריקבליק אויפן פאַרגאַנגענעם לעבן.

און בשעת דער מאַן מיט דער באָרד האָט דאָס שוין נישט פאַרהאַנענע פאָטערלאַנד-געפיל באַ די מלחמה-אלמנות געוואָלט אָפּפרישן מיט דעם וואָרט „נאַציאָנאַל", האָט באַם קעלנער אין זיין האָפנונגסלאָזיקייט, אַריינצובּרענגען ליבע אין די הערצער, אויפגעפלאַקערט דער צאָרן, וועלכער האָט אַרויסגעשליידערט פון זיך אַראָפּ צום המון די ווערטער: „יעדע גרויסע זאַך איז אינטערנאַציאָנאַל: די קונסט, דער געדאַנק, דער גלויבן, די חושים, דאָס לעבן, דער טויט".

און דער צוואָנציק-יעריקער האָט אויסגעשריגן: „ס'זענען פאַרהאַן נאַציאָנאַל-בענק, נאַציאָנאַלע מאכלים, נאַציאָנאַלע שפּאַר-קאַסעס, נאַציאָנאַלע הימנען".

פאַר כּעס איז באַם מאַן מיט דער באָרד אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. ער האָט אפילו דעם קייגן-אַרגומענט, אַז אויך די שפּראַך איז נאַציאָנאַל, נישט געקאָנט געפינען און ער האָט אויטאָמאַטיש זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן ברוינינג, כּדי מיט אים צו אַרגומענטירן.

דער בריהדיקער אלמנה מיט דעם נאַפּט-קענדל האָט דער מאַן מיט דער באָרד און זיין עקיפּאַזש אויסגעוויזן צו עלעגאַנט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל און אויפצוהייבן דעם ברוינינג, האָט זי ביין אויסגעשריגן: „האַלט ס'מויל, דו!" און אירע ווערטער זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ האַנט-באַוועגונג, וואָס האָט אַ ריס געטון מיט זיך אינדערהייך הונדערטער פויסטן.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום קוטשער-זיץ-פּלאַץ און אָנגעהויבן אַרויפקלעטערן.

זיין צאָרן-אויסגעשריי: „פאַררעטערישע פּעבל-באַנדע! מ'וועט אייך איינזעצן, מ'וועט אייך אַלע איינזעצן!" איז פּאַר אַלעמען געווען אַ סיגנאַל, זיך אַ וואָרף צו טון צו אים, אַזוי, אַז דער ברויבינגס-שאָס, וואָס איז געצילט געווען אויפן קעלנער, איז אַוועק אָן אַ זייט און געטראָפן אין קירכע-טורעם אריין.

עטלעכע מינוט לאַנג האָט געדויערט דאָס געשריי.

„אונז קענט איר נישט איינזעצן. מיליאָנען מלחמה-אַלמנות וועט איר נישט איינזעצן אין תּפיסה".

דער באַפּט-שטראַל האָט פאַרבלאָזן אַ שפּריץ געטון אין דער לופט.

אויפשפּרינגענדיקע פערד. דער עקיפּאַזש האָט העל און פאַר-ביק אויפגעפּלאַקערט. די ווילד געוואָרענע פערד האָבן מיט אַ משוגענער שנעלקייט זיך אַ לאָז געטון מיט אים איבערן פּלאַץ און איבער די גאַסן. דער המון האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך אים אין אַ געיעג.

די בריהדיקע מלחמה-אַלמנה איז ראַנגלענדיק זיך מיטן מאַן מיט דער באָרד געשטאַנען אויפן קוטשער-זיץ-פּלאַץ אַרומגערינגלט פון פלאַמען.

אַ טייל אַלמנות און מוטערס נאָך מיט אַ גרויסער פראַגע אין די אויגן, זענען אומאַנטשלאָסן געבליבן אויף אַן אָרט.

דאָס צעווייטיקטע, פאַרענדערטע פּנים פון דער אַלמנה נאָכן אָנגעגט האָט געלויכטן מיט אַן אומבאַגרייפלעך טיפן גלאַנץ פון שטילער גרייטשאַפט, בעת זי איז צוגעגאַנגען צום קעלנער, וועל-כער איז אין דעם אָנקומענדיקן בין-השמשות אַ דערשעפּטער גע-שטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ מויער, איינהאָרכנדיק זיך אין די פאַ-באַטישע טריומף-קולות פון די מלחמה-אַלמנות, וואָס האָבן זיך דער-טראָגן אַהער פונדערווייטנס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט צווישן די פאַרשידענע קולות דאָס אומאויפהערלעכע, פלאַמענדיקע געשריי פון דער בריהדיקער אַלמנה.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער מלחמה-אַלמנה, וועלכע איז

איינגאַנצן אַ באַפרייטע געשטאַנען פאַר דעם נייעם אָנהויב, גלייך ווי פאַר אַ וויג, אין וועלכער זי אַליין געפינט זיך.

ער האָט זיך איינגעהאָרכט אין דעם גאָר וייטן קנאַקערייי פון שאָסן. (דער ווייטער רעש, וואָס האָט זיך אויף אַ ווײַלע געהאַט געשטאַרקט, איז ווידער שוואַכער געוואָרן און זיך אויסגעוויזן, ווי דאָס זשומען פון אַ פליג).

„די רעוואָלוציע שטייט אויפגעשריבן אויף די מענטשנס שטערנס; און דאָס, וואָס ס'איז אויפגעשריבן אויף מענטשנס שטערנס, מוז געשעען".

מיט שוואַרצע בליצן דורכגעפלאָכטן האָט דונערדיק־שטיל זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ די וויכטיקסטע פראַגע פון דער מענטשהייט: „צי וועט ווילן און בענקשאַפט צעשמעטערן דאָס געוואַלט, די פינצטערניש דורכדרינגען, דעם גייסט באַפרייען און זיך לאָזן פון אים פירן, אַזוי, אַז די טיפסטע, די ראַדיקאַלסטע רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע פון ליבע וועט קאָנען ווערן אַ געשעעניש? אָדער וועט ווידער דאָס געוואַלט אַ קיום האָבן און ווייטער גובר זיין די בענקשאַפט נאָך פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, וועלכע ווערט פאַר דער מענטשלעכער צוקונפטס וועגן אַלע מאָל ווידער אויפסניי געבוירן פון דעם טיפסטן זין פון דער וועלט: פון דער ליבע?

דער פלאַץ, אָפגעליידיקט פונם המון, האָט אויסגעזעען פאַריתומט. בין־השמשות־לופט און דאָזיין האָבן געבוירן אויף אים אַ שטילע רגע.

II.

די מוטער

איר זון איז געפאָרן צום פראָנט נישט אַלס פרייוויליקער.

בשעת די מוטער שטייט אויף זעקס אַ זייגער אינדערפרי פון בעט, זעט זי איר זון. זי זעט אים, בשעת זי שטייט אין דער נאָך קאַלטער קיך. זי זעט אים אין פאָדערהויז. אין האָלץ־קאַמער. אין קעלער. אויף דער גאַס. תמיד.

אינמיטן איר שלאָף שפאַנט דורך דער זון; ער מאַרשירט פאַרביי. ווערט וואָס אַמאָל קלענער, פאַרנעפּלטער, פאַרשווינדט. און נישט געקוקט דערויף האַלט ער כסדר אין איין פאַרביימאַרשירן. אינמיטן יעדן שלאָף. אין יעדע נאַכט, אין יעדן חלום.

דער זון זיצט אויף אַ שטול, באַם פאַרנעפּלטן ראַנד פונם שווערן שרעק־חלום, וועלכער האָט לעבן איר בעט אַוועקגעשטעלט דעם ביינן הויז־ווירט:

„דאָס דירה־געלט ענדלעך באַצאָלן!"

דער דראָענדיקער הויז־ווירט. אַלע עגמת־נפש און גראָשעדיקע זאָרגן, די גאַנצע מי און מאַטער און טאָגטעגלעכע דאגות ווערן צערונען און צעשווומען; וואָרים די שטול מיטן זון רוקט זיך אַריין אין מיטלפונקט פונם חלום, איר אויף דער ברוסט אַרויף.

זי ווישט אָפּ דעם שטויב פֿונעם פּאָלירטן מעבל: דער זון שטייט לעבן איר, גייט איר נאָך: פֿון דער שאַנק צו דער קאָמאָדע, פֿון בעט צום טיש.

זי זעט אים און זיך אַליין, ווי זיי גייען ביידע צו דער קאַזאַרמע. אַ סך ייִנגע מאַנסלייט, נאָך אין צוויל־קליידער. אָרעמע קופערלעך און טאָוולענע שאַכטלען. אַ סך מענטשן שטייען פֿאַר דער מויער אַרום דער קאַזאַרמע: פּרויען, קינדער, כּלות, מאַמעס, מאַכטלאָז.

דער מוראדיק קאַלטער, אָנרחמנותדיקער, אייזערנער בנין פֿון דער באַנהויף־האַלע. שטומע און וויינענדיקע מאַמעס און פּרויען. טרוקענע גימענס. אַ צעבראָכענער שמייכל אויף די פּנימער פֿון ייִנגע זעלנער. ווי מתים מיט בלומען באַצירט: ווילדע, מיט בלומען באַצירטע מאַכטלאָזיקייט.

דער צוג פֿאָרט אַוועק. ער פֿאָרט. פֿאָרט. פֿאַרשווינדט.

איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַן איינזאַם, מוראדיק צוריקגיין אַהיים.

צווישן דער מוטערס האַנט און דער שטאַרץ פֿון טאָפּ שלייכט זיך אַריין דעם זונס גרויע געשטאַלט. דער ישוב הדעת, צי מ׳דאַרף נאָך צושיטן אַ ביסל זאַלץ צום געקעכץ, ווערט צעריסן דורכן זון, וואָס שפּרינגט אַריין אינעם גרובן. שפּרינגט כּסדר מיט אַ ווילדער שנעלקייט אינעם גרובן אַריין, אויס ווען עס הויבן זיך צו אים באַגנעטן.

יעדער געדאַנק ווערט איבערגעהאַקט דורך די מחשבות וועגן איר זון.

בעת דער בעקער פּאַקט איר איין דאָס ברויט, אַנטפּלעקט זיך פּלוצלינג פֿאַר איר אַ מדבּרדיק, מיט שיסערייַ־רויך אָנגעפּילט פֿעלד, וועלכעס זי האָט קיינמאָל נישט געזעען און אויף וועלכן עס שטייט אַצינד איר זון און רייבט זיך מיט זיין אייגנטימלעכער האַנט־באַוועגונג דאָס רעכטע אויג.

און אין דעם מאָמענט, בשעת זי זאָגט: „כ׳וואָלט ליבער וועלן פֿריש ברויט", שטעקט דער זון צו ווייט אַרויס דעם קאָפּ פֿון דעם גרובן.

אַ דערציטערטע לאָזט זי אַראָפּ דאָס ברויט אויפֿן קראָם־טיש, כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פֿאַר די באַקן און גלאָצט אויס די אויגן. זי זעט, ווי דער פּיינטלעכער זעלנער צילט אין איר זונס קאָפּ.

„יעזוס! קינד, ווי קאָנסטו מיר...״

דער זון בייגט זיך אַראָפּ צו זיין חבר.

„אַזעלכעס אַנטון״.

דער פּיינטלעכער זעלנער לאָזט אַראָפּ די ביקס.

„מאָרגן וועט ווידער זיין פֿריש ברויט״.

די מוטער גייט אַרויס פֿון דער בעקעריי, אירע אויגן גלאָצן אויפֿן בילד: דער פּיינטלעכער זעלנער שפּיאָנירט מיטן בליק, ווי־דער האַלטנדיק די ביקס באַ דער באַק גרייט צו שיסן, אַריבער צום אַראָפּגעבויגענעם זון.

„אויב ער וועט זיך אַצינד אויסגלייכן. מיין גאָט, אויב ער וועט זיך אויסגלייכן!... אַלמעכטיקער גאָט, מאַך אַזוי, אַז דער חבר זאָל עפּעס אַ מעשה דערציילן, כּדי מיין זון זאָל אויסהערן און זיך נישט אויסגלייכן. זאָל דער חבר בעטן עפּעס אַ טובֿה, וואָס מיין גוטער זון וועט נישט אָפּזאָגן, און זאָל ער זיך נאָר נישט אויסגלייכן״.

די פּיינטלעכע ביקס לאָזט זיך אַראָפּ.

איצט באַווייזט זיך דעם זונס קאָפּ: די פּיינטלעכע ביקס דערהויבט זיך און ציט זיך אויס אין אַ שרעקלעכער האָריזאָנטאַלער ליניע.

די מוטער טוט אַ געשריי.

זי גלאָצט אויף די צוויי האַריקע הינט, וואָס האָבן האַרט לעבן איר זיך אַ וואָרף געטון איינער אויפֿן אַנדערן. אויסגעשטשי־רעטע ציין. מיילער איינגעביסענע איינס אין אַנדערן.

(גרויע געשטאַלטן קריכן אַרויס פֿון גרובן, פֿלאַטערן פֿאַרבֿ־לאָז איבער דעם פֿאַרבלאָזן פּלאַץ. אַ ווילד, פֿחדימדיק־שטיל געראַנגל.)

די מוטער וואַרפֿט זיך צווישן די צוויי קעמפֿנדיקע הינט. דאָס איז איר זון און דער פּיינטלעכער זעלנער. מיט אירע אַלטע, פֿון

שווערער אַרבעט פאַרהאַרעוועטע הענט, רייסט זי פונאַנדער די הינט, וועלכע צעלויפן זיך ברומענדיק אין קעגנגעזעצטע זייטן. (די פאַרבלאָזע געשטאַלטן פלאַטערן ווידער אין די גרובנס אַריין.)

די מוטער לענט זיך אָן שווער אָטעמענדיק אָן אַ מויער און האָרכט זיך איין אין דעם קלאַנגלאָזן קרעכץ, וועלכער קומט אויסן טיפסטן מקור פונם ווייבלעכן וועזן, אויס דעם מיסטישן פונקט: מוטער-ליבע.

די מוטער האָט זיך אין משך פון די דריי מלחמה־יאָרן אויסגעלערנט פולקאָם שטיל צו קרעכצן. וואָרים אויב זי און אַלע מוטערס זאָלן קרעכצן אויפן קול, וואָלט גאַנץ אייראָפּע טאָג און נאַכט כסדר געקלונגען מיט אַ ווילד־יאָמערדיק, פאַרטויבט קרעכצעריי, פאַר וועלכן קיין שום שפּראַך האָט נאָך נישט געפונען קיין ווערטער.

איבער אייראָפּע הענגט אַ דריקנדיקע שטילקייט, די יסורים־דיקסטע ווייטיק: די „ווייטיק־מאַכטלאָזיקייט". אַ מוראדיקע שטילקייט, אונטער וועלכער עס קורטשען זיך פון יסורים מענטשלעכע הערצער. דער לעבעדיקער וואָרעם אויף דער האַק פון דער פּישנעץ מוז שטום זיין.

און אויף די פּראָנטן ציטערן, גליטשנדיק זיך פאָרויס, די האַרמאַטן־רערן, פונאַנדערגעשטעלט אין אַ גייסט־פאַרשווערישן עגול. זיי שפּרינגען צוריק, גליטשן זיך ציטערנדיק פאָרויס, צוריק, ווערן הייס: אַ דונערנדיקער עגול. אַן עגול פון בלוט. פון צעדורסטע מענטשלעכע לייבער. פון אָפּגעריסענע הענט, פיס. אַ ריזן-עגול־קבר רינגלט אַרום דאָס שטילע אייראָפּע. אַ נעץ פון קברים, בלוט און האַרמאַטן שניידן זי דורך, שטילע ווייטיק־גבולין ווערן אָפּגעגרענעצט, אין וועלכע די אייראָפּעישע מוטער קניט ציטעדנדיק אַנידער מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם. וואָרים זי הערט דאָס קנאַקן פונם שאָס, זי זעט די קויל פליען צום זון, זי זעט מיליאַרדן קוילן פליען, וואָרים זי זעט כסדר די איינע קויל פליען, וואָס טרעפט דעם זון.

דאָס האַרץ טוט איר ווי, טאָג און נאַכט. שוין גאַנצע דריי יאָר, דריי אייביקייטן.

די מוטער — אַ גייענדיק צעפּלאָגט האַרץ, וואָס האָט אַ פּנים, געהירן און אויגן באַקומען, די קאַפּלאָזע מוטער, וואָס טראַכט און זעט בלויז מיטן האַרץ, וואָס טראָגט אין זיך די משא, דעם פּחד, די יסורים, די ווייטיק, דעם צער פון גאַנץ אייראָפּע — די אייראָפּעיִשע מוטער גייט איילנדיק, דאָס ברויט צו דער שוואַכער, איינגעפּאַלענער ברוסט געדריקט, אַהיים, כדי אָפּצוּוואַרטן דעם פעלד־פּאָסט־בריוו, וועלכער איז אפשר אַרויס פון דעם קנאַלנדיקן מענטשן־מאָרד־עגול — „אפשר, — אפשר, אפשר פאָרט נישט, אפשר דאָך" — און קען מיט דער ערשטער פּאָסט אָנקומען אין דער פאַרחושכטער פּאַרשטאָט־שטוּב.

זי איילט. אירע מחשבות, אַלע מיטן האַרץ געטראַכט, לויפן איילנדיק פאָרויס: זיי זעען דעם בריוו־טרעגער.

וועלכער ווינקט. „איך האָב פאַר אייך עפּעס", זוכט, דערלאַנגט איר אַ בריוו. „וואַרט, נאָך עפּעס". דערלאַנגט איר נאָך צוויי. נאָך פינף. דערלאַנגט איר אַ פולע האַנט מיט בריוו. אַלע פון זון. זי לויפט מיט די בריוו אַרויף איבער די שטיגן.

און פאַרקירעוועט אין דער פוסטער גאַס אַריין. זי קוקט: „נישטאָ קיין בריוו־טרעגער".

בשעת זי גייט אַרויף איבער די שטיגן, זעט זי דעם זון שטיין פאַר זיין אָפיציר.

וועלכער זאָגט: „אויב איך וועל נאָכאַמאָל באַמערקן, אַז איר שיסט בכיוון נישט, וועל איך דאָס מעלדן. און דאַן וועט איר דערשאָסן ווערן".

באַפאַלן פון אַ ווילדן פּחד, בלייבט די מוטער שטיין אויפן האַלבן שטאָק און בעט זיך: „שיס!"

דער זון הייבט אויף די ביקס און צילט צום פראַנצויז.

די מוטער זעט די פראַנצויזישע מוטער, וועלכע זיצט אין פּאַריז באַם פענצטער און טראַכט וועגן איר זון, אויף וועלכן דער זון צילט אין דערדאָזיקער רגע.

די מוטער שרייט: „שיס נישט".

דער אָפּיציר: „שיסן! אַז נישט וועט איר דערשאָסן ווערן".

בעט זיך די מוטער: „שיס! אָ, גאָט, שיס!" דערזעט זי די פראַנצויזישע מוטער. „ניין! שיס נישט!"

לאָזט ער אַראָפּ די ביקס. „איך וועל נישט שיסן, הער אָפּיציר".

„די מינוט אָוועקפירן אים", באַפעלט דער אָפּיציר.

און די מוטער געוואַלדעוועט: „אום גאָטעס ווילן! שיס! שיס!"

כאַפּט דער זון די ביקס צום פּנים, צילט: דער פראַנצויז גיט אַ צאַפּל מיט די הענט אינדערהייך, קורטשעט זיך איין און פאַלט אַנידער אויפן פּנים.

די מוטער כאַפּט זיך פאַרן האַרץ, מיט דער רעכטער האַנט ווייזט זי מיט שרעק אויף פאַריז, אויף דעם פענצטער, וווּ די פראַנצויזישע מוטער זיצט, זי עפנט גראָד דעם אַמטלעכן בריוו און לייענט: „ער איז אומגעקומען", זי זעט ווי די פראַנצויזישע מוטער טוט אַ געשריי און גלאָצט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגן.

פּאַמעלעך, ווי באַלאָדן מיט אַ שרעקלעכער רציחה־שולד, לאָזט זיך די מוטער איבער די שטיגן פונם צווייטן האַלבן שטאָק און איר זעענדיק האַרץ קוקט נאָך דעם מערדערישן לויף פון דער קויל, וואָס לעכערט דורך דעם פראַנצויז און לויפט דערנאָך ווייטער, קיין פאַריז, דער פראַנצויזישער מוטער אין האַרץ אַריין.

אָבער דער זון לעבט, מען דערשיסט אים נישט, וואָרים ער האָט דאָך דערשאָסן, לויט דער מוטערס בקשה.

דער מוטערס האַרץ זעט כסדר, ווי איר זונס קויל לעכערט דורך דעם פראַנצויז, פליט דערנאָך ווייטער, קיין פאַריז: דער פראַנצויזישער מוטער אין האַרץ אַריין.

אויף דער גאַס דערהערן זיך טריט. בלייך־שנעל בויגט זיך איר אויבערשטער טייל קערפּער אַרויס דורכן פענצטער: „ס'איז נישט דער בריוו־טרעגער".

נישט געטראַכטערהייט, נישט ווילנדיק, שיילט זיך טונקל אַרויס דורך דער סיבה פון אַלע סיבות דאָס געזעץ פונם גורל:

„עצירה און תשובה" און עס ווערט פאַר דער מוטער מוראדיק זי־
כער און קלאָר: דער זון, וועלכן מען האָט געמאַכט פאַר אַ מער־
דער, וועט סוף כּל סוף אַליין דערמאָרדעט ווערן.

איר איבערשטער טייל קערפּער בויגט זיך אַרויס דורכן פענצטער. דער בליק בליצט איבער דער גאַס, בלאָנדזשענדיק אויף אַלע זייטן. מ'זעט נישט קיין בריוו־טרעגער.

און ווען איר בליק ציט זיך צוריק — אַ לאַנדשאַפט מיט קינסטלעך אָנגעשיטע בערגלעך, פאַרשאַנצונגען, באַפעסטיקונגען פאַרצוימונגען. אויסגעטרעטענע ליימיקע שטעגן.

„מיר שלעפן פולע קוישן מיט אַמוניציע צו דער פאָדערשטער ליניע. איבער אונז פליען די גראַנאַטן אין סכנותדיקע בויגנס הויך אונטערן הימל. ווייסע אויפרייסן. אויף לינקס און אויף רעכטס, פאַר און הינטער אונז. וואַלקנס ערד. מתים. מענטשלעכע אברים. אָן אַ שיעור שרעקלעך", האָט דער זון געשריבן.

די מוטער זעט, ווי גאָר הינטן, נאָך באַוואָרנט פאַר די פלי־ענדיקע גראַנאַטן, הייבט דער זון מיט זיין חבר דעם אַמוניציע־קויש, שלעפנדיק אים צום רויטן פייער־וואַלקן.

און זי קען נישט דעם זון פאַרהאַלטן, אים צוריקציען, זי איז מאַכטלאָז.

„האָט מען געקלונגען?" זי פּראַלט אויף די טיר. גלאָצט אין דעם ליידיקן פאָרהויז.

און בשעת דאָס טיר־גלעקל האָט זיך שפּעטער אויף אַן אמת געלאָזט הערן און אין דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט זיך באַוויזן דער בריוו־טרעגער, האָט די מוטער אויסגעשטרעקט איר האַנט נאָך אַ פּאָסט־קאַרטל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען: „מיר זעגנען מודיע די חשובע מיטגלידער, אַז דער געזאַנג־פאַריין „שמחה" איז גע־צווונגען, ביז צו אַ ווייטערער מעלדונג, איבערצורייסן די געזאַנג־פּראָבעס, היות די זינגערס לאָזן זיך וואָס אַמאָל מער אויפן רוף פונם פאָטערלאַנד, אַזוי, אַז דאָס פירן ווייטער די פּראָבעס האָט שוין נישט קיין צוועק. דער סעקרעטאַר".

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס קאַרטל אויפן טיש, לעבן דעם

פאַטערס טעלער. „די נאָענטע פאָסט. . . אַצינד קען שוין פאַר פיר שעה נישט אָנקומען קיין בריוו“. פון זון.

וועלכער איז אין אָט דער זעלבער רגע, בשעת זיין מוטער האָט אין מורא, יסורים און מאַכטלאָזיקייט געטראַכט דאָסדאָזיקע, געזעסן אין גרובן אויף אַ קאַסטן אַמוניציע.

אין זיין ווי ליים געלער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בריוו, וועלכן ער אַליין האָט מיט העכער אַ יאָר צוריק, געפינענדיק זיך אין אַ גרובן אין רוסלאַנד, אָנגעשריבן און אַוועקגעשיקט צו אַ נישט עקזיסטירנדיקער פערזאָן און אַצינד, מאַכטלאָז איינגעמויערט אין אַ גרובן אויפן מערב־פראָנט, האָט ער אים באַקומען צוריק מיט דעם אויפשריפט. דער אַדרעסאַט איז אומבאַקאַנט.

בשעת ער האָט געוואָלט אָנהייבן צו לייענען, האָבן די האַרמאַטן צו אים אַ ברום געטון מיט אַ טויזנטפאַכיקן ברום, אַז ער באַדאַרף גאָרנישט לייענען דעם בריוו, ער קאָן לייענען דיווירקלעכקייט, וועלכע איז מוראדיק ענלעך צו יענער פון דעם מזרח־פראָנט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק! אַ גרויסער, וויסטער, געלבלעכער ליידיקער פלאַץ, ערטערווייז געדיכט באַדעקט מיט אַלטע און פרישע מתים, פאַמעלעך זיך רירנדיקע פאַרוווּנדעטע, וועלכע קאָנען נישט אַוועקגענומען ווערן און גייען פאַמעלעך אויס.

„אַלץ געשעט נאָענט בא דער ערד. נידעריק, געמיין, נידערטרעכטיק, פלאַך, פאַרבלאָז, גרוי... די לעבעדיק־פרייליכע רייטעראַטאַקעס, נאַך וועלכע מיר האָבן פאַר דער מלחמה אויך נישט געבענקט, עקזיסטירן שוין היינט נישט“, האָט ער געלייענט. און געוואָרפן אַ בליק אַרום: אַ בריוו פון געלער ערד איז געלעגן פלאַך אויסגעשפרייט פאַר אים.

צווישן דעם שונאס גרובן און איר זונס זענען זיי געלעגן: פלאַך, אויף דער העלפט שוין פאַרזונקען אין דער ערד. טויטע. אייגנטלעך נישט מער ווי שטיקער אוניפאָרמען; פנימער און הענט האָבן שוין אויסגעזען ווי ערד. אַ צווייטע ערד־שיכט, וואָס איז באַשטאַנען פון מתים. גאַנץ נאָענט לעבן זון איז געלעגן אַ טויטער און געגלאָצט מיט די בלויע אויגן. אויך אים, הגם ער איז גע־

לעגן בלויז אויף אַ מרחק פון צוויי מעטער, האָט מען נישט געקאָנט צונעמען. וואָרים ווי נאָר עס פלעגט זיך דערהייבן אַ קאָפּ, האָבן זיך גלייך אַ הויב געטון צען פיינטלעכע ביקסן. דער טויטער ליגט שוין אַזוי זעקס וואָכן פאַרן גרובן, גלאָצט מיט די אויגן און שטינקט. דאָס געיאָמער פון דעם פאַרווונדעטן, וואָס ליגט לעבן טויטן, הערט גאָרנישט אויף. עס הערט קיינמאָל נישט אויף, שוין זינט דריי טעג און דריי לאַנגע נעכט.

„דער עפּוש פון שרפות און מתים איז אונזער לופט. שוין פון דריי יאָר אָן", האָט דער זון געלייענט.

און באַטראַכט מיטן בליק דעם חבר, וואָס איז געזעסן לעבן אים לינקס. זיינע באַקן זענען געווען געזונט־רויט, דיק און פעסט. און אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם אַלעם שרעקלעכן, וואָס האָט זיך אַרום אים אָפּגעטון, איז ער געזעסן און געגלאָצט פאַר זיך. אַפּאַטיש. טעמפּ. אָן אַ נשמה.

„אַזוי ווייט האַלט איך נאָך נישט. איך שרייב נאָך בריוו. צו דער מוטער. צו דער מוטער. איך שרייב דעם גאַנצן עלנט, די גאַנצע חרפּה, אַלע שרעקלעכקייטן שרייב איך מיר אַראָפּ פון האַרצן, כּדי צו קענען אָטעמען. צו דער מוטער... און דעמאָלט קען די מוטער נישט אָטעמען".

אַ ווייטיקדיקער זיך־בסט־פאַראַכטונגס־שמייכל האָט אויסגעקרומט זיין לינקן מויל־ווינקל, דערמאָנענדיק זיך, אַז כּדי זיינע געפילן, וואָס געפינען זיך שוין זינט דריי יאָר אונטערן צייכן פון בלוט, שרפות און רציחה, זאָלן נישט בלייבן אינגאַנצן אָן אַ קאָנטראָלע, כּדי די נשמה זאָל אים נישט פאַרשטיינערט ווערן אויפן גאַנצן לעבן אַרויס, האָט ער כּסדר בריוו געשריבן. אַ סך בריוו. צו דער מוטער. האַרץ־אויסגיסעניש. אָנקלאַגעס. אָנקלאַגעס קעגן זיך אַליין. געשרייען. צו אויסגעטראַכטע אַדרעסאַטן. שוין נישט צו דער מוטער. כּדי די מוטער צו שוינען. בריוו. בריוו. כּדי זיך פון האַרץ אַראָפּצורעדן. כּדי נישט צו פאַרגעסן. גאָרנישט צו פאַרגעסן. כּדי דאָס באַוווסטזיין פון די שרעקלעכקייטן צו דערהאַלטן. כּדי זיי נישט צו באַטראַכטן ווי נויטווענדיקע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן. כּדי נישט צו ווערן אַזאַ פולשטענדיק פאַטאַליסטישער, פול־

שטענדיק אָפּגעטעמפּטער צו אַלע גרויזאַמקייטן פולשטענדיק גלייכגילטיק געוואָרענער, מעכאַניזירטער מערדער, ווי דער לעבן אים זיצנדיקער חבר, וועלכער האָט אַליין אָפּגעטייט בּאַ זיך די נשמה אינם אייגענעם גוף. וועלכער האָט לויטן בּאַפעל געשאָסן. געשאָסן. כּסדר געשאָסן, געשאָסן, געשאָסן. אויטאָמאַטיש, ווי אַן אויטאָמאַטישע בּיקס.

„הינטער אונז, פונאַנדערגעשטעלט מיט אַ רוצחישער גענויקייט, דונערן די האַרמאַטן, שליידערן איבער אונזערע קעפּ אַריבּער גראַנאַטן אין שונאס לאַגער אַריין. אומאויפהערלעך. אַן אומאויפהערלעכער מאָרד! בּאַטאָג און בּאַנאַכט. אומצאָליקע גראַנאַטן, וואָס בּאַגעגענען זיך מיט די אַנדערע אומאויפהערלעך אַריבּערפליענדיקע גראַנאַטן. לעגנגויס דעם גאַנצן פראָנט. אַ געקלאַפּעריי פון מאַשינען-געווער. מענטשן פאַלן, ווערן פאַרשטומט. מענטשן פאַלן און קרעכצן, בּרומען, יאָמערן, בּילן. אַ ווייט קנאַקעריי פון מאַשינען-געווער. פון שונאס מאַשינען-געווער. בּאָמבּעס און מינעס פּלאַצן. רויך-וואָלקנדלעך. אומצאָליקע רויך-וואָלקנדלעך, ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערגרייכן... אַלץ איז פלאַך, גרוי, פאַרבּלאָז, רשעותדיק".

דער זון האָט אויפגעהויבּן דעם בּליק: און דערזעען אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט. זייבע פון גרויל קראַנקע אויגן האָבּן זיך אָפּגעשלאָגן שוין צום טויזנטסטן מאָל אָן דעם זעלנער, וועלכער איז אַ שווער פאַרוווּנדעטער און נאָך אַ לעבּעדיקער זינט פינף טאָג געהאָנגען צווישן דער שטעכיקער דראָט און מוראדיק פאַמעלעך בּאַוועגט מיט די אברים. אָן שום קלאַנג. וואָס אַמאָל שוואַכער. טיילמאָל אויפשרייענדיק. תמיד מיט דעם זעלבּן טאָן, פאַר וועלכן קיין שום שפּראַך האָט נאָך נישט געפונען דעם געהעריקן אויסדרוק.

„אַ מענטש שרייט", האָט דער זון געפילט מיט זיין גאַנצן וועזן. „אַ מענטש שרייט".

„מענטשן, מיליאָנען מענטשן, מענטשן שיסן איינער דעם אַנדערן, מאָרדן, הרגענען, דערשטיקן, צערייסן איינער דעם אַנדערן. זינט דריי יאָר. פאַרוואָס?"

אינטערעס און גלייכצייטיק דערשטוינונג, וואָס אַ געדאַנק קאָן אים נאָך פּאַראינטערעסירן, האָט אַרומגענומען דעם זון, בעת ער האָט געלייענט:

„אָבער נישט קעגן דעם, וואָס עס קומט פאַר דאָ אויפן מלחמה־פעלד מוז געקעמפט ווערן. וואָרים דידאָזיקע פּאַראַדאָקסאַלע מענטשן־שחיטה איז בלויז אַ בולטע דערשיינונג, אַ באַשיינפּערלעכער פּועל־יוצא פון דעם נידריקן גייסט, וואָס הערשט אין לאַנד. ווען דערדאָזיקער רויבערישער גייסט, דער געפּיידיקטער און פאַרהייליקטער פאַלשער אידעאַל „נאַציאָנאַליזם" וועט אונטערדריקט ווערן, וועלן שוין די האַרמאַטן במילא פאַרזשאַווערט ווערן".

דער אָפיציר, דעם רעוואָלווער האַלטנדיק אין דער ייבגלישער פויסט, איז איינגעבויגענערהייט דורכגעגאַנגען איבער דעם גרובן, פאַרביי דעם זון, פאַרביי דעם חבר, וועלכער האָט געצילט און געשאָסן.

קלאַנגלאָז, אומאויפהערלעך און מוראדיק פּאַמעלעך האָט דער זעלנער, וואָס איז צווישן שטעכעדיקן דראָט געהאָנגען, באַוועגט מיט די אברים.

דער זון האָט געזוכט די זאַצן, וועלכע ער האָט געשריבן מיט אַ יאָר צוריק. „נעכטן איז אַ חבר לעבן מיר אַ מענטש געוואָרן. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס געווער, אונז אָנגעקוקט און גליקלעך געשמייכלט. און ווען דער עלטסטער האָט באַפוילן: „נישט לאַכן! שיסן!" האָט דער מענטש אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיט וואָס פאַר אַ קינדישער אָן אַ שיעור־דיקער ליבע ער האָט צו אונז געשמייכלט. דורך עפּעס אַ מיסטישן כוח האָט ער גובר געווען דעם גייסט פון דיסציפּלין, פון קנעכטשאַפט, דעם גייסט פון מיליטאַריזם און איז צוריק אַ מענטש געוואָרן: ער איז פון זינען אַראָפּ. מען האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ משוגעים־הויז. עס האָט געהייסן, אַז ער וועט צוריק געזונט ווערן, אַז ער וועט ווידער קענען שיסן. אפשר שיסט ער שוין אַצינד אויפן באַלקאַן".

דאָס האַרמאַטן־פייער איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער, זיך פילפאַכיק געשטאַרקט און געוואַקסן. די אַריינפלאַצנדיקע גראַנאַטן,

פונאַנדערגעשמעטערטע באַלקנס און מענטשן. און נישט געקוקט דערויף, האָבן לאַנגע, געדיכטע שורות פון ליימיקע געשטאַלטן פאַרלאָזט די פיינטלעכע גרובנס, ווערנדיק געשטויסן פאָרויס דורך אַ באַזעל און אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד דורכן מאַשינענגעווער פון די פלאַנקען.

געוואַלטן. געשרייען. אַ יאָמערײַ. זיך קורטשענדיקע גופים. גלאַנצדיקע טויטע אויגן. אומצאָליקע פרישע מתים האָבן באַדעקט די אַלטע מתים.

און נאָך דעם פאַרענדיקטן ווילדן קאַמף אין גרובן, האָט דער זון געלייענט: „הונדערטער טויזנטער זענען מנצח דעם מיליטאַריזם דורך משו..עת. צען מיליאָן פוילן. צען מיליאָן זענען בעלי־מומים. און פון די איבעריקע ווען אַ סך אַהיימקומען אַלס פּינקטלעך פונקציאָנירנדיקע מאָרד־מאַשינען. מען האָט אין זיי איינגעפלאַנצט דעם גייסט פון געוואַלט, ווי קינדער דעם אלף־בית. דערדאָזיקער גייסט בלייבט שוין אין זיי שטעקן. און מוז ווייטער ווירקן. מיין לעבן מיר זיצנדיקן פּשוטן מאָרד־חבר, דעמדאָזיקן טיפּישן רעפּרעזענטאַנט פון מיליאָנען פּשוטע מאָרד־חברים, דעמדאָזיקן אין משך פון דריי יאָר טאָג־טעגלעך קעגן אַלע גרויזאַמקייטן אָפּגעטעמפּטן טיפּישן טרעגער פון געוואַלט, וועט שוין דער ווילדסטער יסורים־געשריי נישט מער רירן. פּונקט אַזוי ווי אייך אין דער היימאַט רירן שוין נישט מער קיין מענטשלעכע יסורים, אויב איר קענט לייענען אין דער צייטונג: דרייסיק טויזנט זענען אומגעקומען, און נישט אַראָפּגיין דערביי פון זינען!"

מיטאַמאָל האָט דער זון דערפילט עפּעס אַזעלכעס, פאַר וועלכן ער האָט נישט געקענט אַנטלויפן: ער האָט געפילט ווי די רעכטע העלפט פון זיין קערפּער איז געוועזן קעגן דעם, ער זאָל נאָך דעמדאָזיקן בריוו שיקן צו דער מוטער, און אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געפילט, ווי די אַנדערע העלפט, די האַרץ־זייט, צווינגט אים דעם בריוו יאָ אַוועקצושיקן צו דער מוטער: דאָס איינציקע אייראָפּעישע וועזן, וואָס קען קיינמאָל נישט ווערן אָפּגעטעמפּט און גלייכגילטיק צו די ליידן פון מענטשן, וועלכע קומען אַלע אַרויס פון מוטערס.

אומזיסט האָט ער זיך באמיט נישט צו הערן די האַרמאַטן־שיסעריי, וואָס איז פון רגע צו רגע געוואָרן שטאַרקער און הילדער. די ערד האָט געהילכט. זיינע אויערן האָבן געהילכט. דער גאַנצער מוח זיינער האָט אים געהילכט. ער האָט געזעען, ווי עס האָט אָנגעהויבן צו פויקן דער האַמער פון טעלעפאָן, וועלכער איז געהאָנגען נישט ווייט פון אים, ער האָט פון אָפיצירס ליפּן אַראָפּ־געלייענט דעם הילכיקן אויסגעשריי „אַזוי איז עס" יענעם אין אויער־הייטל אַריין. און ער האָט געוווסט, אַז די שעה פון טויט קומט אָן פאַר די זעלנער פון גרובן, וועלכע ווערן געשיקט אויף אַ שטורם־אָנגריף.

פויסטן האָבן אַ כאַפּ געטון די ביקסן. באַגנעטן האָבן זיך צעפינקלט. גרויע געשטאַלטן, ענג צוזאַמענגעקנוילט אין גרובן. דאָס זענען שוין נישט געווען קיין מענטשלעכע פּנימער. גלעזערנע פּנימער. גלעזערנע אויגן. אָן אַ מינדסטער מחשבה, אָן אַ ברעקל געדאַנק אין מוח.

דער זון האָט אויך אַרויפגעזעצט דעם באַגנעט אויף דער רער פון דער ביקס. אין זיין מוח בלאָנדזשעט נאָך די מחשבה: „דער מוטער וועט פאַרפעלן אָטעם, אויב זי וועט אַזאַ בריוו באַ־קומען". ער טראַכט ווייטער: „ווען איך אומקומען?" און געטריבן דורך דעם באַפעל, גיט ער זיך אַ ריס פאָרויס.

אין דער זעלבער צייט, וואָס די מוטער איז מאַכטלאָז גע־שטאַנען באַם טיש און אַריינגעגאָסן זופּ אין דעם פאָטערס טע־לער.

איר פאַרטראַכטער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קאַ־לירטער פאָטאָגראַפיע פונם באַליבטן אַרמיי־אָנפירער, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט און אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט. דער לאַנגער אומרו פונם שוואַרצוואַלדער זייגער, וואָס הענגט איבער דער פאָטאָגראַפיע, באַוועגט זיך אויפן אַרמיי־אָנפירערס פּנים הין און צוריק.

פינקטלעך גלייך אונטערן, פון דעם אומרו אייביק דורכגע־שטרייפטן, אַרמיי־אָנפירערס פּנים איז געזעסן דער פאָטער און עסנ־

ריק די זופּ געליי׳ענט וועגן „אַ דרייסט שטיקל פון אַ פּאַטרול“ אין דער צייטונג.

די מוטער האָט נישט געוווּסט, צי זאָל זי אין אירע געדאַנקען זעען דעם זון היגטערן פּראָנט, אָדער אין דער ערשטער ליניע.

בשעת דער זון האָט זיך אין דער זעלבער רגע אַן אַרומגערינגלטער פון אויפגעהויבענע ביקסן־קאָלבעס און ווילד־גלאַנצנדיקע מענטשלעכע פּנימער אַראָפּגעלאָזט אויף די קני׳ען אין שונאס גרובן.

...„און האָט אים אַן לאַנגע שהיות אַנידערגעשליידערט“, האָט דער פאָטער פאַרענדיקט דאָס לייענען. ...„וואָס איז ווייטער?“

„ס׳איז ווידער נישט געקומען קיין בריוו.“

„ניין, נישט דאָס. וואָס האָסטו ווייטער צו עסן... ס׳וועט שוין קומען. ס׳איז דאָך אַלעמאָל געקומען“.

דערנאָך האָט ער זיך גענומען לייענען דאָס לייט־אַרטיקל, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען, אַז דאָס פאָלק, פול מיט צוטרוי צו זיין פעסטער רעגירונג, וועט בלייבן אויסדויערהאַפטיק און אַ דאַנק זיין אחדות אַרויסגיין ניי־געשטאַרקט פונם דאָזיקן בלוטיקן געראַנגל. אָנהייבנדיק פון די גייסטיקע שפּיצן, ביז צו די נידעריקסטע שיכטן פון פאָלק, ווייסט יעדער זעלנער, יעדער פאָטערלאַנדפאַרטיידיקער, יעדעס שול־קינד, אַז די דאָזיקע מלחמה איז אונז אָנגעוואָרפן און אַז דאָס פאָטערלאַנד איז געווען אין אַ סכנה.

ער האָט דאָס פאַרגעלייגט דער מוטער. און געזאָגט: „אָט איז ווידער אַלץ גאַנץ קלאָר אויסגעטייטשט... אַך, די דאָזיקע אויסלענדישע טויגעבישן!“

די מוטער וואָלט נישט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אונטערן זייגער און פאַרהאַלטן דעם אומרו, אַזוי, אַז דאָס פּנים פונם באַליבטן אַרמיי־אָנפירער איז ווי צעשניטן געוואָרן אויף צוויי חלקים. זי האָט אַ מידע אַ זאָג געטון: „פונוואַנען קאָן דאָס אַ שול־קינד וויסן, צי די דאָזיקע מלחמה איז אונז

אַנגעוואָרפֿן געוואָרן... און אויך מיר פּשוטע מענטשן, וואָס ווייסן מיר אין דידאָזיקע זאַכן".

„יעדער מענטש ווייסט דאָך דאָס. און די קינדער... צי וואָס זענען דאָ לערערס אין די שולן. און מיר, מיר קאָנען דאָך דאָס יעדן טאָג לייענען אין דער צייטונג... וואָס איז ווייטער?"

... „בלויז דאָסדאָזיקע קאַרטל איז געקומען... עס אפשר נאָך אַ טעלער זופּ. פֿאַרן קצבֿס קראָם זענען געשטאַנען צוויי פּאָליציי־לייט און אפשר דריי הונדערט פֿרויען. איך האָב שוין דאָרט גאָרנישט באַקומען.

„האָסט באַדאַרפֿט אַהינגיין פֿריער... ס'זאָל שוין אַמאָל אַ סוף נעמען צו דערדאָזיקער עקלהאַפֿטער מלחמה... אַך, די אויסלענדישע טויגעבישן!"

דער מוטער, אָפּגעשוואַכט פֿון הונגער און פֿון שרעק איבערן גורל פֿון זון, וועלכן זי דערזעט פּלוצלינג שטום אַנידערפֿאַלן אויפֿן פּנים, ווערט פֿינצטער פֿאַר די אויגן. און בשעת פ קומט ווידער צו זיך און באַטראַכט דעם אַלטן פֿאָטער, וועלכער מוז שווער אַרבעטן און זעט אויס שטאַרק אָפּגעצערט, ווייל ער באַקומט אָפּט אויף מיטאָג בלויז אַ וואַסערדיקע זופּ, רוקט זי אים צו איר טעלער. „דאָס פֿאָטערלאַנד איז געווען אין אַ סכּנה? נו, און אַצינד? קיין גרעסערע סכּנה פֿאַרן פֿאָטערלאַנד איז שוין גאָרנישט מעגלעך. אַצינד איז דאָס גאַנצע פֿאָלק אין סכּנה. איך אַליין ווייס אפֿילו נישט — איך קאָן עס אָבער פֿון זיינע בריוו אַרויסלייענען — וויפֿיל מענטשן עס זענען שוין אומגעקומען, און וויפֿיל זענען געוואָרן בעלי־מומים און וויפֿיל עס ווערן קראַנק און שטאַרבן אַוועק, ווייל זיי האָבן נישט גענוג צו עסן. און די קינדער, וואָס וואַקסן אַזוי אויף! קוק זיי נאָר אָן. און דאָס, וואָס זיי הערן יאָרנלאַנג כּסדר רעדן וועגן רציחת, וואָס פֿאַר אַ מענטשן קאָנען פֿון זיי אַרויסקומען. וועגן אונדז אַלטע לייט רעד איך שוין גאָרנישט. און צווישן די זעלבער דאָרט אויפֿן פֿראָנט זענען דאָ, זאָגט מען, אַ סך קראַנקע. דו ווייסט דאָך שוין אויף וואָס".

„וואָס ער שרייבט דיר דאָרט!"

„אַז דאָס פאָלק איז אַצינד אין דער גרעסטער סכנה, דאָס איז גאָרנישט אַזוי שווער צו וויסן. דאָס ווייסט יעדער. מען דאַרף גאָרנישט פאַרמאָגן דערצו קיין סך שכל... און עס וואָלט זיכער נישט געווען דערגאַנגען צו אַ מלחמה, ווען זיי וואָלטן פריער געווען וויסן פון דעם, וואָס ס'איז אַצינד דערפון אַרויסגעקומען. זיי האָבן פשוט אַ טעות געהאַט אין חשבון. צום אומגליק אָבער, נישט ווי אַ סוחר אין אַ געלט-סומע, נאָר אין בלוט פון מיליאָנען מענטשן. אין בלוט פון אונזערע זין. אַצינד וואָלטן זיי שוין נישט אָנגעהויבן... אינם לעצטן בריוו שרייבט ער: „דער שאָס, וואָס טרעפט דעם יחיד, האָט געטראָפן אין דער ברוסט פונם גאַנצן פאָלק". און אַזוי איז עס טאַקע".

„אין ברוסט געטראָפן! אַז מיר וועלן אָבער פאָרט מנצח זיין!"

„וואָס איז דאָ נאָך פאַרהאַן מנצח צו זיין, ווען די לעבנס-קראַפט, יאָ, די בעסטע לעבנס-קראַפט פונם פאָלק", ווי ער שרייבט, „איז אויסגעטרוקנט געוואָרן דורכן טויט פון מיליאָנען יינגעלייט; ווען דאָס פאָלק באַשטייט שוין בלויז פון פאַרווילדעטע און בעלי-מומים, פון קראַנקע, משוגעים, אויסגעהונגערטע קינדער, פרויען און זקנים".

„אַך, לאָז געמאַך!" ער האָט זיך איינגעגראָבן אין זיין צייטונג און דורכגעלייענט די לעצטע ידיעות פון דעם מלחמה-באַריכט וועגן די נצחונות: אין זיין ווידער באַרויקטן מוח האָט זיך אַריינגעשניטן אַ שטיק ערד באַדעקט מיט מתים.

...„אין דער ברייט אויף אַ שטח פון מינדסטנס 500 מעטער און גוטע אַכציק מעטער די טיף... גענומען געוואָרן בעת אַן אַטאַקע דורך אונזערע אין שטורם אויסגעפּרוּווטע חיילות, בײַ נישטיק קליינע פאַרלוסטן, מיט אַ געשטיקטקייט, וואָס..."

„לייען דאָס אַדורך, וועסטו שוין אַנדערש טראַכטן".

„אַך, איך וויל גאָר אינגאַנצן נישט לייענען די צייטונג". אין דער מוטער, וואָס איז צום דענקען נישט צוגעוווינט געווען, האָט זיך אָפּגעריסן אַ געפיל און איז מיט אַ בלייערנער שווערקייט אַריינגעפאַלן אין די ווערטער: „הלוואי וואָלטן שוין אַלע אויפגע-

הערט צו טראכטן וועגן דעם, וואָס עס שטייט אין די צייטונגען; הלוואי וואָלטן אַלע געטראַכט וועגן די מענטשן, וואָס מוזן צוליב שטאַרבן".

„דאָס איז דאָך אַן אומזין".

דער פּאָטער האָט פּעסטער אַ נעם געטון די צייטונג, אַ קוק געטון אויפן ליידיקן זופּ־טעלער, דערזעען דאָס דערלעבן ליגנדי־קע פּאָסט־קאַרטל. „און וואָס איז דאָס אַזעלכעס?"

...„בלויז דאָס קאַרטל איז געקומען".

...„אַז דער געזאַנג־פאַריין „שמחה" איז ביז צו אַ ווייטער־דיקער מעלדונג געצוווּנגען איבערצורייסן די פּראָבעס, היות די זינגערס לאָזן זיך וואָס אַמאָל מער אויפן רוף פון פאָטערלאַנד, אַזוי, אַז דאָס פירן ווייטער די פּראָבעס האָט שוין נישט קיין צוועק".

אַ שוואַרצער בלייז, וואָס לאָזט זיך מיט קיין זאַך נישט אויספילן, האָט זיך פונאַנדערגעעפנט אין זיין לעבן. ער האָט אָנ־געהויבן זוכן אין דער צייטונג די ערטער, וואָס זענען געדרוקט מיט גרויסע שריפט.

„האָט שוין נישט קיין צוועק. אומזין!"

ער האָט פּלוצלינג מיט כּעס אַ געשריי געטון אויף דער פאַרדאגהטער מוטער: „פאַרוואָס פאַרהאַלטסטו עפּעס דעם זייגער", און ווידער אָנגעהויבן צו לייענען „אַ דרייסט שפּיצל פון אַ פּאַט־רול".

„וועט דאָך פאַרלוירן גיין דער צוזאַמענהאַנג, אויב די פּראָ־בעס וועלן אַצינד איבערגעריסן ווערן... זינגען וואָלטן מיר דאָך געקענט ווייטער", האָט דער פּאָטער געזאָגט.

אין דער זעלבער צייט, וואָס דער זון, אַ פאַרשמירטער מיט שמוץ, אַ באַשפּריצטער מיט מענטשלעך בלוט און מיט פון פּחד און גרויל ברייט פונאַנדערגעעפנטע אויגן, איז מיט דעם הייפל נאָך לעבן געבליבענע חברים, אויך פאַראומרייניקטע מיט שמוץ און מענטשלעך בלוט, בהלהדיק געלאָפן איבער די גופים פון די גע־הרגעטע חברים צוריק אין דעם גראָבן אריין.

די אַרטילעריע האָט ווייטער געאַרבעט. די שאָסן האָבן ווילד

נעקנאַלט איינער נאָכן אַנדערן. דער זון איז גלייך פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שלאָף.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום זייגער: דער אַזמרו וויגט זיך ווידער הין און צוריק איבערן פּנים פון דעם באַליבטן אַרמיי-אָנפירער. אין דער מרה-שחורהדיקער שטוב האָט עס אויסגעזען, גלייך ווי דער אַרמיי-אָנפירער זאָל אָנשטאָט געהירן האָבן אַ מעכאַניזם, וואָס באַוועגט זיך כּסדר אויף אַ גלייכן אופן, אויב ס'גייט נישט צו אַ מענטש און פאַרהאַלט אים.

אויב ס'גייט נישט צו אַ מענטש, אָדער גאָר גאָט אַליין.

אַזאַ ווונדערלעך שיינע, אומבאַשרייבלעך זיסע, דורכן וועלט-חלל הערלעך זיך וויגנדיקע מוזיק האָט דער זון נאָך קיינמאָל נישט געהערט. ווער עס פאַרנעמט זי, ווערט גוט. דער תּלין וואַרפט אַוועק די האַק און פאַלט אויף די קני פאַרן מערדער, וואָס קניט לעבן קלאָץ. אוןביידע הערן זיי אויף צו באַגרייפן זייער פריערדיק לעבן.

דער זון פרעגט בײַ דעם גוטן מענטש, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין דעם אָן-דאַכיקן, מיט דעם בלויען שטערן-פירמאַמענט איבערגעדעקטן זאַל, ווער עס האָט אָנגעשריבן דידאָזיקע מוזיק.

דער גוטער מענטש מיט די טרויעריקע אויגן פליסטערט: „דידאָזיקע מוזיק האָט אָנגעשריבן אַ זעלנער, וואָס איז אומגעקומען".

„אַך", פליסטערט דער זון, אין דערזעלבער רגע דערפילט ער אָבער, ווי זיין גאַנץ וועזן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פליסנדיקער ווייסער כוואַליע פון גליק. וואָרים ער האָט מיטאַמאָל דערזעען „די פּשוטע שטאָט": בנינים פון אַזאַ אומבאַשרייבלעכער, מיט נשמה באַהויכטער אַרכיטעקטור, אַז בײַם אָנבליק פון דערדאָזיקער געטלעכער קלאָרקייט ווערן אַלע שווערע, פינצטערע געפילן פאַרשווונדן פון די מענטשן און ווערן ערגעץ פאַרפאַלן אין דעם נישט-זיין. דער זון איז אַזוי אַרומגערינגלט פון גליק, אַז ער דערוועגט זיך

קוים צוצוטאַפּן עס מיט דער פראַגע: „ווער האָט דידאַזיקע שטאָט געבויט?"

דעם גוטן מענטשס ליפּן ציטערן.

„ניין! שווייג", פליסטערט דער זון, ארומגענומען פון שרעק, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן.

„יאָ, דידאַזיקע שטאָט האָט אַ זעלנער געבויט, וועלכער איז אומגעקומען".

דאָ ווערט די שטאָט פאַרשוווּנדן. און דער זון האַלט אין זיין האַנט „דאָס בוך פון דער מענטשהייטס צוקונפט". און אין איין רגע לייענט ער דורך דאָס גאַנצע בוך פון אָנהייב ביזן סוף. וואָרים ווי נאָר מען עפנט עס אויף, ווערן אַלע זיינע בילדער און געדאַנקען צונויפגעשמאָלצן אין איין איינציק וואָרט. און יעדער, וואָס זיין נשמה רירט אָן דאָסדאָזיקע וואָרט, ווערט דערלייזט און גוט. די ליבע קריצט זיך איין אין זיין פּנים. „באַדאַרפן מיר דאָך דאָסדאָזיקע הערלעכע, אַלמעכטיקע „בוך פון דער מענטשהייטס צוקונפט" בלויז אַנידערלייגן פאַר די אויגן פון דער מענטשהייט, און די וועלט וועט דערלייזט ווערן פון אַלדעם בייזן און איבער־געענטפערט ווערן צו דער מילדער רעגירונג פון דער ליבע. אָ, פליסנדיקע כוואַליע פון פאַרייניקונג און ליבשאַפט", פליסטערט דער זון. „ווער האָט דאָסדאָזיקע בוך געשריבן?"

„דאָס האָט געשריבן אַ יינגער דיכטער, וואָס איז אומגעקו־מען".

אַ שוואַרצער דונער האָט אַ קנאַל געטון אין דערווייטנס. געטראָגן אויף די פליגל פון זיין יאָמערדיקער נשמה, פליט דער זון ציטערנדיק אַרויף צו דער פינצטערער פראַגע: „פון וועל־כער אומה שטאַמען דידאָזיקע טויטע?"

דאָס פּנים פון דעם גוטן מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין צוויי טרייסטלאָזע וויינענדיקע אויגן, וואָס זאָגן מיטן בליק פאַמע־לעך און דייטלעך די ווערטער: „דאָס ווייסט קיינער נישט".

פלוצלינג דערזעט דער אין חלום פאַרזונקענער זון מיט אַלע שוידערלעכע פּרטים דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ האַלבער שעה צו־ריק באַ דער אַטאַקע אויפן וואַר איבערגעלעבט און געזען: דאָס

טויט-בלייך געוואָרענע פּנים פונם ייַנגן פּראַנצויז, וועלכער איז דורכגעשטאָכן געוואָרן מיטן זונס באַגנעט.

און ער שרייט אויס מיט אַ גרענעצלאָזן פּחד אין דער אומענדלעכער רגע, וואָס טרעט אַריין צווישן שלאָף און וואַכזיין, צום גוטן מענטש, וועלכער איז שוין פאַרוואַנדלט אין אַן אונטער-אָפיציר: „אָבער איך ווייס עס. איך!"

„אויפשטיין! נאָך אַן אַטאַקע!" שרייט דער אונטער-אָפיציר, וועלכער רייסט אויף דעם זון פון שלאָף.

„איך!... איך ווייס עס".

„טאָ פאַרוואָס-זשע שלאָפט איר?"

דער גאַנצער הימל דונערט. אין גרובן דרענגען זיך ענג צוזאַמען די פון מענטשלעך בלוט נאָך דורכגעווייקטע זעלנער. פאַרגלעזערטע פּנימער. פאַרגלעזערטע אויגן.

דער באַפעל שטויסט פאָרויס די כוואַליע פון נשמהלאָזע מענטשן. דאָס קנאַקעריי פון דער קייט האַרמאַטן, וואָס שפּייט אין אַ ווילדער שנעלקייט מיט פייער, ווערט צונויפגעשמאָלצן אין איין איינציקן מוראדיקן, ערד-טרייסלענדיקן קנאַל, וועלכער ווערט אָבער פאַרהילכט דורך דעם שטילן פליסטערן פון זונס נשמה, וואָס הייסט אים אויסקויפן די זינד דורכן טויט, כדי ער זאָל מעגן לעבן.

ער שטייט אומבאַוועגלעך, אַרומגערינגלט מיטן געברויז פון ווילדן, פאַרביסענעם קאַמף. דאָ, אין מיטלפּונקט פון געראַנגל, איז טויט שטיל. עס ווערט מלאכה-מעסיק און אַן גערויש געמאָרדעט: מען אַרבעט.

אַ נאָך קינדישע, צווייטע נאַיווקייט באַרירט זיין נשמה מיט דער פראַגע: „פאַרוואָס טוען דאָס די מענטשן? דאָס טאָר קיין שום מענטש נישט באַפעלן, קיינער טאָר נישט אַזאַ באַפעל פאָלגן".

די רגע באַשאַפט אין אים דאָס לעצטע, נאָך ערדישע בילד: ער זעט דעם גאַנצן ערד-קוגל פאַרוואַנדלט אין אַ פויק אויף וועלכער דער מיליטאַריזם שלאָגט אויס אַ ווירבל מיט גראַנאַטן.

„מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געזעען, וואָס האָבן זיך קיין שום שלעכטס נישט געטון, מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב, יאָ, האָבן זיך ליב, חברים, חברים דערהרגענען איינער דעם אַנדערן". האָט ער נאָך געפילט, שוין באַרירט מיטן הויך פון יענער וועלט. און באַלד האָט ער נעפּלהאַפטיק דערזעען פאַר זיך אַן אַנדערוועלטיק דמיון־בילד, וואָס קאָן שוין נישט באַגרייפט ווערן מיטן געדאַנק און נישט דורכגעפילט ווערן מיטן געפיל: „די נשמה, וואָס האָט געזעען דידאָזיקע אַלע גרוילן אין זייער גאַנצער גרייס, מוז שטאַרבן; די נשמה מאַכט צו די אויגן".

די אויגן פונם זון, וואָס איז אומבאַוועגלעך שטיין געבליבן צווישן די מאָרדנדיקע און אומקומענדיקע מענטשן, זענען ברייט פונאַנדערגעעפנט.

אַ באַגנעט האָט זיך אים אַ גליטש געטון אונטער דער באַק אין האַלז אַריין, דורכן קאָפּ אַדורך: זיין גוף האָט זיך אַקראָבאַטיש אויסגעקרומט אין אַ בויגן אויף הינטערוויילעכטס, אַזוי, אַז די פוס־זוילן און די הענט־פלאַכן האָבן באַרירט די ערד. און אַזוי איז ער, אונטערגעשפּאַרט פון טויטע, געבליבן ליגן אין דערדאָזיקער בויגנאַרטיקר פּאָזע.

די מוטער שטייט אין טויער פון הויז און וואַרט אויפן ברייוטרעגער. אירע געדאַנקען מאָלן איר אויס דאָס גליק, אַז דער זון איז לייכט פאַרוואונדערט געוואָרן און אויף אַזאַ אופן וועט ער ניצול ווערן פון דעם שרעקלעכן, וואָס דער שכל איז קוים משיג. ער איז שוין אויפן וועג אַהיים. ער וועט אַפילו קומען מיט אַ פריערדיקן צוג, איידער די מוטער ריכט זיך. „אַ מערכה, וואָס איך בין פריער אַהערגעקומען", פילט זי. און זי שטייט אויפן פּעראָן, אויף דער דראָט־פאַרצוימונג אָנגעלענט, קוקט אַרויס לענגויס די שינעס אויפן אָנקומענדיקן צוג. „ניצול געוואָרן", פילט זי. „ניצול געוואָרן". זי זעט, ווי דער זון שפּרינגט אַרויס פון צוג און נאָך פונדערווייטנס הייבט ער באַגריסנדיק אויף די פאַרוואונדעטע האַנט. „אַ קליינע, גאָר לייכטע וווּנד, ווען נישט וואָלט ער דאָך די האַנט נישט געקענט אויפהייבן. אויף אַ גליקלעכן אופן ניצול געוואָרן פון טויט", פילט די מוטער כסדר, גלייכצייטיק אָבער פילט זי כסדר דאָס

שוואַרצע געשפּענסט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אידס אַ פּאַר־לאַנג. און זי שפּרינגט מיט אַ נישט־הערבאַר פרייד־געשריי אַריין אין איר גליק: דעם זון אויף דער ברוסט.

דער בריוו־טרעגער איז פּאַמעלעך אַרויסגעקומען פון דעם עק גאַס, סאָרטירנדיק מיטן בליק די בריוו, וואָס ער האַלט אין דער האַנט. און די מוטער מאַכט ווידער אַ שפּרונג אין דער ווירקלעכקייט אַריין: דעם שמייכלענדיקן בריוו־טרעגער אַנטקעגן, וועלכער דערלאַנגט איר דעם בריוו, אויף וועלכן זי קוקט אויס זינט פערצען טעג און פערצען נעכט. עס איז איינער פון יענע באַרויקונגס־בריוו, וואָס דער זון שרייבט, בעת ער ווערט געפּייניקט פון זעלבסט־פאָרווורפן און שרעק וועגן דער מוטער, כדי דערמיט צו נישט צו מאַכן זיינע פריערדיקע מיט שרעק אָנגעפילטע ודויבריוו.

„אייגנטלעך, ווען מען באַטראַכט עס גענוי, גייט מיר דאָ גאָר נישקשה. פיזיש בין איך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געזונט געווען ווי אַצינד. באַטראַכט נאָר, פיזיש נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געזונט געווען ווי אַצינד", שרייבט דער טויטער זון. „און ווען איך וועל צוריקקומען, וועלן מיר, איך און דו, אויף עטלעכע וואָכן אַרויס אין דאָרף אַריין. מיר וועלן זיך איינמאָל פאַרגינען און אויך אַרויס אין דאָרף אַריין, גלייך ווי די פריצים. געלט וויפל דאָס באַדאַרף קאָסטן, האָב איך אָפּגעשפּאָרט. מיר וועלן וווינען לעבן אַ טייך. נאָענט באַם טייך. דו אין אַ זוניק צימער, איך דערלעבן; ס'וועט זיין אַ טיר פון דיין צימער אין מיינעם. אונזערע פענצטער וועלן אַרויסגיין צום טייך. נאָכן טייך געפינען זיך בערגלעך, אַ ביסל ווייטער אַ וואַלד. מיין צוריקקומען וועט פּונקט אויספאַלן אין פרילינג. ווען דו זאָלסט מיך אַצינד אָנקוקן: אַזוי געזונט ווי אַצינד בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען", חזרט נאָכאַמאָל איבער דער זון, וואָס שטייט אַצינד, אונטערגעשפּאַרט פון טויטע גופים, אויסגעבויגן ווי אַ טויטע, פוילנדיקע בריק צווישן די גרובנס.

דאָס גליק האָט אין אַ ברייטער כוואַליע זיך פונאַנדערגעגאָסן אין דער מוטער.

חי תמיד, בעת זי פלעגט אַ בריוו דערהאַלטן, האָט זי דערפילט דעם זון אַזוי נאָענט לעבן זיך, אַז זי שפּירט פּשוט זיין קערפּערלעכע אַנוועזנהייט. זי רעדט מיט אים, גיט אים עצות, הערט אויס זיינע עצות, מאַכט אים פאָרווורפן. „אַצינד זעץ דיך אַוועק אַהין, דאָרט אין קאַנאַפּע-ווינקל”.

„נו, אָט זיץ איך שוין”.

„הער מיך אויס, דו ווייסט דאָך, אַז דער פּאָטער אינטערעסירט זיך נישט מיט קיין זאַך, אַ חוץ זיין צייטונג און זיין געזאַנג-פאַריין”.

„אָבער דאָס איז אפשר גאָר קיין חידוש נישט, מוטער. ער איז אַלט פינף און זעכציק יאָר און שוין פינפציק יאָר שטייט ער טאָג-טעגלעך פון זעקס אינדערפרי ביז זעקס אָוונט מיטן היבל באַם וואַרשטאַט. אַזוי איז ער אויפגעוואַקסן, אַזוי איז ער אַלט געוואָרן. דעריבער גייט אים גאָרנישט אָן, חוץ זיין צייטונג און זיין געזאַנג-פאַריין”.

„אָבער ער וואָלט דאָך געמעגט אַ טראַכט טון. . .”

„ער האָט שוין לאַנג געמוזט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ מענטש, מוטער. אַן אויסגעהאָרעוועטער און אַ טויט-מידער נאָך דער אַרבעט, זינט פינפציק יאָר. ער טאָר נישט טראַכטן, וואָרים אַנדערש וואָלט ער זיך אפשר דערמאַנט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ מענטש”.

„אָבער נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט רעדן. איך האָב דאָך געוואָלט. . .”

דער זון זיצט שוין נישט אין קאַנאַפּע-ווינקל. ער געפינט זיך אין דער פאָדערשטער ליניע, אַן איינגעשטעלטער מיטן לעבן.

„איך האָב דאָך געוואָלט דעם איין און נײַנציקסטן פּסאַלם”, האָט די מוטער געטראַכט, וועלכע האָט אין משך פון אַ לעבן, וואָס איז תמיד פול געווען מיט אַ גרויער נויט און אַבסאָלוטער אויסזיכטלאָזיקייט, ס'זאָל אַמאָל בעסער ווערן, דעם גלויבן אָנגעווירן און דאָס בעטן פאַרגעסן. פינף און זעכציק יאָר האָט זי געאָטעמט אונטער יענער אייזערנער פּליטע, אונטער וועלכער די איי-

ראָפּעישע טרעגער פון אַרעמקייט לעבן און גייען אויס, אונטער־יענער פּליטע, וואָס טיילט זיי אומרחמנותדיק אָפּ פון גייסט, פון ליכט, פון לעבן, פון מענטשלעכקייט. נאָר תמיד ווען דער זון האָט זיך אויף דעם וויסטן וועג, וואָס פירט דורך דער אייזערנער פּליטע צום גייסט, געפונען אין אַ סכנה, פלעגט די מוטער אָפּ־זאָגן דעם איין און ניינציקסטן פּסאַלם.

זי האָט נישט באַדאַרפט צו זוכן: די ביבל, תמיד נאָר אויפן דאָזיקן איינעם אָרט באַנוצט, האָט זיך שוין אַליין געעפנט באַם איין און ניינציקסטן פּסאַלם. און די מוטער זעט, ווי די קוילן, וואָס פליען זשומענדיק גלייך צו איר זון, ווערן דורך איר תפילה פאַר־האַלטן אין זייער מערדערישן לויף און פאַלן, ווי נאָר זיי דער־נענטערן זיך צום זונס ברוסט, גלייך אַראָפּ צו דער ערד, בשעת זי חזרט איבער די מיט בלייששטיפט אונטערגעשטראָכענע ווער־טער:

„ווער עס זיצט אונטער דעם שוץ פון אויבערשטן און האַלט זיך אויף אונטער דעם שאָטן פון אַלמעכטיקן,

זאָגט צו גאָט: מיין שוץ און מיין פעסטונג, מיין גאָט, אויף וועלכן איך פאַרלאָז מיך.

... זיין אמת איז אַ פּאַנצער און אַ שוץ.

דו זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר די שרעקענישן פון דער נאַכט, פאַר די פיילן, וואָס פליען באַטאָג.

פאַר דער מגפה, וואָס שלייכט זיך אין דער פינצטער, פאַר דער פאַרטיליקונג, וואָס פּלינדערט אין מיטן טאָג.

עס וועלן פאַלן טויזנט באַ דיין זייט און צען טויזנט באַ דיין רעכטער זייט, אָבער צו דיר וועט עס אָבער נישט דער־גרייכן".

די מוטער זאָגט די תפילה, און בלייבט זיצן פונאַנדערגע־שפּאָלטן צווישן האָפנונג און שוואַרצער שרעק אין פילט נישט קיין דערלייזונג.

וואָרים די וועלט איז נישט דערלייזט. ווייל נישט אַלע מענטשן זענען אַזוי ווי די מוטער און נישט אַלע מוטערס... זענען מוטערס,

דער בריוו, וואָס דער זון האָט אין רוסלאַנד געשריבן צו אַן אויסגעטראַכטער פּערזאָן און אין אַ יאָר אַרום צוריק דערהאַלטן אויפן מערב־פראָנט און דערנאָך אים פאָרט נאָך אַוועקגעשיקט צו דער מוטער, איז אָנגעקומען ערשט אין וואָכן אַרום נאָכן זונס טויט, דעמאָלט ווען די מוטער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, אַז דער זון איז אומגעקומען. אַז ער איז שוין האַלב צעפרעסן דורך די פעטע עכברים פון די גרובנס.

דער זון האָט פאַרגעסן דעם טיטל איבערצואַנדערשן, די ציטערנדיקע מוטער האָט געלייענט:

„זייער חשובער הער, דערלויבט מיר אייך צו שילדערן דעם נשמה־צושטאַנד פון מיין פּריינט. עס האָט מסתמא אייך שוין אַמאָל געטראָפן, אַז באַם אַראָפּגיין פון זינט יאָרן אייך שוין גוט באַקאַנטע שטיגן, זאָל זיך אייך, בשעת איר געפינט זיך נאָך אויף דער לעצטער שטיג, על פּי טעות צוליב דער פינצטערקייט אויסדאַכטן, אַז איר זענט שוין גאָר אונטן: אייער צום גיין אויסגעשטרעקטער פוס טרעפט נישט אָן קיין באָדן. איר קאָנט דאָך דידאָזיקע קערפּערלעכע אויפטרייסלעניש, וועלכע קומט אַזוי אומגעריכט, אַז עס דאַכט זיך, גלייך די פינצטערניש און די פּוסטקייט, וואָס אייער פוס טרעפט אָן, גיבן אַ צאַפּל אַרויף אין די צעטומלטע געהירן אַריין און רופן דאָרט אַרויס אַ פּסיכישע שרעק. שטעלט אייך פאָר, אַז אין משך פון דריי יאָר, אַזוי אומאויפהערלעך ווי איר ציט דעם אָטעם, זינקט איר כסדר אומגעריכטערהייט אַריין אין אַזאַ מין פּוסטן חלל, דריי יאָר כסדר לעבט איר דורך דידאָזיקע קליינע, אומגעריכטע שרעק. און אַצינד שטעלט אייך פאָר, אויב איר קאָנט, דידאָזיקע כסדרדיקע פּסיכישע אויפטרייסלעניש מיליאָנענפאַך פאַרגרעסערט.

קעגן דעם איז פאַרהאַן, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל זיך אייך אויסווייזן, נאָר איין מיטל: די געוווינהייט. ס'רוב מענטשן קאָנען פאַרבייטן זייער נשמה מיט געוווינהייט. אַזוי טוען טאַקע די מיליאָנען נשמהלאָזע זעלנער. אויס געוווינהייט האַלטן זיי כסדר אין איין שיסן, אויס געוווינהייט רוקן זיי אַריין די ביקסן־קאָלבע אין פייכטע מענטשלעכע געהירן און דעם שטיל־ציטערנדיקן באַגנעט אין ווייכע

מענטשלעכע בייכער און זיי ווערן שוין אפילו גארנישט דערשי־טערט, ווארים דער, וואס קורטשעט זיך פאר יסורים היינט, גלאצט פונקט אזוי, ווי יענער, וואס האט נעכטן זיך געקורטשעט און אויס־געהויכט די נשמה.

ס איז פארהאן, זייער חשובער הער, נאך א מיטל: משוגעת. דעמדאזיקן ענין באדארף איך אייך קיין סך נישט דערקלערן; איך וויל אייך נאר דערוויי'ל (ווארים איך רעכן אייך נאך א סך בריוו צו שרייבן) באמערקן, אז די, וואס פארמאגן א שטארקערע נשמה, און עמפינדלעכער געוויסן, קענען זיך נישט ארויסראטעווען מיט דער דער געוווינהייט, און אלס פועל יוצא דערפון, מוזן זיי משוגע ווערן.

איך האב געפרווט אייך קלאר צו מאכן די פסיכישע אויפטרייס־לעניש, וואס עס פילט א מענטש, וועלכער גייט כסדר אין א משך פון דריי יאר אראפ איבער שטיגן, וועלכער שטעלט אויס כסדר בא יעדער טרעפ אין משך פון דריי יאר דעם פוס אומגעריכט אין א ליידיקן חלל אריין. און איך האב דערביי באמערקט, אז די־דאזיקע כסדרדיקע פסיכישע אויפטרייסלעניש איז באם זעלנער אויפן פראנט טויזנטפאכיק פארגרעסערט. איצט פרווט למשל זיך פאר־צושטעלן אנשטאט די אומגעריכטע טרעפ אזא מין אויסטערליש געשעעניש (אויך די מענטשן־שחיטה איז אבסאלוט אויסטערליש): איר דינגט א מעבלירט צימער אויפן פערטן שטאק און עפנט צום ערשטן מאל אויף די באלקאן־טיר. איר גייט ארויס, כדי זיך צו אנטציקן מיטן שיינעם, וויטן אויסקוק, און איר פאלט אראפ, ווייל הינטער דער טיר געפינט זיך גארנישט קיין באלקאן. שטעלט אייך נאר קודם־כל פאר דעם מאמענט, בשעת אין אייער באוווסטזיין בליצט שנעל אויף דער דערשיטערנדיקער געדאנק, אז ס'איז נישטא קיין באלקאן און אז איר מוזט אומבאדינגט אראפ־פאלן אונטן. און היות דער מענטש איז מסוגל מיטצופילן דעם אנדערן, איז, ווען אפילו איר וועט נישט זיין אט דערדאזיקער אומגליקלעכער, נאר בלויז שטיין אונטן אויף דער גאס און צוקוקן, ווי א מענטש פאלט אראפ פון פערטן שטאק, וועט איר אויך די־דאזיקע פלוצלינגע נשמה־אויפטרייסלעניש דורכלעבן. און אויב איר

וועט אַ גאַנצע וואָך לאַנג כּסדר מוזן צוזעען, ווי מענטשן פאַלן אַראָפּ פון פערטן שטאָק, וועט איר ענדלעך אָנהייבן צו לאַכן, דאָס הייסט: איר וועט משוגע ווערן. אָדער איר וועט די אויגן פאַרמאַכן, דאָס הייסט: איר וועט ביסלעכווייז זיך צוגעוווינען דערצו, מענטשן זאָלן אַראָפּפאַלן פון פערטן שטאָק.

אַצינד מאָלט אייך אויס, אויב איר קאָנט, דידאָזיקע נשמה-אויפטרייסלעניש אומענדלעך פאַרפילפאַכט און וואָס דויערט אָן אויפהער דריי יאָר לאַנג, דעמאָלט וועט איר באַגרייפן, אַז דער רוב פון מיינע חברים האָט געמוזט זוכן רעטונג אין דער געוווינהייט און די איבעריקע אין משוגעת.

און איצט, בעט איך אייך, אַ נשמה שרייט אין טויט-ווייען, איך בעט אייך, גיט אַן עצה: וואָס זאָל טון מיין פריינט, וואָס קאָן נישט משוגע ווערן און קאָן אויך נישט ווערן קיין רגילות-מעסיק-פונקציאָנירנדיקע מאָרד-מאַשין, ווייל ער איז אַ דורך גאָט דערוויילטער און פאַרמאָגט אַ תמיד וואַך געוויסן, אַ תמיד פילנדיקע נשמה.

איך בעט אייך, לייגט אַוועק אייערע אפילו די גאָר וויכטיקסטע ענינים און ענטפערט מיר קודם אויף דערדאָזיקער פראַגע, אויב איר האָט נאָר אויף דערדאָזיקער פראַגע אַן ענטפער. פרעגט דידאָזיקע פראַגע בײַ אַלע אייערע פריינט און באַקאַנטע, פרעגט דידאָזיקע פראַגע בײַ דער גאַנצער מענטשהייט. אַ נשמה וואַרט אויף אַן ענטפער.

אויב אָבער אייער ענטפער וועט זיין, אַז לויט מיינע אויספירונגען קומט אויס מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, אַז פאַר אַזאַ מענטש בלייבט נישט קיין אַנדערער אויסוועג, ווי פאַלן און שטאַרבן, באַדאַרפט איר מיר שוין נישט ענטפערן, ווייל איך אַליין האָב שוין זינט אַ לאַנגער צייט גרייט דעמדאָזיקן ענטפער אויף מיין פריינטס פראַגע. אויב איר און די גאַנצע וועלט האָט נאָר בלויז דעם ענטפער, ווערט דער פאַקט, אַז צווישן די אומגעקומענע געפינען זיך תמיד די בעסטע פון פאָלק, דערהויבן צו אַן אייביקן כלל, אַז צווישן די אומגעקומענע מוזן זיך געפינען די בעסטע פון פאָלק, אַז די אויסדערוויילטע יינגע טרעגער פונם אמת מוזן אומקומען. אַז

די יינגע, פייערדיקע טרעגער פונם אייביקן, קיינמאָל נישט אונטער־
גייענדיקן מענטשהייטס־אידעאַל „ליבע" מוזן אומקומען. אַז די יינ־
גע דיכטער קאָנען שוין נישט צוריקקומען אַהיים. אַז באַ זיי אַלע
מוז אַמאָל אָנקומען די רגע, אין וועלכער זיי דערגרייכן גאַנץ נאָ־
ענט צו זיך אַליין, און דעמאָלט וואַרפן זיי אונטער אָן שום באַ־
דינגונגען זייער גוף דעם אייביקן גייסט פונם אמת און נעמען צו
אָן ווידערשטאַנד דעם טויט־קלאַפּ. . ."

ווייטער האָט די מוטער נישט געלייענט. זי איז נישט אימ־
שטאַנד געווען ווייטער צו לייענען. די פעיקייט צו טראַכטן איז באַ
דער מוטער ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן. זי איז אומבאַוועגלעך גע־
בליבן זיצן באַם טיש און גלייכגילטיק געקוקט אויף דעם אַנדערן
בריוו, וועלכן זי האָט נאָך נישט געהאַט געעפנט, ווייל דער אַדרעס
איז נישט דורכן זון געווען געשריבן.

אינם דאָזיקן אַמטלעכן בריוו איז געשטאַנען די קורצע
ידיעה, אַז דער זון איז אומגעקומען. „אויף דעם פעלד פון
רום".

די מוטער, וואָס האָט נאָך קיין זאַך נישט חושד געווען, לאָזט
דעם בריוו ליגן פאַרמאַכטערהייט.

פּלוצלינג און שנעל, גלייך ווי מען וואָלט נישט געטאָרט
קיין איין רגע פאַרזוימען, הייבט עס די מוטער אונטער און עס
טרייבט זי צו דער קאָמאָדע. זי נעמט אַרויס פון דעם דראָטענעם
קערבעלע מיט דער אויסגעמאָלטער פאַרצעלייענער דעק דעם
אַלטן טרייסט־בריוו און לייענט:

„אייגנטלעך, ווען מען באַטראַכט עס גענוי, גייט מיר דאָ
גאָר נישקשה. פיזיש בין איך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געזונט גע־
ווען ווי אַצינד. באַטראַכט נאָר, פיזיש נאָך קיינמאָל נישט אַזוי גע־
זונט געווען ווי אַצינד. . . וועל צוריקקומען, וועלן מיר, איך און
דו, אויף עטלעכע וואָכן אַרויס אין דאָרף אַריין. . . אין אַ זוניק
צימער, איך דערלעבן. . . אַ טיר פון דיין צימער אין מיינעם. . .
וועט פונקט אויספאַלן אין פרילינג. . ."

אַ נייע האָפענונג האָט דורכגעבראָכן די פאַרגליווערטקייט. און
אין דער מוטער האָט זיך דערוועקט אַ געוואַלטיקער חשק, אַרויס־

צוּרייסן דעם זון פון דער טויט־סכּנה אַריינציען אים אין דידאַזיקע פּרילינגס־וואָכן, ווו עס געפינט זיך בלויז גלאַנץ און ליבע.

עס מוז איר געלינגען. זי וועט זיך ביז צום קייזער דער־שלאָגן. און אויב דאָס וועט נישט פּועלן, וועט זי אַרויסלויפן צום פראָנט, אין די גרובנס אַריין, און איר זון פון דאָרט אַרויסנע־מען. זי וועט זאָגן: „דאָס איז מיין זון. מיינער! מיין זון!" „ס'זענען נאָך פאַראַן מיטלען און עצות. מיטלען און עצות. אַ סך מיטלען און עצות. איך וועל טויט־קראַנק, כּדי דער זון זאָל באַקומען אורלויב. און דערנאָך מעג שוין זיין וואָס עס וויל, וועל איך אים נישט צוריקלאָזן. איך וועל אים פאַרשליסן. איך וועל אים פאַר אַ בעל־מום מאַכן. באַהאַלטן. אין קעלער. אין וואַלד. איך וועל מיין זון צוריק אין מיין לייב אַריינגעמען!"

אויטאָמאַטיש עפנט זי אויף דעם אַמטלעכן בריוו. זי לייענט: „אויפן פעלד פון רום געפאַלן".

„ווער אַזעלכעס? ווער?" זי הייבט אויף דעם בליק.

דער גלאַנציקער קאַנט פון דער פאָלירטער קליידער־שאַנק, דאָס פּנים פונם באַליבטן אַרמיי־אָנפירער, דער זיך הין און הער טרייסלענדיקער אומרו גיט איר אַ צאַפּל פאַר די אויגן.

נישט וואַרטנדיק דעם קלענסטן טייל פון אַ רגע, טוט זי זיך בליץ־שנעל אַ קער צו דער טיר און פליט אָן דעם מינדסטן געשריי אַרויס פון צימער, דורכן פינצטערן קאָרידאָר אַדורך, פון דער וווינונג אַרויס, איבער די טרעפּ אַראָפּ, אויף דער גאַס אַראָפּ, אויף דער ברייטער אַספאַלטענער גאַס אַראָפּ, כּסדר אויפן מיטן וועג: אַ פאַרפינצטערטע, דעם גוף פאָרויסגעבויגן. אַ שטילע. זי האָט אויף די פיס פילצענע שיך.

דורכגייער שטעלן זיך אָפּ; עס זאַמלען זיך גרופּעס. „וואָס איז איר געשען?" דאָס זעלטן ווען באַרירטע געפיל פון געדאַנ־קענלאָז־לעבעדיקע מענטשן איז איצט פאַרבליבט געוואָרן פון אַן אומבאַגרייפלעכער דערשיינונג. קיינער פון זיי ווייסט נישט, אַז די דערשיטערונג, וואָס האָט זיי באַהערשט, שטאַמט פון דעם אַרויס־פילן די אַבסאָלוטע ציללאָזיקייט אין דער מוטערס לויפן. און בשעת אַ יינגער אַרבעטער האָט דעם אַמטלעכן בריוו, וואָס ער האָט גע־

פונען און אויפגעהויבן, דורכגעלייענט אויפן קול, זענען די ווערטער אַריינגעדרונגען אין די געעפנטע הערצער. יינגעליים האָבן זיך אין גאַלאָפּ אַ לאָז געטון נאָך דער מוטער.

און זי יאָגט זיך איבער די גאַסן, דעם געשריי אַנטקעגן, וואָס האָט זיך אַריינגעפּרעסט אין איר האַלז און קען פון דאָרט נישט אַרויס.

אין אַלע גאַסן זאַמלען זיך גרופּעס פאַרבליפטע מענטשן. זיי ווערן אויפגעקלערט וועגן דער מוטערס אומגליק דורך די, וואָס לויפן איר נאָך און אַלע שליסן זיך איר אָן.

אַן אָפּטיילונג יינגע זעלנער, באַלאָדן ווי צום מלחמה־מאַרש, מיט בלומען באַפּוצט, ציען זינגענדיק אויף זייער וועג צו דער באַן פאַרביי דער ווילד־לויפנדיקער מוטער.

. . . „דיר די האַנט נישט געבן...״

אַ משא־וואָגן. אַ פּאָליציימאַן אויף אַ פערד.

„ווייל איך לאָד גראָד אָן די ביקס...״

דאָס ליד פאַרקלינגט ווייט הינטער איר.

ערשט אין מינוטן אַרום רייסט אויף דאָסדאָזיקע מאָרד־ליד, וואָס איר נשמה האָט אין לויף אויפגעכאַפּט, דעם פאַרשטיקטן געשריי פון איר האַלז אַרויס.

דאָס געשריי פּלאַצט אַרויס. די מוטער שרייט און לויפט. זי שרייט לענגער, ווי מ׳קען ציען דעם אָטעם. זי שטויסט זיך אָן. פאַלט נישט. זי כאַפּט דעם אָטעם. און שרייט ווייטער.

דאָס איז נישט קיין יאָמער־געשריי. דאָס לויפן און דאָס שרייען קומט פון איין קוואַל אַרויס און ווערט צונויפגעשמאָלצן אין אַן איינציקער זאַך. אַ שטילקייט הערשט איבער דער גאַנצער ערד. בלויז די אייראָפּעישע מוטער שרייט. זי שרייט איצט אויס די זיבן דריי יאָר פאַרשטיקטע געשרייען.

קיינער דערוועגט זיך נישט זי צו פאַרהאַלטן. וואָרים נישט איין מענטש שרייט דאָ; דאָ שרייט די מענטשהייט. אַלע פילן דאָס.

און גיכער קאָן געלינגען איינעם, וואָס שטייט לעבן די באַן־שינעס, צו פאַרהאַלטן מיטן פינגער אַ גיך לויפנדיקן שנעלצוג, איי־

דער עס זאָל אַלע כוחות פֿון דער וועלט אײנײנעם געלינגען שטיל צו מאַכן דאָס געשריי, ווען די צעפּײניקטע מענטשהייט שרייט.

דאָס געשריי האָט אָפּגעהילכט. אין פּאַריז, אין לאָנדאָן, רוים, אין אַמעריקע, אין די קאַזאַרמעס און אין בוידעם־שטיבלעך. עס האָט אָפּגעהילכט אין פּעטערבורג. אַרײנגעדרונגען אין די הערצער. און אַן עפּן געטון די הערצער באַם המון, וועלכער באַגלייט די לויפֿנדיקע מוטער גאַס איין גאַס אויס.

די גאַנצע שטאָט האָט צום ערשטן מאָל פּלוצלינג דערפּילט דעם טויט פֿון מיליאָנען זין, די פּיין פֿון מיליאָנען מוטערס, קוקנדיק אויף דער פּיין פֿון דערדאָזיקער אײנער מוטער.

איר געשריי איז שוין נישט געווען קיין געשריי פֿון אַ פרוי; עס האָט אָנגענומען אַ טיפֿן, רויען קלאַנג און איז געוואָרן געשלעכטלאָז. אַ מענטשלעך געשריי, איבערגעריסן דורך קורצע אָטעמפּויזעס, בעת וועלכע דאָס זיך אײנהאָרכנדיקע האַרץ פֿון דער מענטשהייט איז געוואָרן אָפּגעשטאָרבן.

אַ ייִנגער פּאָליציימאַן האָט אין גאַלאָפּ אַריבערגעיאָגט דעם ריזיקן המון און אָנגעכאַפּט די שרײַענדיקע מוטער בײַ אַ האַנט. די מוטער אָבער לויפֿט צוזאַמען מיטן פּאָליציימאַן ווייטער, גלייך ווי זי וואָלט אין אים געפֿונען אַ חבר אין אירע צרות. זיין האַנט איז אים מיד געוואָרן און זיך אַראָפּגעלאָזט, בשעת ער האָט, אַ בליק וואַרפֿנדיק אויף איר פּנים, דערפּילט, אַז ער זעט פֿאַר זיך אַלע יסורים פֿון דער מענטשהייט.

אַצינד ערשט דערהייבט זיך דער טויזנט־קולותדיקער צאָרן־געשריי פֿון המון און טראָגט זיך פֿונאַנדער ווי אַ כאָראַל. און דער ייִנגער פּאָליציימאַן, פֿאַרבליפֿט פֿונם דאָזיקן טאָן, דערפּילט, אַז נישט די סענסאַציע, נאָר דער אומבאַזיגבאַרער גייסט פֿון מענטשלעכקייט אַנפּלעקט זיך דאָ.

אָן אָפּהאַלט, נישט קוקנדיק אויף קיין שום שטערונגען, לויפֿט די מוטער, אַ פֿאָרויס אויסגעבויגענע, ווי אַ שוואַרצע קנויל איבער דער אַספֿאַלטענער גאַס, וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט דעם קאַטעדראַל־בנין. זי לויפֿט אַרויף דורך דעם אָפֿענעם הויפּט־אַרייַנגאַנג

אין דער קירכע אַריין, און דאַן גערווישלאַז גלייך דורכן מיטל־גאַנג, ביז צום אַלטאַר.

איבער וועלכן עס הענגט דער זון אויפן קרייץ און קוקט אַראָפּ צו דעם פון קינדווייז אויף אין שקרים איינגעטונקנטן פּריס־טער, וועלכער שטייט איצט מיט שקרים אין מויל געווענדט אַרויף צום בוים, וואָס איז אויסגעקרומט פון ליידן:

... „וואָס האָסט אונזער וואָפן באַשענקט מיט דיין געטלע־בער הילף, ליב און דאַנק דיר, וואָס דו האָסט אונזער וואָפן גע־בענטשט און מיט נצחון געקרוינט".

זי פליט איבער די דריי שטיגן אַרויף און טוט זיך אַ וואַרף אויפן פּריסטער.

דורך אַלע טירן דרינגט זיך אַריין אַ המון מענטשן. און די סיבה דערפון פאַרשפּרייט זיך שנעל צווישן די קירכע־באַזוכער: כמעט בלויז אַלטע פרויען, ס'רוב אַזעלכע, וואָס מ'האָט בײַ זיי אוועקגערויבט זייערע זין, מוטערס, וואָס די העכסטע פאַרצוייפ־לונג טרייבט זיי צו זוכן די לעצטע שוץ בײַ גאָט, זיי בלייבן אָבער אָפּגעטיילט פון גאָט און פון דער ליבע דורך דער שקרים־וואַנט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר זייערע נשמות דורכן פּריס־טער, וואָס בעט אויף נצחון און ברכה פאַר אונזער וואָפן און אויף פאַרניכטונג און טויט פאַרן שונא.

די מוטער האָט געהערט זיינע לעצטע ווערטער און איז גע־בליבן שטיין, ווי פון גאָט געשיקט, אַן אומענדלעך לאַנגע רגע אויסגעגלייכטערהייט פאַר דעם פּריסטער. און מיטאַמאָל טראָגט זיך פונאַנדער איבער דער קירכע דאָס פון גאָט אַליין אויף אירע ליפּן אַראָפּגעשיקטע וואָרט „שקר"! און רייסט פונאַנדער די געוואַלטי־קע געשפּאַנטקייט.

זי טוט אַ הייב מיט אַ ווילדער באַוועגונג די הענט אַרויף צום פון יסורים אויסגעקרומטן זון: דער צעשראָקענער פּריסטער וויל די מוטער אַוועקרייסן. בשעת דעם קורצן קאַמף גיבן ביידע אַ פאַל אַרויף אויפן אַלטאַר:

דער זון האָט זיך אַ טרייסל געטון, זיך אויסגעבויגן און זיך

אַראָפּגעלאָזט גלייך אין דער מוטערס פונאַנדערגעשפּרייטע הענט אַריין.

דער פאַרבליבטער פּריסטער טרעט אָפּ צוריק.

עפּעס אַן אָטעם-הויך טראָגט זיך דורך איבער דער קירכע, האַקסט אויס צו אַ סך-קולותדיק געפּליסטעריי און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טאָן, וואָס דער אָרגל כאַפּט אויף און פלעכט אים אַריין אין דעם מעלאָדיש וואַקסנדיקן פאַרשפּיל.

די מוטער שטייט אומבאַוועגלעך אינדערהייך פאַרן אַלטאַר דאָס פּנים צו די פּנימער געווענדט, מיט די הענט האַלט זי אַרומ-גענומען דעם זון און דריקט אים צו דער ברוסט. עס זעט אויס, ווי זי וואָלט געשטאַנען אַנטשלאָסן צום קאַמף קעגן געוואַלט און מאָרד. און אַלע זעען, אַז זי האָט שוין אירע פערזענלעכע ליידן הינטער זיך געלאָזט און אַז נאָך דעם ווילדן יסורימדיקן געלויף איבער דער שטאָט, איז זי אין דער איצטיקער רגע אַנטרונען גע-וואָרן פון די פינצטערע כּוחות און אַריין אין דער ליכטיקער כוואַ-ליע פון דער ליבע.

אינגאַנצן אַ באַשטראַלטע פון אַ שטילן גלאַנץ, לאָזט זי זיך פאַרטראַכטערהייט אַראָפּ איבער די דריי שטיגן, גייט פּאַמע-לעך דורך דעם מיטלגאַנג.

און די אומגליקלעכע מוטערס, באַרירט פון עפּעס אַן אָן נאָמענדיק געפיל, ווענדן זיך אָפּ פון די ליגנס און גייען איר נאָך. עס ווערט נישט גערעדט קיין איינציק וואָרט, און קיין איינציקער מענטש בלייבט נישט אויפן אָרט.

בלויז דער פּריסטער שטייט אָן אַ זייט לעבן אַלטאַר. זיינע ברייט פונאַנדערגעעפנטע אויגן זעען געווענדט אויף די איינשטי-מיק אַוועקגייענדיקע. און מיטאַמאָל זינקט זיין קאָפּ אַראָפּ צו דער ברוסט, גלייך ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ האַמער אַ קלאַפּ געטון אין נאַקן. אַ געלייטערטער הייבט ער צוריק אויף דאָס פאַרענדערט גע-וואָרענע פּנים און לאָזט זיך גיין

נאָכן צוג, וואָס ציט שטילשווייגנדיק און מיט אַ געטלעכער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט איבער דער שטאָט און וואַקסט פון מי-

נוט צו מינוט, כסדר פאַרגרעסערט דורך די פלוצלינג זעענדיק גע־וואָרענע.

עס איז פול געוואָרן די מאָס פון דריי יאָר, אָנגעפולטע מיט באַגייסטערונג, מיט בלוט, מיט צענמיליאָנפאַכיקן מאָרד, מיט גלויבן אין די ליגנס, מיט אויסהאַלטעוודיקייט, אַרבעט, הונגער, מיט ליידן, ליידן און ליידן. אַלץ איז שוין אויסגעפרווט, אַלץ אַריבער־געטראָגן. אומזיסט. נישטאָ קיין אויסוועג פון דעם בלוטיקן קרייז.

גייען אַצינד די מענטשן אָנגעשלאָסן צואַנאַנדער און שטיל־שווייגנדיק צו דעם אויסוועג: אַריין אין דעם אמת. אָן אַ וואָרט פון אויפקלערונג. די פריש צוגעקומענע פרעגן אויך נישט. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. דער אמת באַדאַרף נישט קיין קלאַנג. דער אמת איז שטיל.

דער פאָר די מענטשנס וועגן אויפן קרייץ געשטאָרבענער זון, וועלכן די אייראָפּעיִשע מוטער שטעלט אויס פאַרן בלוטיקן מלחמה־פּרצוף, עפנט אויפסניי די הערצער פאַר דער ליבע. און דער ווייס־גליענדיקער שטראָם פון ליבע פליסט אומאויפהערלעך דורכן קי־לאָמעטער־לאַנגן צוג און פאַרברענט יעדן ווידערשטאַנד פון יענע, וואָס זענען נאָך דורך פינצטערע כוחות אין קייטן געבונדן.

די אויגן פון אַ פּאָליציימאַן, וואָס איז נאָכגעריטן דעם צוג, האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שיינען מיט אַן אינערלעכער ליכטי־קייט. ער לאָזט זיך אַראָפּ פון פערד.

און דאָס פערד, צעשיידט מיט זיין באַלעבאָס, מיט זיין גאַנצן ווזן באַהעפט צו די מענטשן, גייט מיט נאָכן צוג און קוקט מיט אַ טיפן, קינדיש־גוטן בליק.

אָפּגעטעמפּטע, פון יסורים צעפּרעסענע מענטשן, באַקומען אַ זוימען פאַר אַ ניי לעבן. פאָטערס, מוטערס, מלחמה־אלמנות, בעלי־מומים באַקומען מילד־שטראַלנדיקע אויגן, אין וועלכע עס פינקלט אַן אומענדלעך טיפע פרייד פון מענטשן, וואָס האָבן אַלץ אוועקגעגעבן און פאַרלוירן און גייען איצט צוזאַמען מיט ברידער:

פריי פון צווייפל און נישט פרעגנדיק קיין זאַך, פעסט צוזאַ־

מען, כמעט אויפן אָרט מאַרשירנדיק, צום ציל, וואָס אַלע טראָגן אין די הערצער.

אַן אומענדלעכער, שטילשווייגנדיקער צוג פון ברידער, אַנט־קעגן צום מענטשהייטס־ציל, איבער דעם חורבן אַדורך, אריין אין דער נייער תקופה, וואָס שטייט אונטערן חותם פון אמת, פון פרייהייט און ליבע.

זיי גייען גאַנץ פּאַמעלעך איבער אַ ברייטער, פּאַרן אויג נישט דערגרייכבאַר לאַנגער אַספאַלטענער גאַס. און אַזוי טיף זע־נען זיי דורכגעדרונגען מיט דער אַטמאָספערע פון דעם גרויסן צייטן־שיידונג, ווען געשעענישן ווערן פאַרשטאַנען אָן שום פרעגן און ענטפערן, אַז זיי חידושן זיך נישט בשעת זיי זעען ווי אַנט־קעגן זייער צוג קומט אָן אַ געוואַלטיק לאַנגער ברידער־צוג. גאַנץ פּאַמעלעך און שטילשווייגנדיק.

פאַרויס דער קעלנער, צו וועמענס וואָרט, געטראָגן פון מויל צו מויל, עס הערן זיך צו מיליאָנען.

לעבן אים די אלמנה פונם פאַרזיכערונגס־אַגענט, פון וועלכער דער קעלנער האָט אַרויסגעריסן די שנאה און פאַרפלאַנצט אין איר האַרץ דעם טיפן, דעם שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן מאָרד: די ליבע.

דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנערער צוג פון ליבע, אָנגעפירט דורכן קעלנער און דער אלמנה, האָט זיך לעבן אַ ברייטער, אַס־פאַלטענער זייטן־גאַס צונויפגעטראָפן מיט דעם פאַרן אויג נישט דערגרייכבאַר לאַנגן רעוואָלוציאָנערן צוג פון ליבע, וועלכן עס פירט די מוטער מיטן געקרייציקטן.

קיין שום פראַגע. קיין דערקלערונג. דער קעלנער מיט דער אלמנה גאָכן אַגעגנט און די מוטער מיטן געקרייציקטן זען בלייבן שטיין איינע אַנטקעגן די אַנדערע, אויג פאַר אויג.

די אָנטיילנעמער פון ביידע צוגן פאַרנעמען זיך לינקס און רעכטס אין דער זייטן־גאַס אַריין: פאַרוואַנדלען זיך אין אַ ריזיק גרויסן, שוואַרצן מענטשן־קרייז.

און מיטאַמאָל ווערן פאַרהאָרעוועטע, פון הונגער פאַרפייניק־

טע מענטשן באַשטראַלט פון אַ הייליקן גייסט. זיי טיילן זיך אַרויס פון המון און באַווייזן זיך פלוצלינג אויף באַלקאָנען.

און רעדן אַראָפּ צום שוואַרצן מענטשן־קרייז, אינדערמיטן פון וועלכן עס שטייגט אַרויף אינדערהייך דער געקרייציקטער זון.

דאָס פּנים פונם פאַרברידערטן המון, וואָס איז געווענדט אַרויף צו די רעדנערס, איז באַגאָסן מיט אַ העל ליכט. און די ווערטער פון דער נייער תּקופה דרינגען אַריין, פּונקט ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אין די מענטשלעכע הערצער, וואָס זענען דורך גרויסע יסורים ווידער געעפנט געוואָרן פאַר דער ליבע.

VI.

געליבטע

אַרום פינף אַ זייגער אינדערפרי האָט דאָס טיר־גלעקל פונם אַדוואָקאַטס וווינונג זיך צעקלונגען מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם קלונג, אויפוועקנדיק דעם אַדוואָקאַט פון שלאָף.

ער האָט זיך פאַרשלאָפענערהייט נאָך צוגעשאַרט דורכן פינצטערן קאָרידאָר צו דער טיר. „ווער איז ?"

„פּאָליציי".

עס איז אים גלייך געקומען אויפן זכרון, אַז מיט אַ טאָג פריער האָט ער זיך אויסגעדריקט אין אַ געזעלשאַפט: „דער האָטעל-קעלנער, וואָס אָרדנט איין רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס פאַר שלום און גיט דערביי צו פאַרשטיין די מענטשן, אַז מיליטערישע אונטעראָכונג איז אַן אומכבוד פאַרן מענטש און אַז מיט מיליטערישע נצחונות קאָן מען נאָך נישט מעסטן די אינערלעכע חשיבות פון אַ פאָלק, טוט מער אויף פאַר דער צוקונפט פון פאָלק, איידער אונזער בארימטסטער אַרמיי־אָנפירער".

און אַצינד וועלן מיך דידאָזיקע מענטשלעכקייט-אונטערדריקער נעמען געפאַנגען, האָט דער אַדוואָקאַט אַ טראַכט געטון און אויפגעעפנט. „וועמען זוכט איר ?"

„דאָס בין איך אַליין".

„איר וועט זיך מטריח זיין אין דעם מתים־באַטראַכטונגס־הויז אַריין, הער דאָקטאָר. מען האָט דאָרט אַהינגעבראַכט אַ זעלבסט־

מערדער, בא װעלכן מ'האָט געפונען בלויז אייער'ס אַ וויזיט־קאַר־טע. מער גאָרנישט".

„מער גאָרנישט ?... איך מיין, מער פאַרלאַנגט מען פון מיר גאָרנישט ?"

„איר װעט נאָר פעסטשטעלן, װער דער זעלבסטמערדער איז".

בערלין איז נאָך פאַרזונקען אין פרימאָרגן־שטילקייט. אויף די אַספאַלטענע גאַסן ליגט די פאַרטאָג־גרויקייט.

אַ לייכט אויפגעברויזטע מענטשן־מאַסע, פינקטלעך אויסגע־סדרט אין רייען צו פיר אין אַ רייע, שטייט אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם מאַרק־פּלאַץ, גרוי, געשפּענסטערדיק און געוואַלטיק נידערגעשלאָגן.

„אויף װאָס װאַרטן דאָ דידאָזיקע מענטשן ?" האָט דער אַד־װאָקאַט געפרעגט בא איינעם אַן עלטערן אַרבעטער, װעלכער איז געװען אָנגעטון אין צעריסענע, מיט שפּאַגאַט צוגענייטע, לאַק־שיך.

„מען קריגט היינט שטאָטישע פיש... אַרום איינס אַ זייגער מיטאָג־צייט װעט מען אָנהייבן צו פאַרקויפן".

„שטעלן זיך דאָ די מענטשן שוין אַנידער ? פינף אַ זייגער אינדערפרי ?"

ווי משונה די ווערטער קלינגען אין דער שטילקייט, האָט דער אַדװאָקאַט אַ טראַכט געטון.

„מיר שטייען שוין דאָ פון נעכטן אָװנט אָן, פון צען אַ זיי־גער... די, װאָס שטייען אין די הינטערשטע רייען, ווייל זיי זענען צוגעקומען ערשט אַרום האַלבער נאַכט, וועלן מסתמא שוין גאָר־נישט באַקומען... און אפשר יאָ; אָבער ניין, מסתמא נישט".

דער אַדװאָקאַט האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם פּאָליציימאַן ווייטער.

„מען האָט באַם דאָזיקן װונדערלעכן, גייסטיק־רויִנירטן פאָלק איינגעפלאַנצט דאָס חוב־געפיל, צו לעבן און צו שטאַרבן פאַר דער מלוכה און מיטן דאָזיקן האַרטן ביסן וועלן זיך ווערגן זיבע־ציק מיליאָן מענטשן — אין לאַנד און אויפן פראָנט — אַזוי

לאַנג, ביזוואַנען זיי וועלן דערשטיקט ווערן, דינענדיק אַ מלוכה וואָס איר גייסט — צווישן אונז גערעדט — האָט אַ גרויסן חלק אין דעם מלחמה־אויסברוך. מיליאָנען זענען שוין דערשטיקט געוואָרן מיטן דאָזיקן פאַלשן חוב. ווען וועט דאָסדאָזיקע פאָלק ליידן מיט אַזאַ סטאָיציזם פאַר דער פרייהייט?"

„דאָ איז דאָס מתים־באַטראַכט־הויז".

„אַדאַנק. איך וועל נאָך היינט אָנשרייבן אַ באַריכט פאַר דעם פּאָליציי־פּרעזידיום". „אויב דאָרט, אויפן פּראָגט, שטאַרבן טאָג טעגלעך טויזנטער, פאַרוואָס זאָלן דאָ אין שטאָט נישט אומקומען טעגלעך הונדערטער פאַר דער הויכער אידעע? פאַר דער פרייהייט? פאַר פאַרברידערונג?... ווו איז אַהינגעקומען דער אידעאַליזם פונם דאָזיקן פאָלק?"

דער אידעאַליזם פונם פאָלק איז געלעגן דאָ אינם מתים־הויז, אין געשטאַלט פון פאַרלויפיק צוואָנציק זעלבסטמערדער, וועלכע האָבן אָן אַ שום בונטעווען זיך, אָן פּראָטעסטן פאַרלאָזט די קולטורעלע געזעלשאַפט.

אַ זאַל, איינגעאָרדנט לויט די לעצטע דערגרייכונגען פון דער היגיענע: גרויסע פענצטער, גרויסע ווענטילאַטאָרס, גרויסע שטיקער אייז, וואָס ווערן פּאַמעלעך צעגאַנגען און דערהאַלטן אין פרישקייט די טויטע גופים. קיין שום שלעכטער ריח. אַ פּעדאַנטישע אָרדנונג.

אַ ביסל דאָך געשטערטע: פינף זעלבסטמערדער, פאַר וועלכע ס'האָט שוין פאַרפעלט ליג־בענק, זענען געלעגן אויף דעם ריין אָפּגעוואַשענעם ווייסן, שטיין־געפּלאַסטעטן דיל.

„אַצינד, באַגינען צו טאָג, האָט זיך דאָרט אויפן פּראָנט מסתמא שוין ווידער אָנגעהויבן די פאַנטאַסטיש־ווילדע מערדעריי איבער די געפּלאָגטע מענטשן", האָט דער אַדוואָקאַט געטראַכט באַ זיך און באַקוקט די צוויי געהאָנגענע, וואָס זענען אויסגעקרומטע און פאַרשטייפטע, געלעגן אין אַ ווינקל איינער לעבן אַנדערן: אַ פאַרפאָלק, וועמען די מלחמה האָט דערפירט צום שטריק. פון די ברייט פונאַנדערגעריסענע מיילער אַרויס האָבן אַרויסגעשטעקט די צוויי צונגען: דיק, שטייף, לאַנג, בלוי.

„און וויפיל מאַמעס, כּלות און פאָטערס אין אייראָפּע ליגן איצט אין דער רגע וואַכערהייט אין די בעטן מיט פאַרגליווערט־אָפּענע, זעענדיקע אויגן ?... „מען קריגט היינט שטאָטישע פיש" איז דעם אַדוואָקאַט ווידער דורכגעלאָפן דורכן געדאַנק. „אַזוי הייבט זיך אָן דער טאָג".

באַם פענצטער געפינט זיך אַ הויפן פאַרבלוטיקט שמוץ, געדערים, ביינער: אַן אַלטער מאַן, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון שטאָק אויפן טראָטואַר, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין זונס העלדנטויט.

אויף דעם נידעריקן, ברייטן פענצטער־געזימס, אונטער וועלכן ס'איז איינגעמויערט דער דאַמף־אויוון, ליגט אויסגעצויגן אַ זייער עלעגאַנטע לייכט צוגעשמינקטע אַלטע דאַמע, וואָס האָט איינגענומען סם און גלאָצט מיט אירע טויטע אויגן אויף אַ טויטן יינגן בחור, באַ וועלכן די ליפּן זענען געעפנט מיט אַן אויסדרוק פון לייכטער פאַרווונדערונג.

„און וויפיל האָט דער אַלטער מאַן און די אַלטע דאַמע און דער יינגער בחור געליטן, איידער זיי האָבן געמאַכט דעם לעצטן שריט ? און וויפיל די אַלע מיליאָנען זעלנער, איידער זיי פאַלן אַריין אין דעם נישט זיין ?"

די איבעריקע זעכצען מלחמה־זעלבסטמערדער זענען געלעגן אויסגעצויגן אָדער איינגעקורטשעט, פאַרבלוטיקטע אָדער בלייך־פאַרסמטע אויף די ווייס־לאַקירטע ליג־בענק, איבער וועלכע ס'האָבן זיך געדרייט דריי האָריזאָנטאַלע ווענטילאַטאָרס. אין די פענצטער האָבן זיך אויך געפונען זשומענדיקע ווענטילאַטאָרס, וואָס האָבן טאָג און נאַכט כסדר געבּרומט דאָס וואָרט „מלחמה".

דער מתים־אויפזעער האָט צוגעפירט דעם אַדוואָקאַט צו אַ פערציק־יעריקן מאַן, וואָס איז געלעגן אויף דער פינפטער — פון לינקס געציילט — באַנק. דעמדאָזיקן מאַנס צאַרט, עטוואָס בלוי־געוואָרן פּנים האָט אויסגעדריקט געוואַלטיקע פאַרביטערונג און פאַרוווּרף.

דער אַדוואָקאַט האָט אינם דאָזיקן מת גלייך דערקענט דעם

פילאָזאָף, פון וועלכן ס'איז ערשט נישט לאַנג דערשינען אַן אַריינפיר־באַנד צו דער „קעגנזאַץ־פילאָזאָפיע".

די אויסדרוקן פון שרעק און צאָרן האָבן זיך .שנעל איינער נאָכן אַנדערן געביטן אין אַדוואָקאַטס אויגן, בעת ער האָט געקוקט אויף דעם בלוי־געוואָרענעם פנים, אין וועלכן ס'איז ווי פאַרגלייווערט געוואָרן דער אויסדרוק פון פאָרוורף, וואָס דער היינטיקער ברוטאַל־מאַטעריאַליסטישער, גשמיותדיקער יאָרהונדערט האָט נישט דערלאָזט אויפצובויען און צו פאַרענדיקן זיין לעבנס־ווערק.

„פאַרוואָס אייגנטלעך האָט ער זיך אומגעבראַכט ? פאַרוואָס אייגנטלעך ?"

„איך ווייס נישט. נאָר געוויינלעך געפינט מען ליגן אויפן טיש די אויפפאָדערונג צו מיליטער־דינסט ; אָדער אַ ידיעה, אַז דער מאַן איז אומגעקומען, אָדער דער זון... בײַ יענעם מיידל דאָרט איז עס געווען צוליב דעם חתן". ער האָט אָנגעוויזן אויפן מיידל, וואָס איז געלעגן אויף דער זעקסטער, פון לינקס געציילט, ליג־באַנק לעבן דעם פילאָזאָף, זי האָט אויך פונקט ווי דער פילאָזאָף, געהאַט אַ צאַרט, עטוואָס בלוי־געוואָרן פנים.

ביידע האָבן זיך פאַרסמט מיט גאַז.

„אָבער פאַרוואָס איז ער דעם גורל דעם וועג פאַרלאָפן ? ער האָט דאָך געקענט זיך זאָגן : נישט אַלע, וואָס גייען אַוועק אויפן פראָנט, קומען אום".

„מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אויך אַזוי געטראַכט. אָבער פון דעמאָלט אָן איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ סך פון זייערע קרובים... בײַ אַ גרויסער טייל געשעט דאָס, נישט צוליב מורא פאַרן טויט, נאָר צוליב מורא פאַר דער קאַזאַרמע. ס'זענען פאַרהאַן אַזעלכע מענטשן, וואָס קענען דעם קאַזאַרמע־הויף... מיט דעם אַלעם איבעריקן נישט פאַרטראָגן".

דער מתים־אויפזעער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשפאַרט דעם עלנבויגן אָן אַ באַנק, אויף וועלכער ס'איז געלעגן אַ דערטרונקענער : אַ צעווייקטער, גרינער עפּעס אָן אַ נאָז און אָן אויגן. דער בויך איז געווען הויך אויפגעבלאָזן. דאָס וואַסער האָט נאָך אַלץ כסדר מיט גלייכמעסיקע טראָפּנס אַראָפּגעטריפט פון דער

ײנער, װײסער ליג־באַנק אויף דעם ריינעם, װײסן דיל. דער מת איז גאַנצע דרײ װאָכן לאַנג אַרומגעשװומען אין װאַסער.

„צי איז דאָסדאָזיקע מתים־הויז אויך אַ פּעלד פון רום, אויף זעלבן ס׳ליגן מענטשן, װאָס זענען אומגעקומען פאַר דער גרויסקייט און שטאַרקייט פון דער מלוכה?‟ ...„װער איז דערדאָזיקער דערטרונקענער?...‟

„דאָס װייסט מען נישט. אין איין צייט זענען אין בערלין פאַרפאַלן געװאָרן זיבעצן מענטשן. ער מוז זיין איינער פון זיי... מען קען גאָרנישט אָפּעטעמען‟. דער מתים־אויפזעער האָט אויסגעזען אָפּגעצערט און פאַרמאַטערט װי אַ שװינדזיכטיקער. ער האָט געטראָגן אַן אָפן העמד מיט אַ ברייטן קראַגן.

„אַ סך אַרבעט?‟ ...„צו װאָס פרעג איך דאָס?‟

„אָן אויפהער. אָן אויפהער! יעדן טאָג ברענגט מען דורכשניטלעך אַכט ביז צען זעלבסטמערדער... פאַר דער מלחמה פלעגט זיין איינער, העכסטנס צװיי אַ טאָג‟.

„יעדן טאָג אַכט? בלויז אין בערלין?‟ און דערביי באַדאַרף גענומען װערן אין אַכט, אַז נישט אַלע זעלבסטמערדער ברענגט מען אין מתים־הויז אַריין, דאָס װייס איך פון דערפאַרונג, טראַכט באַ זיך דער אַדװאָקאַט. „עלעקטרישע ליכט האָט איר דאָ אויך?‟ ...„צי װאָס פרעג איך דאָס?‟

אין מתים הויז איז שטיל געװאָרן אויף עטלעכע סעקונדעס. די פרימאָרגן־גרויקייט איז נאָך געלעגן אויסגעשפּרייט איבער די מתים און האָט זיי צונויפגעשמאָלצן אין איין טונקעלער מאַסע.

„יאָ, אויך עלעקטרישע ליכט... און באַװעגלעכע ליג־בענק. עלעקטרישע װעק־אַפּאַראַטן. דינאַמאָ־װענטילאַטאָרס. בכלל דאָס גאָר נייעסטע אויפן דאָזיקן געביט... דאָסדאָזיקע רערן־סיסטעם פון לופט־װעקסלען איז גאַנץ ניי‟.

ער איז מיד אויפגעשטאַנען און אַ דרײ געטון באַ אַ שרייפל; דרײ בויגנפאָרמיקע לאָמפּן האָבן זיך צעזשומעט און אַ שפּריץ געטון מיט בלענדנדיק־װײס ליכט:

די צװאָנציק מתים זענען װי לעבעדיק געװאָרן. שטילע און

ווילדע פּנימער. טייל האָבן אויסגעזעען אַזוי, גלייך זיי וואָלטן וועלן עפּעס זאָגן.

„מיר האָבן אויך אַ זויערשטאָף-אַפּאַראַט פאַר די, וואָס פאַרסמען זיך מיט גאַז. און אַ קליין וואַרט-צימער פאַר די קרובים. און דערלעבן ווייזן איך".

„ווײנט איר ?... אַלץ אויסגעצייכנט". . . „וואָס טוט זיך מיט דעמדאָזיקן פאָלק ? פאַרוואָס מאַכט מען חרוב דאָסדאָזיקע פאָלק ? דאָסדאָזיקע געדולדיקע, פלייסיקע, ענערגישע, קאַלטבלוטיקע, פּינקטלעכע פאָלק, וואָס טראָגט אַריבער אָן שום פּראָטעסט אַלע יסורים פונם דאָזיין, וואָס קומט אום אָן שום פּראָטעסט אויפן פראָנט און אין דער שטאָט. דאָסדאָזיקע מאַרטירער-פאָלק, וועלכן מ'האָט מיט דער הילף פון אַן אויסערסט ראַפינירטן סיסטעם אוממעגלעך געמאַכט צו דענקען און דערמיט שוין לכתחילה וועלכן ס'איז פּראָטעסט פון יחיד... דערפאַר אָבער, ווען עס וועט אַמאָל ענדלעך אָנהייבן צו פּראָטעסטירן, וועט דער פּראָטעסט זייַער זיין געדולדיק, פלייסיק, קאַלטבלוטיק און אומגעהייער פּינקטלעך, אומגעהייער בלוטיק... סיידן זייַנע הערשער וועלן אין דערדאָזיקער פון גאָט באַשטימטער רגע מיט דעם גוטן ווילן אָפּטרעטן".

נישט געפרעגטערהייט, האָט דער אויפזעער געזאָגט: „איך פיר אַ סטאַטיסטיק פון די פאַרשידענע מינים מיתות פון די בערלינער זעלבסטמערדער. אין איצטיקן מאָמענט האָב איך דריי געהאָנגענע, פינף דערטרונקענע, צוויי פאַרסמטע, זיבן מיט גאַז פאַרטשאַדעטע, דריי, וואָס האָבן זיך דורכן פענצטער אַרויסגעוואָרפן, און בלויז איינעם, וואָס האָט זיך געשאָסן; אַ זעלנער, וואָס איז געקומען אויף אורלויב. אָט דאָרט ליגט ער... עס פעלן שוין אויס ליג-בענק. צום מייַנסטן זענען דאָ מיט גאַז פאַרסמטע".

„צי ווייסט מען, פאַרוואָס דער זעלנער האָט זיך דערשאָסן ?"

„ער האָט אוודאי געטראָפן זיין פרוי נישט אַזוי ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אָדער אפשר האָט ער נישט געוואָלט מער צוריק אויפן פראָנט. אַ סך ווילן נישט מער צוריק... דער מאַן נעמט זיך

ראָס לעבן איבער זיין פרוי, און די פרויען נעמען זיך דאָס לעבן, ווייל די מענער זענען אומגעקומען. אויף אַזאַ אופן גלייכט זיך עס אויס איינס מיטן אַנדערן".

ער האָט אָנגעוויזן אויפן מיידל, וואָס איז געלעגן לעבן פילאָזאָף: „דאָס איז אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטע; בײַ איר איז דאָס געשען צוליבן חתן".

„איר האָט מיר שוין דאָס דערציילט"... „און אַצינד ליגט דער פילאָזאָף לעבן דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער. דער יינגער בחור לעבן דער אַלטער דאַמע. דער דערטרונקענער לעבן דעם פאַרסמטן. און אַממייניסטן זענען דאָ פאַרסמטע מיט גאַז. און אויפן פראָנט ליגן מיליאָנען מתים. און אין בערלין לעבט מען ווייטער, מ׳האַלט ווייטער אָפּ נצחונות. די טראַמווייען פאָרן. אין די טעאַטערס שפילט מען. און מען איז שטאָלץ דערויף. וואָרים דאָס איז אַ סימן פון קולטור". „האָט איר געהערט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע פאַרן שלום?"

דער מתים־אויפזעער האָט גאָרנישט געענטפערט; ער האָט ווידער אָפּגעווישט דאָס וואַסער, וואָס האָט אַראָפּגעטריפט פונם דערטרונקענעם אויף דעם ווייסן שטיינערנעם דיל.

פלוצלינג איז אין אַדוואָקאַט צעבראָכן געוואָרן דאָס לעצטע ביסל ווידערשטאַנד, די לעצטע רעשטן פון פאָרזיכטיקייט: ער האָט באַשלאָסן גלייך אויפצוזוכן דעם האָטעל־קעלנער.

באַם געזעגענען זיך האָט ער נישט ווילנדיק אויסגעלאָשן דאָס ליכט. די מתים האָבן זיך ווידער צונויפגעשמאָלצן אין איין פינצטערער מאַסע.

דער חשבון פונם מתים־אויפזעער איז געווען גאַנץ פשוט:

„אויב אין בערלין, וואָס פאַרמאָגט דריי מיליאָן איינוווינער, האָבן זיך אין די לעצטע דריי יאָר אומגעבראַכט צוליב דער מלחמה אַכט טויזנט מיט פינף הונדערט מענטשן, קומט אויס, אַז אין גאַנץ דייטשלאַנד, וואָס פאַרמאָגט זיבעציק מיליאָן איינוווינער, האָבן זיך הונדערט ניינציק טויזנט מענטשן גענומען דאָס לעבן צוליב דער מלחמה... און וויפיל איז פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס זענען פאַר צרות צוליבן העלדנטויט פון זייערע נאָענטע ביסלעכווייז געגאַנגען פון

דער וועלט? און וויפיל זענען משוגע געוואָרן? און וויפיל פון די, וואָס האָבן פּראָטעסטירט, זיצן אין די תפיסות? און וויפיל שוואַכע, נישט אויסהאַלטעוודיקע זענען קראַנק געוואָרן און פון דער וועלט געגאַנגען, אַזעלכע, וואָס נאָך אַ מעדיצינישער באַטראַכטונג האָט דער באַריכט וועגן זיי געקאָנט בלויז קלינגען: זיי זענען אייגנטלעך אויסגעגאַנגען פון הונגער?"

דער אויפזעער איז געווען אַן איבערגערעכנטער מענטש; ער איז געשטאַנען אין זיין פּריוואַט-צימער באַם טיש און אָפּגעוויגן זיין טעגלעכע ברויט-פּאָרציע מיט אַ פּעדאַנטישער גענויקייט; ער האָט נישט געוואָלט אומקומען פון הונגער; ער האָט געוואָלט די מלחמה איבערלעבן; ער איז נייגיריק געווען צו דערגיין, וואָס פאַר אַ פּאָזיציון רעזולטאַט וועלן ברענגען די יסורים און דער טויט פון אַזוי פיל מענטשן.

„דאָס זענען די מלחמה-געפאַלענע טיף אין לאַנד גופא: ביז איצט, פּאָרזיכטיק גערעכנט, הונדערט נײַנציק טויזנט מלחמה-זעלבסטמערדער אין דייטשלאַנד. קומט אויס לכל הפּחות אַ מיליאָן זעלבסטמערדער אין אַלע מלחמה-פירנדיקע לענדער צוזאַמענגענומען. חוץ דעם די צען מיליאָן, וואָס זענען אומגעקומען מיטן העלדנטויט. סך-הכּל: עלף מיליאָן טויטע... חוץ דעם די צען מיליאָן צו אַרבעט און צו לעבן אומפעיק געוואָרענע בעלי-מומים. אין פינף הונדערט... ניין, אַכט הונדערט, ניין, טויזנט מיטן רויך אַוועקגעלאָזטע מיליאַרדן, וואָס די ציגזן פאַר זיי אויסצוהאָרעווען וועט אַרויפ.עלייגט ווערן אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן... און ווען איך וועל נאָך צו דעם צוגעבן, אַלס אַ נישט-באַקאַנטע אומגעפער-צאָל, די ווייטיקן פון די באַם לעבן געבליבענע, וועלכע לאָזן זיך לײַדער נישט פעסטשטעלן צאָל-מעסיק, האָב איך שוין אַ רעכט נייגיריק צו זיין אויף דעם פּאָזיטיוון רעזולטאַט, וואָס דידאָזיקע געוואַלטיקע בשתּפותדיקע קאָן-איינשטעלעניש וועט ברענגען.

פאַרנומען מיט דידאָזיקע מחשבות, האָט ער גלייכצייטיק באַטראַכט דאָס קלאַפּעס-סיסטעם, וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַ גרויסן עלעקטרישן גלאָק. דידאָזיקע קלאַפּעס זענען געווען פּאַרײַניקט — פּונקט ווי דאָס קלאַפּעס-סיסטעם אין אַ טעלעפאָן-צענטראַ

לע מיט די אַבאָנענטן — דורך עלעקטוּישע דראָטן מיט יעדן אייגעם פון די טויטע. די געסמטע און דורך גאַז פּאַרטשאַדעטע און אַזעלכע, בײַ וועלכע מען האָט נישט געוווּסט די סיבה פון טויט, זענען געלעגן דריי טעג אין קאָנטאַקט מיט דעם וועק-אַפּאַראַט. אַ זיפץ בײַם צו זיך קומען, אַ מינדסטער ריר מיטן פינגער רייסט איבער דעם קאָנטאַקט.

אַ קליינע ווײַלע איז דער אויפזעער געזעסן גאַנץ אומבאַוועגלעך בײַם טיש; ער האָט זיך בלויז צוגעהערט צום רוישן פון די ווענטילאַטאָרס אינם מתים-הויז. ער איז וואָס אַמאָל טיפער פאַרזונקען געוואָרן אינם פלאָנטער פון מחשבות און געפילן און יעדעס מאָל ווידער צוריקגעקומען צו דעם אַלץ כּוללדיקן אויספיר: „ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אין דערדאָזיקער מלחמה זענען אָפּגעטון געוואָרן אַלערליי, אויך די גאָר קאָמפּליצירטסטע, פאַנטאַסטישע געמיינהייטן, וואָס אַ מענטשלעכער מוח איז נאָר אימשטאַנד אויסצוטראַכטן; אַז מען קאָן זיך גאָרנישט אויסמאָלן אַזאַ גרויזאַמקייט, אַזאַ אומגערעכטיקייט, אַזאַ נידערטרעכטיקייט, וואָס האָט נישט געזאָלט אָפּגעטון ווערן, און אַז אויסער די זאַכן, וועלכע מען קאָן זיך נאָך פאָרשטעלן, זענען אויך אָפּגעטון געוואָרן אָן אַ שיעור שאַנדטאַטן, וואָס מען קאָן זיך גאָרנישט אויסמאָלן — ווען מען לייגט זיך דאָס אַלץ איבער, מוז מען אָננעמען, אַז יעדער איינער, וואָס האָט זיך אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט דידאָזיקע שענדלעכע מעשים און זיצט נאָך נישט אַלס מורד אין תּפיסה, איז נישט משוגע געוואָרן, אָדער זיך דאָס לעבן נישט גענומען, איז אַ גראָבער, געמיינער, נישטיקער נפש. אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ מענטש וועט נישט אַריבערטראָגן אַזאַ לעבן, אין וועלכן ס'איז מעגלעך אַזעלכע זאַכן און וואָס ווערן נאָך באַטראַכט ווי אַ העלדישקייט. . . צווישן די הונדערט ניינציק טויזנט מלחמה-זעלבסט-מערדער זענען געווען — און אין די משוגעים-הייזער און תּפיסות געפינען זיך נאָך הײַנט — די אָרנטלעכסטע איידלסטע מענטשן פון פאָלק".

מיטאַמאָל האָט דאָס קלינגען פונם מתים-גלאָק וואָס דרינגט אַרײַן ביזן מוח פון די ביינער, אויפגעריסן דעם אויפזעער פון

יינע מחשבות. אין דערזעלבער רגע האָט ער געזעען, אַז איינע
וון די קלאַפּעס איז אַראָפּגעפאַלן, ער האָט געזעען די ציפער 6.
„עמעצער איז צו זיך געקומען!" ער האָט זיך האסטיק אַ לאָז גע=
וון אין מתים=הויז אַריין.

און נישט געקוקט אויף זיין נאַטור-וויסנשאַפטלעכע וועלט=
אָנשויונג: „טויט איז טויט און לעבעדיק איז לעבעדיק", איז ער
געוואַלטיק איבערגעשראָקן געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער אויף
דער שוועל פון טיר.

וואָרים צוויי צוריק דערוואַכטע, דער פילאָזאָף און די אַנ=
געשטעלטע, וועלכע מען האָט ערשט מיט אַ שעה צוריק אַהערגע=
בראַכט איינעם נאָכן אַנדערן, זענען איצט געזעסן אויסגעגלייכטע
אויף די ליג=בענק.

נאָך שנעלער, איידער ס'איז באַ אים אין מוח דורכגעלאָפן דער
געדאַנק: „זיי זענען מסתמא אַ דאַנק די באַזונדערס פרישע ווענ=
טילאַטאָרן=און=אייז=לופט צו זיך געקומען", איז ער צוגעלאָפן צום
וויערשטאָף=אַפּאַראַט, גענומען צוויי רויטע גומענע רערן און אַריינ=
געדרוקט זיי צווישן די ליפן פון די צוריק דערוואַכטע. „טיף אָטע=
מען!" און באַלד זיך ווידער אַ לאָז געטון צוריק צום אַפּאַראַט און
גענומען דרייען באַ דער קאָרבע.

דער שטאַרקער מתים=גלאָק האָט ווייטער געקלונגען.

צווישן דעם פיליזאָפס האַלב=פאַרמאַכטע אויגן=הייטלעך האָט
געשוועבט אַ לייכט און פיין שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט עס
דאָ אַהערגעבראַכט פון יענער אומענדלעכער טויט=ווייטקייט, פונ=
וואַנען ער קומט איצט צוריק.

די בלייך=פנימדיקע אָנגעשטעלטע האָט נאָך נישט געפילט
קלאָר, אַז זי איז ווידער צום באַוווסטזיין געקומען.

„טיף... גלייכמעסיק און טיף... איינאָטעמען... און אויס=
אָטעמען... און איינאָטעמען", האָט געבעטן דער אויפזעער, דריי=
ענדיק די קאָרבע.

די האָריזאָנטאַל=ווענטילאַטאָרס האָבן זיך געדרייט זשומע=
דיק, גלייך ווי זיי וואָלטן אָפּגעהיטן דאָס אָטעם=טעמפּאָ. די אַכט=
צען נישט צו זיך געקומענע בלאָן און בלויע, שטייפע און אויס=

געקרומטע, צעבלוטיקטע, טויט־שטילע און געוואלטיק גלייכגילטיקע מתים האָבן אַרומגערינגלט די צוויי אָטעמענדיקע מענטשן, פונקט ווי די געפאַלענע העלדן אויפן פראָנט רינגלען אַרום זייערע נאָך מאָרדנדיקע חברים.

באַם פילאָזאָף האָט זיך שוין געוועבט דער געדאַנק: „איך האָב באַקומען אַן אויפפאָדערונג צום מיליטער־דינסט און אַלס פּועל־יוצא דערפון זיך דאָס לעבן גענומען. איך בין... אַ טויטער געלעגן אין מתים־הויז. דאָס האָט שוין אַ גרויסן באַדייט. איצט וועלן זיי מיך אוודאי צורו לאָזן. לכל הפּחות אַזעלכן, וואָס איז אויפגעשטאַנען תּחית המתים וועלן זיי דאָך צורו לאָזן. זיי וועלן דאָך נישט צום צווייטן מאָל פּרוון אַריינטרייבן אין דער קאַזאַרמע אײַנעם, וואָס פאַרמאָגט אַ קאָנסעקוועטן גייסט און מיט אים אײַנקנעלן ווי אַזוי מ׳הרגעט מענטשן. אַפילו כריסטוסן, נאָכדעם ווי ער איז געשטאָרבן און ווידער אויפגעשטאַנען, האָט מען דאָך אויך נישט נאָכאַמאָל געקרייציקט״. דאָס ווייטע, לייכטע שמייכעלע פון צופרידנהייט האָט נאָך אַלץ געשוועבט צווישן זײַנע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־הייטלעך.

בעת ער האָט נאָך געהאָרכזאַם געאָטעמט, איז ער שוין אין די געדאַנקען ווידער געזעסן באַם שרייב־טיש איבער זײַן נישט פאַרענדיקט לעבנס־ווערק, וואָס דער גייסט און די אידעע דערפון זענען געווען פונקט דער היפּוך פון דעם קאַזאַרמע־גייסט.

„אײַנאָטעמען! אויסאָטעמען! טיף אָטעמען!״

דער אויפזעער האָט צוגעלאָזט עלעקטרישן שטראָם פאַר דעם ווידערשטאַף־אַפּאַראַט.

ער איז אַריבערגעלאָפן אין זײַן פּריוואַט־צימער אַרײַן, כדי אויפצוזוכן אַ לייכטע טיי פאַר די צו זיך געקומענע.

דער גלאָק האָט נאָך אַלץ געזעשט: מיט אַ רופנדיק, אַלאַרמירנדיס, טויב־מאַכנדיק קלינגען.

דער אינסטינקטיווער ווילן צום לעבן איז וואַך געוואָרן באַ דער אַנגעשטעלטער, בעת זי האָט דערזען די בלאָן און בלויע צינגען פון די געהאָנגענע, דעם אָנגעשוואָלענעם גוף פון דערטרונ־

גנעם און דעם שמוציקן פאַרבלוטיקטן הויפן געדערים און ביינער.

פאַר שרעק איז איר אויבערשטער טייל גוף צוריקגעפאַלן אויף דער באַנק; זי האָט, ווי זוכנדיק הילף, אָפּגעקערט די אויגן פון טויט און זיך געווענדט אויף לינקס, וווּ דאָס לעבן איז אויסגעגלייכטערהייט געזעסן אויף דער באַנק. זי האָט בעטנדיק אויסגעשטרעקט די הענט.

און פּלוצלינג האָבן זיך די הענט פון דידאָזיקע צוויי פון טויט אַרומגערינגלטע לעבעדיקע מענטשן געפונען איינע בײַ דער אַנדערער און יעדנס בליק איז אַרײַנגעדרונגען טיף אין דעם אַנדערנס נשמה: דער פילאָזאָף פון פרײַנטלעכקייט וועגן, וואָרים כדי זיך דעם שכל צו שאַרפן איז אים שוין נישט נייטיק געווען זיך צוצוקוקן צו דער פּלאַקאַטירונג פון דער מענטשלעכער עלנטקייט, די אָנגעשטעלטע ווידער, כדי פאַר גרויל און שרעק נישט משוגע צו ווערן.

דער צוריק לעבעדיק געוואָרענער האָט אַוועקגענומען פון מויל די גומענע רער; אַלס פילאָזאָף אַן פעסטע פאַרדינסטן און אָן פאַרמעגן, איז ער שוין געווינט געווען שנעל גובר צו זיין קערפּערלעכע יסורים. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו זיין חברטע לצרה, וועלכע האָט געהאָרכזאַם ווידער איין און אויסגעאָטעמט: דאָס איז געווען איינע פון יענע געדולדיקע שוין באַיאָרטע מיידלעך. וואָס זענען געצווונגען פאַר אַ געהאַלט פון הונדערט צוואַנציק מאַרק אַ חודש זיך איינצושפּאַנען אינם יאָך פון דעם תמיד איינטאָניקן וואָכנדיקן לעבן, כדי זייערע מער מזלדיקע שוועסטערס זאָלן קענען פירן אַ לייכט, זאָרגלאָז, מיט אויסערלעכן גלאַנץ באַפּוצט לעבן. איינע פון יענע מיידלעך, וואָס זאַמלען זיך אָן פאַמעלעך און ביסלעכווייז אַן אויסשטייער: היינט דריי העמדער, אין אַ יאָר אַרום בעטן, דערנאָך מאַטראַצן און פון צייט צו צייט עפּעס פון די קיך־מכשירים, כדי ענדלעך, ווען די הויט פון פּנים איז שוין מאַט־גרוי, דאָס בלוט שטיל און די בענקשאַפט נאָך אַ גאַנצן האַלט שוין אין גוסענען — צוזאַמען מיטן חתן ווידער אָנצוהייבן

פ׳רן א ווייניק געענדערטן, איינטעניקן, וואַכענדיקן לעבנס־שטייגער.

און אַט דעמדאָזיקן קלייגעם, נעבעכדיקן לעבנס־ציל האָט די מלחמה אויפגעפרעסן: דער חתן איז צעטרעטן געוואָרן.

„אויפן פעלד פון רום. פאַר דייטשלאַנדס וועלט־מאַכט. פאַרן קייזער און דער מלוכה, פאַר די מעטאַל־גרובנס און אייזנבאַן־קאָנ־צעסיעס", האָט געטראַכט באַ זיך דער מתים־אויפזעער.

און דער פילאָזאָף האָט געטראַכט: „צוויי דערזעען זיך, באַ־קענען זיך. און האָבן חתונה, נישט קענענדיק איינער דעם אַנדערן. אין דרייסיק יאָר אַרום קענען זיי אויך נאָך נישט איינעם דעם אַנ־דערן. און ווען איינער שטאַרבט, ווייסט נאָך אַלץ נישט דער אַנ־דערער, מיט וועמען אייגנטלעך ער האָט צוזאַמען געלעבט. וואָרים יעדער איינער פון זיי גיט זיך דאָס גאַנצע לעבן לאַנג די גרעסטע מי, נישט געוואויר צו ווערן חלילה, ווי און ווער ער אַליין איז. הייגט ווי אַזוי קען ער פּויק זיין צו וויסן, ווער דער אַנדערער איז?... אָבער ווען צוויי טרעפן זיך צוזאַמען אין מתים־הויז און וואַכן ביידע אויף, אַזוי צו זאָגן, ווי קינדער פון איין „מאַמע גאָר־נישט" און ווערן ניי־געבוירן — "

דער פילאָזאָף האָט זיך צוגעקוקט צו דעם אויוון פון דער דאַמף־באַהייצונג, צו די רערן פון וואַרעם וואַסער מיט די ניקלענע צאַפּנס און צו דער גרויסער, ווייס־עמאַלירטער שיסל אונטער זיי.

„אַזאַ קאָמפאָרט וועלן מיר אין אונזער וווינונג זיכער נישט האָבן".

דער אויפזעער איז אַריינגעקומען מיט דער טיי. „איר אַטעמט נישט?"

„זאָגט מיר", האָט דער פילאָזאָף, אַנשטאָט צו ענטפערן, גע־פרעגט „צי וואָס אייגנטלעך באַדאַרף מען דאָ די דאַמף־באַהייצונג אינם דאָזיקן הויז, ווו דער ערשטער באַדינג צו דערהאַלטן אָרד־נונג איז, אַז אַלץ... זאָל פאַרבלייבן פריש?"

„אַ גאַנץ לייכטע טיי. און מען באַדאַרף זי טרינקען אָן צו־קער... מען איך זאָל אין אַ קאַלטן ווינטער נישט קאָנען דער־

האַלטן דאָ אַ טעמפּעראַטור לכל הפּחות פון איין גראַד איבער נול, וואָלט איך דאָך באַ די דערטרונקענע געמוזט אַרומהאַקן דאָס אייז אויף זייערע ליג־בענק".

„אַלזאָ אַלץ איז באַרעכנט! דאָ, לכל הפּחות, זאָרגט מען פאַר יעדער זאַך, ווי?"

„יאָ, דאָ פעלט נישט קיין שום זאַך... די אָרגאַניזאַציע פאַר די טויטע איז אין בעסטער אָרדנונג. און די אָרגאַניזאַציע פאַר דער מאַסן־רציחה איז באַ אונז, מוז מען מודה זיין, אויך אין בעסטער אָרדנונג".

„איר זענט, הייסט עס, אויך קעגן דער מלחמה?" דער פילאָזאָף האָט באַקוקט די אַכטצען זעלבסטמערדער, וואָס האָבן מיט זייערע בלויע צינגער, פאַרגליווערטע פנימער שטום פּראָטעסטירט קייגן דער מלחמה... ....„דאָסדאָזיקע מתים־הויז איז פּשוט אַ פּאַציפיסטיש מקום מקלט". ער איז אַראָפּ פון דער ליג־באַנק.

די אָנגעשטעלטע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס רערל אין מויל און אויסגעזען, ווי אַ קינד, וואָס בלאָזט אַריין אין אַ שפּילעכל.

„וואָס מיך רירט צום מיינסטן, מער נאָך ווי די גרויע בויט פון איר לעבן און מער ווי איר זעלבסטמאָרד־פּרוּוו, איז אָט דאָסדאָזיקע טיול־קראַגנדל אַרום איר האַלז: אָט דאָסדאָזיקע אומדרייסטע, נעבעכדיקע פּלייסן זיך, אויסצוזעען שיין", האָט דער פילאָזאָף געטראַכט.

*

די מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן זיך דערנענטערט מיט גאַלאָפּטריט. דער אָפיציר מיט דער שווערד אונטערן אָרעם, וואָס איז וויגנדיק זיך אויף זיין פערד געריטן פאָרויס, האָט אויסגעזען, גלייך ער וואָלט באַשטאַנען פון אַ בלויזער ברוסט.

„צי וועלן זיי שיסן?" דער אַדוואָקאַט האָט אַ צי געטון דעם פילאָזאָף ערגעץ אין אַ טויער אַריין. „דאָס הויז האָט נאָך אַן

אַרויסגאַנג. דורכן אַנדערן טויער קומען מיר אַרויס צום פּלאַץ, נאָענט באַם דענקמאָל".

אַ געוואַלטיקער מענטשן־המון. אויפן פּיעדעסטאַל פונם דענקמאָל איז געשטאַנען דער קעלנער. ביידע האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט זיינס. זיי האָבן בלויז געהערט דאָס פאַנאַטישע בראַוואָ־געברום, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער קעגניבערדיקער זייט.

גאַנץ אויבן אויף אַ לאַמטערן־סלופּ, גאָר נאָענט באַ דעם ווייס־פיאָלעט לויכטנדיקן בויגנפאָרמדיקן לאָמפּ, האָט זיך געפונען דער צוואַנציק־יעריקער. ער האָט געמאַכט ווילדע קערפּער־באַוועגונגען.

„דעמדאָזיקן וועלן זיי נאָך אַרונטערשיסן".

אין דער אַלעע איז געשטאַנען אַ לאַנגע שורה וואָגנס, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט אַריבערקריגן דורכן פּלאַץ. אויפן הויכן לאַמטערן־סלופּ, דאָרט, ווו דער צוואַנציק־יעריקער איז געהאָנגען, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו פלאַטערן אַ רויט שטיק שטראָל.

דאָס טויזנט־קולותדיקע פרייד־געשריי איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דורך די מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס זענען געקומען אין גאַלאָפּ אָנצולויפן. דער המון, וואָס איז באַשטאַנען מייגסטנס פון יונגע בחורים און דער עיקר פון פרויען מיט באַגייסטערטע פּנימער, האָט זיך האַסטיק געטון אַ צי צוריק דורך די דריי דורכגענג פונם פּאַרק־טויער אין די אַלעען אַריין.

אַ ייִנגלישע הויכע קאָמאַנדע־שטים. אַ קנאַקעריי פון געווער־קאָלבעס. אַ דראָענדיק געלעכטער. אַנטלויפנדיקע טונקעלע פּלייצעס.

אַ פרוי מיט אַ צעפלאַמט פּנים איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס: „שיסט! שיסט!" מען האָט זי אַרעסטירט.

דער קעלנער איז געשטאַנען האַרט לעבן אָפיציר און אַריינגעקוקט אים אין די אויגן.

בעת דער פילאָזאָפיע־דאָקטאָר און דער אַדוואָקאַט האָבן, פאַרלאָזנדיק שוין דעם פּלאַץ, זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט, האָבן זיי

דערזעען אַ זעלנער אַרויפֿקלעטערן אויפֿן לאַמטערן-סלופּ און אויסשטרעקן די האַנט נאָכן רויטן שטיק שטאָף.

„ס'איז פֿונדעסטוועגן נישט אויסגעשלאָסן, אַז דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט וועט געהערן דאָס לעצטע, אַנטשיידנדיקע וואָרט", האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

זיי זענען מיט אײַלנדיקע טריט געגאַנגען איבער אַ האַנדלסגאַס, וועלכע איז געווען אָפּגעליידיקט פֿון מענטשן. בלויז פֿונדערווייטנס האָבן זיך געזען טונקעלע שאָטנס פֿון אַ גרופּע אַנטלויפֿנדיקע פֿרויען.

„אָבער דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, נישט רעכענענדיק די צוויי אָדער פֿינף פֿאַרשטייער זײַנע, וואָס זענען שוין האַלב-פֿאַרפֿייניקט פֿון הונגער און שווימען מאַכטלאָזע אַרום ווי די משוגעים אין אַ ים פֿון בלוט און שקרים — געפֿינט זיך שוין לײדער אין די ברודער-קברים אָדער אין די תּפֿיסות. דאָס מוז צוליב זײַן שבֿח געזאָגט ווערן פֿאַר די קומענדיקע דורות... אָט דאָ! גיט אַ קוק אָט דאָ אַהער!"

דאָס שוי-פֿענצטער איז געווען אויסגעהאַקט; די שפּײַז-קראָם צעראַבירט. פֿרויען האָבן שנעל אויסגענוצט די געלעגנהייט, בשעת די פּאָליציי און דאָס מיליטער איז געווען לאַנג פֿאַרנומען אויפֿן פּלאַץ.

„דאָס איז נאַקעטער הונגער. נישט קיין רעוואָלוציאָנערער גייסט", האָט דער פֿילאָזאָף געזאָגט. און אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ געראויכערטן פֿיש. ... „דעם פֿיש צוליב און דער חבֿרישקייט צוליב".

ער האָט אים אַרונטערגערוקט אונטער זײַן שוואַרצן מאַנטל.

„דאָסדאָזיקע אין געלט פֿאַרדינען גיריק אַרײַנגעטועטע פֿאָלק האָט פֿון זײַן פּוסטן מאַטעריאַליזם אַרויס תּמיד נאָך פֿאַר דער מלחמה געשריגן „זאָל לעבן". ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט עס ווידער געשריגן „זאָל לעבן". און אויב עס שרײַט איצט נישט מער „זאָל לעבן", איז עס נאָר דערפֿאַר, ווײַל דער מאָגן שרײַט".

„אָבער ווען די פֿירער וואָלטן אין יענעם אַנטשיידנעם מאָ-

מאָמענט נישט געווען אַריבער צום לאַגער, וועלכן זיי האָבן ביז דעמאָלט געהאַט באַקעמפט? דאַן וואָלטן לכל הפחות... די אָרגאַניזירטע מאַסן שוין לאַנג געווען מאַרשירט צו דער רעוואָלוציע אין אַזעלכע געשלאָסענע רייען, ווי זיי האָבן מאַרשירט צו דער מלחמה".

„און פונקט אַזוי אָן שכל, ווי זיי האָבן מאַרשירט צו דער מלחמה... דערפון קענט איר איינזעען, וויפיל פחיתת הכבוד און וויפיל געפאַר עס שטעקט אין אַ סיסטעם פון אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע דרעסירט אויס אירע מיטגלידער נאָר צום קלאַסנקאַמף פאַר מאַטעריעלע געווינסן און באַנוצט זיי אין אַלע שטעט פון לאַנד אויף די דריי הונדערט פינף און זעכציק פאַרזאַמלונגען אין משך פון יאָר, בלויז נאָר כדי דורכצופירן רעזאָלוציעס, וואָס האָבן אַ פּאָליטישן אינטערעס פאַר דער פאַרטיי, אַנשטאָט... צו באַפרייען זיי גייסטיק, צו מאַכן פון זיי דענקענדיקע מענטשן, וואָס זאָלן פעיק זיין אַליין אָנצונעמען אַ שטעלונג בנוגע אַ גערעכטע זאַך... עס גענוגט בלויז, ווען איינעם אַנטשיידנעם מאָמענט ווייזט זיך דער הויפּט אָנפירער אַרויס פאַר אַ נאַר, אָדער פאַר אַ נישטיק פאַררעטער און די... אָרגאַניזירטע, צום דענקען אומפעיקע מאַסן, טרעטן אָפּ מיט אים צוזאַמען, גייען אים נאָך צו דער מלחמה, פונקט אין אַזעלכע געשלאָסענע רייען, ווי זיי וואָלטן אים נאָכגעגאַנגען צו דער רעוואָלוציע... די גייסט-מענטשן זענען פאַרמשפּט צו בלייבן שטיין מיט אָראָפּגעלאָזטע הענט פאַר דערדאָזיקער מלחמה. וואָרים צווישן זיי און דעם פאָלק איז נישטאָ קיין מינדסטער באַוווסטזיניקער קאָנטאַקט. אפילו דער טויט פון מיליאָנען קען בא די לעבן געבליבענע נישט אַרויסרופן דעם מינדסטן פּראָטעסט, וואָס זאָל שטאַמען פון גייסט און געפיל. בלויז דער מאָגן פּראָטעסטירט. דאָס איז דער מאַטעריאַליזם. פאַר דער מלחמה נאָך איז מען גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון כריסטוסן און קאַנטן, פון געטהען און שילערן פאַר אַ שטיק ווורשט, פאַר דריי מאַרק וואָכן-שכירות מער, פאַר אַ דירה מיט דאַמף-באַהייצונג, פאַרן דערהייבן זיך צו דעם גייסטלאָזן בירגערלעכן לעבנסשטייגער, אָדער פאַרן דערהאַלטן זיך אָן אים. מאַטעריאַליזם: אָנהייבנדיק פונם נשמהלאָזן, אין אַ מאַ-

שין פאַרוואַנדלטן פאַבריקס־אַרבעטער, ביז צום פּאַר באַקוועמלעכ־קייט שטינקענדיקן קאַנאַפּע־בירגער, ביז צום קאַפּיטאַליסט, מאָדערנעם פילאָזאָף און דיכטער, ביז ווייט אַרויף צום ערשטן מיניסטער אין לאַנד. אָט דאָ האָט איר די סיבה פון דער מלחמה... דערדאָזי־קער ריזיקער קלאַץ פון עגאָיזם, געמיינהייט און פעלזן־פעסטער נאַרישקייט לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט און אין אַ קורצער צייט צעשפאַלטן".

„און דערפאַר, מיינט איר, בלייבט נישט איבער קיין אַנדער זאַך, ווי אויפצושרייפן דעם גאַז־קראַן, ווען ס'קומט אָן די אויפ־פאָדערונג אַריינצוטרעטן אין מיליטער־דינסט?"

ס'איז פאַראַן נאָך אַ וועג: איך וואָלט געקאָנט, („אָפּזאָגנ־דיק זיך פון מיין ווערק, אָפּזאָגנדיק זיך פון מיין ווערק") אַ שפּרונג טון אין דער אין בלוט אָפּגייענדיקער קעגנוואַרט אַריין. אַ שפּרונג טון צו דעם אין בלוט אָפּגייענדיקן פאָלק און אונטער אַ שטענדי־קער טויט־סכנה, פּרוּוון אָפּצורעדן עס פון דעם, וואָס עס איז אין אים אַריינגערעדט געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן... פּונקט אַזוי ווי עס טוען דאָס אַ סך אומבאַקאַנטע וועזנס פון צווישן פאָלק, וואָס דער סם פון אָרגאַניזאַציע האָט זיי נאָך נישט פאַר־דאָרבן און זיי זענען נאָך דעריבער פעיק אַרויסצוגיין אויף דער גאַס מיט אַ פּראָטעסט; פּונקט אַזוי ווי עס טוט דאָס אַ הייפל נאָך לעבן געבליבענע יונגע דיכטער, וועלכע זענען שוין שיער משוגע פאַר מאַכטלאָזיקייט. דער דריטער וועג, וועלכן דער באַפעל זיך צו שטעלן צו מיליטער־דינסט עפנט פאַרן אונטערטאַן, איז נישט פאַר מיינעטוועגן. וואָרים דאָס טיפסטע וואָרט פון יעזוס כריסטוס: „יע־דע זינד קאָן מען אייך מוחל זיין, חוץ די זינד קעגן גייסט", שטימט אַזוי פולשטענדיק מיט מיין וועלט־אָנשויונג, אַז איך קאָן נישט גיין אין דער קאַזאַרמע אַריין, אָדער אין מלחמה־פּרעסע־אַמט, אָדער אין אַ וועלכן ס'איז דערנערונגס־אַמט... איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ געשעפט־אָנגעשטעלטער און מיט מיין פילאָזאָפיע. און איך קאָן העכסטנס אויסשרייען „זאָל לעבן" לכבוד כריסטוסן, סאָקראַ־טעסן און קאַנטן. אויסשרייען „זאָל לעבן" לכבוד הינדערבורגן

אָדער לכבוד דעם קייזער קען איך נישט; וואָרים איך בין נישט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט".

דאָס רעדן האָט אים אָנגעשטרענגט און צעהיצט; דער צאַפּלאַנץ פון גייסטיקער לעבהאַפטיקייט איז די גאַנצע צייט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אויף זיין פנים.

און האָט עס אויפסניי באַשטראַלט, בעת ער איז האַסטיק אָטעמענדיק אַרויפגעקומען אויפן פערטן שטאָק צו זיך אַהיים און באַגריסט זיין ווייב.

די אַמאָל פאַר טויט־געהאַלטענע אָנגעשטעלטע האָט זיך נישט קיין סך געענדערט; איר קינדיש־דינער האַלז איז נאָך אַלץ געווען באַפּוצט מיט דעם טיולענעם קראַגנדל. און אין אירע אויגן האָט געפינקלט דער אינערלעך־טיפער בליק, וועלכן עס האָבן געווײנלעך יענע, וואָס שטייען שוין מיט איין פוס אויף דער שוועל פון טויט.

ער האָט פּאַרזיכטיק אַריינגעפירט זיין שוין מעוברתדיקע פרוי אינם צימערל מיטן משופּעדיקן סופיט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ וווין־און אַרבעט־צימער און אויך פאַר אַ קיך,

און פּלוצלינג האָט ער דערזען, אַז אויפן ריין־געוואַשענעם קיך־טיש, וועלכער האָט אים געדינט אויך פאַר אַ שרייב־טיש, ליגט ווידער אַן אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן צו מיליטער־דינסט.

די געוואַלטיקע שרעק און דאָס מאָמענטאַלע אָפּגעבן זיך אַ דין וחשבון פון זיין סיטואַציע האָט אים גלייך אַ ריס געטון אויף יענער אויבערפלאַך, ווו אַלע זאַכן און געדאַנקען ווערן באַשטראַלט פון אַזאַ שאַרף ליכט, אַז עס ווערט אוממעגלעך יעדער מין אויסרייד, יעדע איינרעדעניש און זעלבסט־נאַרעריי.

און ער האָט דאַן ווידער דערפילט אַ מוראדיק אינערלעך געוויין, וואָס האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשפּיגלט אויף זיין טעמפּ און פאַרגליווערט ווערנדיק פנים. ווי די קאַלטע מראה פון גאָט האָט אויסגעזען זיין פנים, בעת ער האָט געטראַכט:

„עס זענען פאַראַן צוויי קעגנזאַצן: דער פאַרדאָרבענער, פאַרקרומטער לויף פון די וועלט־געשעענישן און דער העכסטער דער־

הויבנסטער ציל פאַרן מענטש: דער „ריינער איך“ און אַ מענטש־לעכער כּלל, פאַר וועלכן דערדאָזיקער ריינער איך קאָן אַרבעטן, לעבן און אפילו דאָס לעבן אוועקגעבן. צום דאָזיקן ציל קאָן דער מענטש שטרעבן נאָר אַזוי לאַנג, כּל זמן ער קעמפט אָן אויפ־הער מיט דער פאַרדאַרבנקייט, מיט די שקרים, אונטערדריקונג און מיט אַלעם, וואָס איז קייגן גייסט. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען ער טוט אַ זאַך, וואָס שטייט אין סתירה צום דאָזיקן שטרעבן, איז די ליניע געבראָכן. דער מענטש, וואָס קעמפט און שטאַרבט פאַר אַן אידעע, פאַר זיין אידעע, איז גרויס, ווארים ער קעמפט און קומט אום אויפן וועג צו זיך, ער שטאַרבט אין קאַמף פאַר זיין ריי־נעם איך. דער מענטש, וואָס לאָזט זיך צווינגען צו טון זאַכן, צו קעמפן, צו שטאַרבן פאַר אַן אידעע, וואָס שטייט אין סתירה מיט זיין שטרעבונג צום אייגענעם איך, איז דער אָרעמסטער פון די אָרעמסטע; ווארים ער פאַרלירט דאָס טייערסטע, דאָס איינציקע, וואָס דער מענטש קאָן באמת פאַרמאָגן: ער פאַרלירט זיין איך, ער פאַרלירט זיך, עקזיסטירט נישט מער, ער פאַלט אַרונטער אונ־טער דער ממשלה פון אַנדערע, וואָס האָבן אַליין אויך נישט קיין אייגענעם איך“.

אין די געדאַנקען זיינע האָט ער איבערגעלייענט די ווער־טער: „באַפעל זיך צו שטעלן צו מיליטער דינסט“.

...„אויב איך וועל פאָלגן דידאָזיקע אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן — פאַר ווען זיך שטעלן? איך באַדאַרף מיך שטעלן נאָר פאַר מיר אַליין, נאָר פאַר דער ריינער אידעע, און פאַר אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט בלויז דעמאָלט, אויב זי אָנערקענט דאָס שטרעבן פון מענטשן צו זייער איך און איז זיי בייהילפיק דערין — איז אויב איך וועל פאָלגן דידאָזיקע אויפפאָדערונג, וועל איך מסתמא, איניינעם מיט נאָך אַ גאַנצער ריי אַנדערע מענטשן, קודם כּל אָפּגעפירט ווערן אין אַ קאַזאַרמע, ווו עס הערשט דער כּלל: „די טאָרסט נישט האָבן קיין אייגענע מיינונג“. און נאָך אַ כּלל: „מאַכט און געוואַלט שטייען העכער פון גייסט און רעכט“. אַן אונטער־אָפּי־ציר, אַן עלטסטער — בלויז דער ריינער איך איז מיין עלטס־טער — אַן אונטער־אָפּיציר, אַ מענטש, וואָס האָט זיך פון זיין איי־

נעמען איך אָפּגעזאָגט און דעריבער ממילא אויפגעהערט צו עק־זיסטירן, אַזאַ עפּעס וועט אין נאָמען פון די, וואָס האָבן איבער אים די ממשלה, זאָגן צו אונז: „דאָס טאָרט איר נישט טון; און דאָס מוזט איר יאָ טון". איך וועל הייסט עס געצוווּנגען ווערן עפּעס צו טון, אָדער נישט צו טון. געצוווּנגען! דאָס הייסט: איך וועל שלעכט באַהאַנדלט ווערן, איינגעזעצט ווערן אין תּפיסה, אָדער דערשאָסן ווערן, אויב איך וועל מיך נישט וועלן אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן צוואַנג. מיט אַנדערע ווערטער: איך וועל דערשאָסן ווערן, אויב איך וועל ווייטער גיין אויפן וועג, וואָס פירט צום אמת, צום גייסט, צו גאָט און צום רייַנעם איך.

... איך וועל דערשאָסן ווערן, אויב איך וועל מיך באַמיען צו זיין אַזוי, ווי איך בין!"

דער פילאָזאָף האָט זיך אָנגערופן צום ווייב, וועלכע איז אין הינטערגרונט פונם צימער, האַלב פאַרשלונגען פון דער טונקלקייט, אומבאַוועגלעך געזעסן בײַ דער קאַלטער גאַז־קיך.

„ווייסטו וואָס ס'איז אַזוינס מיליטאַריזם?"

זי האָט געוואָלט ענטפערן: „ווען מען נעמט בײַ אונז אַוועק דאָס איינציקע, דאָס ליבסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן, און מען דער־הרגעט עס" און האָט געזאָגט: „דו מיינסט די שיפן, די האַרמאַטן... די באַוואָפענונגען". זי האָט נישט געקאָנט ווייגען.

„ניין, די דאָזיקע זאַכן פון שטאָל און אייזן, וואָס קאָסטן אָפּ דעם פאָלק אַזוי פיל געלט און שווייס, זענען גאָרנישט געפערלעך אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיליטאַריזם איז. טויט־געפערלעך איז נאָר דער גייסטיקער דרוק, דער נעגאַטיווער גייסט, דער קאָנ־סערוואַטיווער קאָלעקטיוו־און מלוכה־גייסט, וואָס שטייט אויף קעגן דעם גייסט... איך וועל דיר זוכן אַ געשעעניש דערקלערן, וואָס אַזעלכעס מיליטאַריזם איז".

„ער וויל מיר דערקלערן, וואָס עס איז מיליטאַריזם בלויז דערפאַר, כּדי מיר פאַרשטיין צו געבן, אַז עס איז אים נישט גע־בליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיך דאָס לעבן צו נעמען", האָט די פרוי דערפילט און זי האָט שוין איינגעזען, ווי אירע אָרעמע אָפּוועגדונגען ווערן צעפלויגן.

„דאָס, וואָס איך דערצייל דיר דאָ איצט, בראַכט איך מיר נישט אויס. אַלע צייטונגען האָבן וועגן דעם געשריבן:

א דייטשישער זעלנער, וואָס האָט געהאַט אַכטונג צו געבן אויף אַ שטיק פּלאַץ פון דער גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און דער שווייץ, האָט געזעען, ווי אַ מענטש איז אַריבערגעלאָפן די גרע-נעץ. דעמדאָזיקן זעלנערס חוב איז געווען, דו הערסט, זיין חוב איז געווען, גוט צו צילעווען און באַלד אויסצושיסן צום דאָזיקן מענטש, כדי אים, דערמיט, וואָס ער וועט אים פאַרווונדן אָדער דערהרגענען, אוממעגלעך צו מאַכן דאָס אַריבערגיין די גרענעץ. דאָס איז געווען זיין... חוב. אָבער זיין וועזן, זיין אייגענער איך, האָט זיך עפּעס אומדייטלעך געבונטעוועט אַנטקייגן דעמדאָזיקן... חוב. ער האָט נישט געוואָלט שיסן און... האָט אויסגעשאָסן. ער האָט געזעען, ווי דער, וועמען די קויל האָט געטראָפן, איז אַני-דערגעפאַלן, ווערט פאַרשטייפט און גוססט. און ער איז... משוגע געוואָרן. דער ווידערווילן קייגן רציחה האָט, הייסט עס, געמוזט זיין אין אים זייער שטאַרק; אָבער דאָך איז די דיסציפּלין געווען אַ ביסל שטאַרקער... דאָ האָסטו פון איין זייט רעפּרעזענטירט דורכן דאָיקן זעלנער, די גוטע מידות פונם פאָלק, און, פון דער אַנדערער זייט, אויך רעפּרעזענטירט דורכן דאָזיקן זעלנער, דעם מיליטאַריזם".

די פרוי האָט אָנגעהויבן באַוועגן מיט די פאַרטרוקנטע ליפּן.

„דו טראַכסט דיר אפשר", האָט דער פילאָזאָף געזאָגט, „אַז דער זעלנער האָט בלויז געקאָנט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער צי-לעוועט און אינדערעמתן שיסן אין דער לופט. אַז דאָס וואָלט בלויז געווען אַ קליינע ליגנט פון לית-ברירה וועגן. אָבער אפילו דאָס-דאָזיקע דערלאָזט נישט די דיסציפּלין און דאָס פאַלשע געפיל פון התחייבות, וואָס מען האָט דורות-לאַנג מיט דער הילף פון פּלערליי מיטלען אַריינגעפּויקט אין פאָלק... חוץ דעם, צו דעמדאָזיקן טאַט האָט דעם זעלנער געטריבן אויך נאָך דער פאַרלאַנג, נישט פאַר-רעכנט צו ווערן צווישן די חברים פאַר אַ צופיל עמפּינדלעכן און שוואַכן. אָט דאָסדאָזיקע פאַלשע כבוד-געפיל, וואָס האָט זיך ביס-

לעכווייז אויסגעאַרבעט באַם גאַנצן פאָלק, איז דאָס געפּערלעכסטע. אַריינצולאָזן עמעצן אין קאָפּ אַריין, נישט טראַכטנדיק לאַנג דעריבער, אַ גוט געצילטע טויט ברענגענדיקע קויל, איז אַ כבוד; דאַגעגן צו פאַרפעלן דעם ציל, איז אַ פחיתת הכבוד... דערדאָזיקער אָרעמער באַדויערונגס-ווערטער מערדער וויל נישט שיסן, און ער צילט שנעל און פּינקטלעך, ער שיסט, טרעפט גוט און ווערט משוגע. דאָס איז מיליטאַריזם".

„דו מוזסט אַהינגיין. אפשר וועסטו אָנקומען בלויז אין אַ ביוראָ".

בלויז אירע ליפּן האָבן דאָס אַרויסגערעדט.

„ניין!.. הער אויס, דאָס איז אפשר אַ מער קלאָרער ביישפּיל פאַר דעם, וואָס מיליטאַריזם איז: אַ זעלנער באַקומט אַ באַפעל צו דערשיסן אַ זיבעציק-יעריקן פּויער. אין סערביען איז דאָס געשעען. דער זעלנער ווייסט אַפילו נישט, פאַרוואָס דעמדאָזיקן אַלטן פּויער קומט צו שיסן. דער זעלנער האָט בלויז באַקומען אַ באַפעל, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען, אַז ער זאָל דעם אַלטן אַוועקפירן אין דאָרף, וואָס ליגט פונדאַנען אויף אַ מרחק פון צוויי שעה גאַנג און זאָל אים דאָרט דערשיסן... זיין גאַנץ וועזן, דאָס הייסט, זיין אייגן וועזן בונטעוועט זיך קעגן דעמדאָזיקן באַפעל צו דערשיסן אַ פולשטענדיק אומבאַוואָפנטן אַלטן מאַן, וועמענס פאַרברעך ס'איז אים אַפילו נישט באַוווּסט און וועלכער בעט זיך די גאַנצע צוויי שעה לאַנג, וואָס דער וועג דויערט, און דערקלערט זיין אומשולדיקייט אויף אַ שפּראַך, וועלכע דער זעלנער פאַרשטייט נישט און מיט טרערן און העויות, וועלכע דער זעלנער פאַרשטייט שוין זייער גוט. צוויי שעה לאַנג קעמפט מיט זיך דער זעלנער, גייענדיק איבערן פעלד לעבן דעם קרבן; צוויי שעה לאַנג קעמפט ער מיט זיין געוויסן, הינטער וועלכן אָבער עס שטייט עקשנותדיק-פעסט דער חוב און די דיסציפּלין. דערדאָזיקער זעלנער האָט אויסגעפונען פאַר זיך אַזאַ מין אויסגאַנג: ער האָט צוערשט דערשאָסן דעם אַלטן און דערנאָך זיך אַליין... אַצינד טראַכטסטו דיר מסתמא ווידער: אויב זיין געוויסן און דער נעפּל-האַפטער, ווילדער דראַנג צום אמת האָט אים נישט דערלאָזט דעם

אַלטן צו דערשיסן, נישט דערשיסנדיק דערבּײַ אויך זיך אַליין, האָט ער דאָך שוין געקענט בּלויז זיך אַליין דערשיסן און דעם אַלטן אָפּלאָזן. . . נאָר דאָס וואָלט אָבּער געווען קעגן דער דיסציפּלין, דאָס וואָלט געווען אַ חוב־פאַרשוועכונג און אַ דערנידערונג פאַרן אייגענעם כבוד. אָט דאָס איז עס דער מיליטאַריזם. נישט די האַרמאַטן, נאָר דער נעגאַטיווער גייסט פון געוואַלט איז מיליטאַריזם, דער גרענעץ־זעלנער און דערדאָזיקער זעלנער און נאָך אַ סך אַנדערע האָבּן עמפּינדן, אַז ער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם גייסט, דעם געוויסן און זייער אייגענעם איך. זייער גורל איז טראַגיש. וואָרים זיי פילן נעפּלהאַפטיק, אַז דערדאָזיקער גייסט איז אַ זינד קעגן גאָט און מענטש, זיי ליידן צוליבּן דאָזיקן גייסט. און קאָנען זיך נישט בּאַשיצן קעגן אים. מיליאָנען אַנדערע, נישט בּלויז די זעלנער, נאָר דער רוב פון פאָלק גלייבּן, אַז זיי האָבּן אַ רעכט — אויבּ נישט פון גאָט, איז פון זייער אייגענעם איך, וועלכן זיי מיינען צו פאַרמאָגן — צו קעמפן פאַרן דאָזיקן גייסט, מענטשן צו דערהרגענען און אויך אַליין צו שטאַרבּן; וואָרים זיי דערהרגענען מענטשן אין דער איבּערצייגונג, אַז זיי בּאַגייען נישט קיין מאָרד, נאָר קעמפן פאַר אַן אידעאַל, פאַר דעם פאָטערלאַנד, פאַר דער מלוכה, פאַר אַ כלל, וועלכער פאַרדינט מען זאָל אים בּאַשיצן און דערהאַלטן זיין קיום. פון זייער גאָר פריער קינדהייט אָן זענען זיי געשפּייזט געוואָרן און האָבּן איינגעזויגן אין זיך דעמדאָזיקן גייסט, זייער וועזן, זייער איך איז אינגאַנצן דערטרונקען געוואָרן אינם דאָזיקן גייסט. מען קאָן זיי נישט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַר זייערע מעשים. וואָרים זיי האָבּן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט דערהייבּן צו אַן אייגענעם שטייגער דענקען. צו אַן אייגענעם בּליק אויף זאַכן, צו זיך אַליין, צום אייגענעם איך. זיי עקזיסטירן אייגנטלעך אינגאַנצן נישט, זיי זענען נישט קיין מענטשן, נאָר צו דענקען אומפּעיקע, נשמהלאָזע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע אויטאָמאַטן, וואָס פונקציאָנירן בּלויז. . . פאַרשטייסטו שוין אַצינד, אַז עס וועט זייער שווער זיין אומצוברענגען דעם מיליטאַריזם?"

ער האָט נישט בּאַקומען קיין ענטפער. די פרוי איז גאָר פּלוצלינג אין איין רגע אַנטשלאָפן געוואָרן.

די וועלט איז ווי פאַרזונקען געוואָרן אונטער דעם פילאָזאָף.
אַ חשכות האָט ארומגענומען זיין נשמה פאַר איינזאַמקייט.

ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער ווידער באַטראַכט דאָס פנים פון דער שלאָפנדיקער, אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַן אויסדרוק פון מוראדיקן טרויער און פאַרוואורף.

„זי זעט אויס ווי אַ נישט געבוירענע בריאה, וואָס קלאָגט, ווייל זי קאָן נישט געבוירן ווערן", האָט דער פילאָזאָף געטראַכט. און פּלוצלינג איז אים קלאָר געוואָרן: „זי איז איינגעשלאָפן, ווייל זי האָט דערפילט, אַז זי איז אויך איינע פון יענע באַשעפענישן, וואָס טאָרן נישט האָבן קיין אייגענעם שטייגער דענקען, קיין אייגן לעבן, קיין אייגענעם איך".

מיט אַ געפיל פון געוואַלטיקער ליבע, אויסגעמישט מיט פיינ־לעכן רחמנות, לאָזט דער פילאָזאָף אַראָפּ דעם קאָפּ אויפן טיש. פאַר זיין גייסטיק פנים האָט קלאָר אויפגעבליצט דער געדאַנק: „ארבעטן פאַר אַ געזעלשאַפט, וואָס איר גייסט צווינגט די מיטגליי־דער אירע נישט צו דענקען, נישט צו האָבן קיין אייגן לעבן, קיין אייגענעם איך, קיין וואָרנענדיק געוויסן, נאָר צו זיין נשמהלאָזע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע אויטאָמאַטן, וואָס אויב זיי דערפילן נישט קנעכטיש יעדע געמיינהייט, וואָס ווערט זיי באַפוילן, זעצט מען זיי איין אין תפיסה אָדער מען דערשיסט — פאַר אַזאַ געזעלשאַפט צו אַרבעטן איז אַן עבירה קייגן דעם גייסט, אַן עבירה נישט צום מוחל זיין. עס בלייבט דעריבער דער מאָראַלישער חוב לגבי גאָט, לגבי אונזער איך, צו באַקעמפן דידאָזיקע געזעלשאַפט, כדי דער־מיט מעגלעך צו מאַכן, אַז עס זאָל אַמאָל אַנטשטיין אַזאַ געזעל־שאַפט, אין וועלכער דער מענטש וועט קאָנען זיין גוט, אַ געזעל־שאַפט, אין וועלכער דער מענטש וועט קאָנען זיין אַ יש, אַן איך, אַן איך, וואָס איז מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים און ממילא... אַ גוט וועזן, דאָס הייסט: נוצלעך פאַרן גאַנצן כלל".

„אתשר וועסטו אָנקומען בלויז אין אַ ביוראַ".

דער פילאָזאָף האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ; די פרוי האָט

געֶרעדט פון שלאָף. איר פּנים איז געווען נאָס פון טרערן. פון אַ לייכטער באַרירונג איז זי באַלד אויפגעקומען פון שלאָף.

ער האָט גערעדט בנעימותדיק און מיט ווערטער, וואָס דרינגען אַריין אין האַרץ: „לאָמיר אָננעמען, אַז איך וועל בלויז אָנקומען אין אַ ביורא. און וועל האָבן אויסצופירן בלויז גאָר טפלדיקע זאַכן... אפשר וועל איך נישט מער ווי אויסשרייבן די נעמען אויף די באַפעל-צעטלען. און אַלס פועל-יוצא דערפון וועלן די יעניקע — טייל מיינונגסלאָז און מיט חוב-באַוווסטזיין, טייל ווידער קעגן זייער ווילן — זיך צושטעלן צו מיליטער-דינסט און וועלן דערנאָך דערהרגענען מענטשן אָדער אַליין דערהרגעט ווערן פאַר אַ געזעלשאַפט, וואָס איר גייסט האָט אַ גרויסן חלק אין דער דאָזיקער מלחמה".

„איך ווייס שוין גאָרנישט". די פרוי וואָלט געקענט שווערן, אַז זי האָט דידאָזיקע פיר ווערטער נישט געזאָגט.

„עס קען דאָך אָבער אויך פּאַסירן, אַז איך, אַריינגעפלאָכטן אין דעם מעכאַניזם פונם דאָזיקן גיהנומדיקן גייסט ווי אַ מיינונגסלאָזער נאָכשטופּער, וואָלט געמוזט אָנשרייבן דעם באַפעל:

„איר זענט מחויב דעם יעניקן, פּלוני בן פּלוני, סערבישער אונטערטאָן, זיבעציק יאָר אַלט, אָוועקצופירן אין דאָרף אַריין און דאָרטן אים דערשיסן".

„וואָס וואָלט איך דעמאָלט געטון?"

נאָך אַ מינוטן-לאַנגן שטילשווייגן האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט:

„וואָס וואָלט איך דעמאָלט געטון?"

די פרוי האָט אויך דאָסמאָל נישט געוווסט און נישט געגעבן קיין ענטפער. אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט די שטומע פראַגע פונם גאַנצן פאָלק: „וואָס זאָלן מיר טון?"

אין צימער האָט זיך שוין געהאַט פאַרקליבן די פינצטערניש. און אין איר האָט געשטעקט די טריבע קראַפט, וואָס קען אָפּטויטן דעם גוף.

און פּלוצלינג האָט דער פילאָזאָף דערפילט, ווי אין טיפסטן מקור פון זיין נשמה, אינם מיסטישן פינטל, איז אַנטשטאַנען אַ

פלאַם, וואָס איז שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרפה און אין איין רגע פאַרברענט זיין גרייטקייט זיך ווידער אַריינצוליינן אינם מתים-הויז.

אַ געוואַלטיקער ווילן האָט אויפגעוואַכט אין אים: די גרייט-קייט פון אַן אויף טויט פאַרצווייפלטן ריינעם גייסט, זיך מקריב צו זיין פאַר די נויטבאַדערפעבישן פון דער קעגנוואַרט.

און פון דערדאָזיקער שעה אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורמישער וואַנדער-גאַנג.

די מעוברתע פרוי האָט פון דער וווינונג, אין וועלכער זי' וועלן שוין מער נישט צוריקקערן, מיטגענומען בלויז: אַ וואָלן טיכל. דאָס באַפעל-צעטל איז געבליבן ליגן אויפן טיש.

די פריידיקע האָפנונג, וואָס איז אין אים פּלוצלינג אַנטשטאַ-נען, אַז די גרויסע יסורים פון דריי מחמלה-יאָרן האָבן מעגלעך געמאַכט דעם אויפבלי פון מענטשן-רעכט, האָט דעם פילאָזאָף גע-געבן כוח, צו פּרוּוון אויפקלערן די פאַרגעוואַלטיקטע מענטשן, פאַר-וואָס זייער געדולדיקייט און אַרבעט איז אַ רציחה און ברענגט שאָדן זיי אַליין.

זיין קול האָט זיך געלאָזט הערן אין יענע שטאָט-טיילן, אין וועלכע ס'האָט געהערשט דער עפּוש פון אָרעמקייט און הונגער.

די „אומבאַקאַנטע" גרויע באַשעפענישן, וואָס זענען אויס דעם קיינמאָל נישט טרוקן ווערנדיקן קוואַל פון דער פאָלקס-נשמה פלוצלינג אַרויפגעשוומען צו דער אייביקער פרייהייטס-אידעע, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס. דאָס פאָלק, אַוועקגעריסן פון צוואַנג, דערהויבן צו מענטשלעכקייט, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס.

און בעת די פאָלקס-פירער האָבן אין זייער מיט בלוט-פאַר-פלייצטער באַשיידנקייט ווייטער געפירט רעזולטאַטלאָזע וויכוחים וועגן אומבאַדייטנדיקע רעפאָרמען, פלייסיק ווייטער פאַרצייכנט דאָס איינגעמען נייע לענדער און דאָס דערטרינקען נייע שיפן, כסדר באַשטעטיקט נייע גזרות אויפן פאַרפייניקטן פאָלק און נייע דאַנק-שריפטן צו די זיגערישע אַרמיי-אָנפירער, בעת דאָס פאָלק איז אַזוי מ'ליאָנענווייז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט — אָט אין

דערדאַזיקער גאַנץ צייטיק געוואָרענער צייט האָט דער פילאָזאָף מיט זיינע אָנהענגער צוזאַמען מיטן קעלנער און דעם צוואַנציק-יע-ריקן געפּרוווט די פּאַרפייניקטע, פאַרגליווערטע הערצער אויפצועפע-נען פאַר דער אידעע פון פרייהייט און ליבע. מיט דער גרעסטער מסירת נפש האָט דער פילאָזאָף געפּרוווט דעם פאָלק צו דערוויין, אויף וועלכער זייט אינם לאַגד עס געפינט זיך דער שונא, די ברו-טאַליטעט און די טפשות.

איבער דער שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ געץ פון אומענד-לעכע יסורים און פאַרביסענער מרידה.

ערשט בעתן צעפלאַקערטן מאַסן-אויפשטאַנד קייגן דעם רוי-בערישן גייסט פון עטלעכע צענדליק טויזנט מיטאַלטערלעכע ברואים, קייגן דעם רויבער-גייסט, וואָס האָט פונאַנדערגעבלאָזן דעם פלאַם פון מלחמה, איז דער פילאָזאָף געפאַלן אַ קרבן פון געוואַלט; בעת ער האָט אויף דער מענטשן-איבערפולטער גאַס, ווו הין פּאָליציי-לייט האָבן זיך מיט אַ גאַלאָפּ-רייטן אַריינגעריסן אינם המון, פּראָק-לאַמירט דאָס מענטשן-רעכט פאַר דעם אָפיציר,

וועלכער האָט געגעבן אַ באַפעל צו שיסן.

די פרוי איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום דערמאָרדעטן: זי איז פאַמעלעך געגאַנגען אַנטקייגן דער צווייטער סאַלווע פון די ייִנגע זעלנער, וואָס האָבן בלייכע שוין און מיט צערייצטע הער-צער נאָך דערפילט זייער פאַלשן חוב.

די פערציק-און פינפציק-יעריקע רעזערוויסטן האָבן זיך גע-קווענקלט אין פאָלק און דערמיט אין אייגענעם הארץ אריין צו שיסן.

אויפן אַנדערן טאָג זענען דער פילאָזאָף און די געשעפט-אָנ-געשטעלטע ווידער געלעגן איינער לעבן אַנדערן אין מתים-הויז, ווי רעפּרעזענטאַנטן פון פאָלק.

די אידעע, וועלכע מ׳קאָן נישט דערשיסן, האָט זיך אריינ-געריסן אין מיליאָנען הערצער.

דער וועכטער איז שטיין געבליבן פאַרן דאָזיקן פּאָר. און פּלוצלינג האָט ער צוגערוקט די צוויי ליג-בענק גאַנץ נאָענט איינע צו דער אַנדערער. „מען ליבט דאָך די מענטשן. מען ליבט דאָך די מענטשן... די אָרעמע מענטשן“.

דאָס מתים-הויז איז איצט געווען פֿאַרגרעסערט, די וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם אויפֿזעערס צימער און דאָס וואַרט-צימער פֿאַר די קרובים, איז געווען אַוועקגענומען, דער באָדן פֿון ווייסע שטיין-פּליטעס איז פֿאַרלענגערט געוואָרן און די צאָל פֿון די ליג-בענק פֿאַרמערט מיט זעכצען שטיק.

די אַוועקגענומענע וואַנט האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום סימנים. אַלץ איז דאָ געווען ווי פֿיין אויסגעאַרבעט מעבל, וואָס די באַזונדערע טיילן פּאַסן זיך גלאַטיק איינע צו דער אַנדערער.

אַ פֿערטער, נייער האָריזאָנטאַלער-ווענטילאַטאָר האָט זיך געדרייט צוזאַמען מיט די אַלטע דריי איבער צוויי און דרייסיק מתים.

דער שעכטהויז=בנין איז זייער גרויס, צוויי מאָל אַזוי לאַנג, ווי ברייט, אָבער אַזוי נידעריק, אַז דער שטאַב=אַרצט, וועלכער איז אָנגעטון אין אַ לאַנג, פון פריש און פאַרטרוקנט מענטשלעך בלוט שטייף=געוואָרן אָפּעראַציאָנס=מאַנטל, קאָן מיט דער האַנט דעם סופיט דערגרייכן.

„קיין קינאָ וואָלט מען דאָ נישט געקאָנט איינאָרדנען, קיין קינאָ נישט", קומט אים כסדר אויפן געדאַנק. וואָרים אַלע זיינע באַגערן האָבן זיך סוף כל סוף צונויפגעשמאָלצן אין דעם איינעם אומדערגרייכבאַרן פאַרלאַנג, צו קענען אַמאָל ווידער רויק זיצן אין אַ קינאָ.

אויף דעם מיט שטיינער=פליטעס געדעקטן באָדן ליגט שטרוי=זאַק לעבן שטרוי=זאַק. אויף יעדן שטרוי=זאַק אַ מענטש; אויף יעדן שטרוי=זאַק דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן פון אַ מענטש. צוגעדעקט ביז איבערן האַלז.

אָפּגעזעגטע הענט, אָרעמס, פיס, באַדעקט מיט בלוט, וואַטע און אייטער שווימען אַרום אין איין מעטער הויכן, צוויי מעטער ברייטן באַוועגלעכן עמער, וואָס שטייט אין אַ ווינקל בא דער טיר און ווערט יעדן אָוונט אויסגעליידיקט. מוסטערהאַפטע אָרדנונג. קיין מינדסט ברעקל שטרוי אויף די בלויז צוואָנציק צענטימעטער ברייטע דורכגענג און אין מיטלסטן דורכגאַנג. פינף רייען שטרוי=זעק.

דער מיט צינק-בלעך באַשלאָגענער אָפּעראַציאָנס-טיש שטייט אין מיטלסטן דורכגאַנג.

די פענסטער ווערן צוגעמאַכט. און אין דריי מינוט אַרום ווערט דאָס שעכטהויז ווידער אָנגעפּילט מיטן פייכטן, וואַרעמען געשטאַנק פון פוילנדיקע, בראַנדיקע וואונדן, אייטער, פאַרטרוקנט בלוט, טויט-שווייס, קאַרבאָל און ליזאָל, אַזוי, אַז ווען ס'קומט אַריין אַ געזונטער, קרעפטיקער מענטש, וואָס איז צוגעוויינט צו פרישע לופט, הייבט אים אָן אין אַ מינוט אַרום צו שווינדלען פאַר די אויגן און ער פילט, ווי די קניען בויגן זיך אונטער אים.

אין שעכטהויז, נישט ווייט הינטערן פראָנט, באַקומען די פאַרוואונדעטע די ערשטע הילף. שנעל. נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט. דאָ ווערט אַמפּוטירט. אין שעכטהויז אַריין, גלייך פון מלחמה-פעלד אַוועק, שלעפּט מען יענע, וואָס מוזן אומבאַדינג אַמ-פּוטירט ווערן, אָן אונטערשייד: אָפיצירן און זעלנער. אַ פערטל שעה פאַרשפּעטיקונג קאָן ברענגען דעם טויט.

די יעניקע אַמפּוטירטע, וואָס האָבן דאָס באַוואוסטזיין נישט פאַרלוירן, שלאָפן נישט, און טראָגן דעם ליגן זיי אומבאַוועגלעך און שטום מיט גלאַנציקע פיבער-פלעקן אויפן פּנים, יענע זענען פאַרלוירן, זיי הויכן שוין אויס די נשמות.

די אַנדערע געוואַלטעווען, וואַרפן זיך, קרימען און שלענג-לען זיך, יאָמערן ווי ניי-געבוירענע קעצלעך, לאַכן משוגע אין פיבער-היץ, אָדער באַוועגן זיך מיט די צעשעדיקטע גופים זייער פּאַמעלעך, אָבער אומאויפהערלעך.

צום גליקלעכסטן זענען יענע, וואָס האַלטן כסדר: אַמאָל אין אויפוואַכן פון חלשות און באַלד ווידער צוריק פאַרחלשט ווערן. דער שטאַרקער געשטאַנק איז גורם דערצו. דאָס ליכט אין שעכט-הויז איז נישט גאַנץ העל.

אַלע האַלבע שעה, נאָך יעדער אַמפּוטאַציע, אָדער נאָך צוויי, מוז דער אַרצט אַרויסגיין אויף דער לופט, כדי באַ דער נאָענטסטער אַמפּוטאַציע זאָל אים דאָס מעסער אָדער די זעג נישט אַרויספאַלן פון דער האַנט.

יעדן טאָג ווערן אַרויסגעטראָגן פון פיר ביז זעקס טויטע.

פריש שטרוי, פרישע לײלעכער, פרישע פּאַרוואונדעטע. קײן ברעקל שטרוי געפינט זיך נישט אין די דורכגענג. אָרדנונג. דער עמער אין ווינקל ווערט ביסלעכווײז אָנגעפּילט מיט אברים. און פּינקטלעך זעקס אַ זײגער אָוונט ווערט ער אױסגעלײדיקט. די שטרוי־זעק ליגן גלײך אױסגעצױגן אין ליניען־גלײכע שורות.

דער שטאַב־אַרצט זעגט.

אין שעכטהױז קומען נישט אָן קײן צײטונגען. דאָ ווערט געליטן. דאָ אינטערעסירט מען זיך נישט מיט קײן נצחון־בשורות און נישט מיט קײן ליגנערישע ידיעות. דאָ אינטערעסירט מען זיך מיט דעם פוס, וואָס איז אָפּגעזעגט געוואָרן און וועלכן דער סאַניטאַר ווארפט גראָד אין דער מינוט אַרײן אין עמער. מען וויל ווידער צוריקבאַקומען דעם פוס. נאָך אײן מאָל אים אין די הענט נעמען. מען וויל אים באַטראַכטן. זײער גענוי באַטראַכטן.

— מײן פוס! דאָס איז מײן פוס! מײנער! מײן פוס!

צום ערשט שרײט ער נאָכן פוס, דערנאָך בעטלט ער:

— גיב אים אַהער. קום, גיב אים אַהער. גיב מיר אים.

דער בעטלדיקער ליגט נישט אין די רײען לעבן פענסטער; ער ליגט אין אַ טונקעלער רײע, אױפן פערטן געלעגער, פון דער הינטערשטער וואַנט געצײלט. ער מוז דעריבער כסדר שרײען, אַריבערשרײען די ווײטיק־קולות, דאָס קרעכצן און יאָמערן, אַז דער סאַניטאַר זאָל אים דערהערן.

— וואָס פאַר אַ משוגעת! צו אַלדי רוחות! — זידלט זיך דער פאַרמאַטערטער סאַניטאַר. און ער טראָגט־צו צום בעטלנדיקן אַ לאַנגן פוס, אין וועלכן עס געפינט זיך צווישן דער קני און דעם אָפּגעזעגטן פוס־שענקל אַ שרעקלעך, צעפּוילט און שטינקנדיק לאָך. ער לײגט אים אַנידער האָריזאָנטאַל אויף די גיריק אויסגעשטרעקטע הענט.

מיט ברײט פונאַנדערגעעפנטע אויגן, פון אַ מיסטישער שרעק אַרומגענומען, באַטראַכט דער זעלבער דעם לאַנגן, שווערן פוס, וועלכער האָט צו אים געהערט צוואַנציק יאָר; ער רוקט אים אָפּ פון זיך, ער רוקט אים אָפּ וואָס אַמאָל ווײטער און ציט זיך צוריק מיטן גאַנצן גוף. און פּלוצלינג, אַרומגעכאַפּט פון אַ גרענעצ־

לאָזן עקל, וואַרפט ער אַוועק דעם פוס אויפן מיטלסטן דורכגאַנג. ער שרייט:

— דאָס איז נישט מיין פוס!

דאָס איז נישט געווען זיין פוס. דער פאַרמאַטערטער סאַני־טאַר האָט אַרויסגעצויגן אַן אַנדערנס אַ פוס פון עמער.

דער זעלנער פון פערטן געלעגער ליגט שוין אַציגד רויק. אין חלשות.

דער, וואָס ליגט לעבן אים, אויך שוין בלויז מיט איין פוס, קערט זיך אום מיטן פנים צום פאַרהלשטן און זאָגט:

— ווערסט אַנטשלאָפן, טייערינקער, און האָסט צוויי פוס, דערנאָך כאַפסטו זיך אויף, האָסטו בלויז איין פוס.

דערביי שמייכלט ער צו אַ שמייכל, וואָס באַווייזט, אַז אפילו די פאַרצווייפלטסטע האָפנונגלאָזיקייט קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט אַ שמייכל.

— ווערסט אַנטשלאָפן, טייערינקער, און האָסט צוויי פיס, דערנאָך כאַפסטו זיך אויף, האָסטו בלויז איין פוס.

ער האָט זיך פאַרפאַסט דעמדאָזיקן פזמון און חזרט אים כסדר איבער.

דאָס פערטע געלעגער אין דער טונקעלער רייע פון דער הינטערשטער וואַנט געציילט, פאַרשאַפט דעם שטאַב־אַרצט גרויס עגמת נפש. מיטן דאָזיקן פערטן געלעגער גייט אים עפּעס נישט. די פּאַציענטן פונם דאָזיקן געלעגער, אָדער זיי שטאַרבן אים אונ־טער דער זעג, אָדער זיי פאַרהאַלטן זיך באַזונדערס ווילד.

„ווידער דאָס פערטע געלעגער", טראַכט דער שטאַב־אַרצט, קראַנק פון צופיל אַרבעטן; ער וואַרפט אַ בליק אויפן פוס, וואָס ליגט אין מיטלסטן דורכגאַנג און פאַרדאַרבט די מוסטערהאַפטע אָרדנונג. אַ בליק צום נידעריקן סופיט. „קיין קינאָ וואָלט מען דאָ נישט געקאָנט איינאָרדנען. קיין קינאָ נישט? און פאַרזיכטיק, נאָר פעסט זעגט ער הויך אַ ביין פון אַקסל האַרט לעבן דער פלייצע.

דער זעלנער, וואָס ליגט אויפן אָפּעראַציאָנס־טיש, אַ יינגל אין אַ מיליטער־מאַנטל, האָט אויף זיך נישט מער, ווי די מיט בלוט דורכגעווייקטע הויזן. דער אויבערשטער טייל פון גוף איז

מאָגער. אַ שמאָלע ברוסט. שוואַך אַנטוויקלט. דאָס ייִנגל איז אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. די בלויע ליפּן זענען פעסט צוזאַמענגע־דריקט. בלויז אין רעכטן מויל־ווינקל איז געבליבן אַ קליינע, רונ־דיקע עפענונג, ווי בײַ אַ געגנצלעך פאַרמאַטערטן געווענט־לויפער, וואָס לאָזט אַרויס דעם אָטעם בלויז דורך אַ ווינקל פון מויל.

טײלמאָל הײבן אָן גלײכצײטיק אַלע פאַרוואונדעטע ווילדער צו שרײַען און צו קרעכצן, גלײַך ווי עפּעס אַ בײזער גײַסט וואָלט זיך אין דערדאַזיקער סעקונדע צוגעריירט צו אַלע וואונדן. דע־מאָלט ווערן פאַרשידענע מיטלען אָנגעווענדט.

עס ווערן אָנגעווענדט פאַרשידנערליי מיטלען, כּדי די ווייטיק זערטרעגלעכער צו מאַכן. אײנער האָט אויסגעפונען, אַז די ווייטיק ווערט גרינגער, אויב מען שטעקט אַרויס די צונג, אַז מען שטעקט זי אַרויס מיטן גאַנצן כּח און אַזוי ווײַט, וויפיל ס'איז נאָר מעג־לעך. ער זיצט אויסגעגלײכט אויפן שטרוי־זאַק, שטעקט אַרויס אַ לאַנגע, בלויע צונג און אָטעמט שווער.

אַן אַנדערן ווערט לײַכטער, ווען ער שרײַט „או או!" ער האָט שוין אויסגעפּרוווט דעם גאַנצן אלף־בית. „ע" העלפט אים נישט. „אי" העלפט אים נישט. נאָר „או". און מיטן גאַנצן כּח פון זײַנע לונגען געוואַלטעוועט ער: „או או!"

דער שטאַב־אַרצט זעגט.

אַן אַנדערער ווידער מוז, מיט אָנגעשטרענגטע מוסקולן, ווערטיקאַל אויסשטרעקן די האַנט און פאַרהאַלטן דעם אָטעם אַזוי לאַנג, ביז עס פּלאַצט אַרויס פון זײַן מויל אַ ווילד־קלינגענדיק אָי־געשריי. דאָס העלפט אים.

דער שטאַב־אַרצט זעגט.

פּאַמעלעך און אומאויפהערלעך וויגט זיך אײנער מיטן אײ־בערשטן טײל פון קערפּער הין און צוריק. אויב ער זאָל דאָס נישט טון, וועט ער די יסורים נישט קענען איבערטראָגן.

אַ שטיל געיאָמער פון ניי־געבוירענע קעצלעך.

אײנער צישט פון ווייטיק, גלײַך ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מויל אַ צו־הייסן ביסן.

א באוועגונג בא דער טיר: מען טראָגט אריין צוויי זעלנער צו אמפּוטאציע.

— אוממעגלעך! נישטאָ קיין אָרט!

דער שטאַב־אַרצט זעגט בשעת־מעשה ווייטער א דינעם האַנט־געלענק.

די, וואָס טראָגן די פאַרוואונדעטע, בלייבן שטיין. ראַטלאָז.

— טראָגט זיי אַריבער אין „טאַנץ־זאַל".

— לויט באַפעל! אָבער אין טאַנץ־זאַל האָבן מיר נאָר וואָס אַריינגעטראָגן זעקס מענטשן. מען האָט אונז דאָ אַהערגעשיקט. דער טאַנץ־זאַל איז איבערפולט.

„או או.........!"

— דאָ אויך! פול! פול! אומעטום פול! נישטאָ שוין קיין אָרט!

א שטיל געיאָמער פון ניי־געבוירענע קעצלעך. דער אייבער־שטער טייל פון קערפּער וויגט זיך פּאַמעלעך און אומאויפ־הערלעך.

עס ווערט געמאַכט אַן אָרט: די שטרוי־זעק ווערן נאָך ענ־גער צוזאַמענגערוקט, אַזוי, אַז ס'איז שוין אפילו נישטאָ קיין צוואַנציק צענטימעטערדיקער דורכגאַנג. איין לאַנגער, גוט איינגע־אָרדנטער, שרייענדיקער, קרעכצנדיקער, יאָמערנדיקער, אַלגעמיי־נער יסורים־לאַגער.

דאָס ווילד־קלינגענדיקע „אָ!־געשריי" פּלאַצט אַרויס פון מויל, בשעת די מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט די פאַרוואונדעטע, גייען אַרויס.

די צונג איז אַרויסגעשטרעקט לאַנג און בלוי. א וואָרעמער, פייכטער געשטאַנק.

דאָס שעכטהויז איז בלויז א קליינע אָפּטיילונג פונם שטענ־דיק איבערפולטן „טאַנץ־זאַל", וואו ס'איז פאַראַן פּלאַץ אויף פינף מאָל אַזוי פיל שטרוי־זעק ווי דאָ.

„און וויפיל אַזעלכע טאַנץ־זאַלן" געפינען זיך אין אייראָפּע? וויפיל, אין וועלכע מען גיט די ערשטע הילף? און וויפיל, אין וועלכע ס'ליגן יענע, וואָס וואַרטן אין יסורים אויף היילונג. וויפיל

אַזעלכע יסורים־לאַגערן געפונען זיך הארט באַם פראָנט ? און וויפיל זענען פאַראַן אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך פון לאַנד ? וויפיל אין רוסלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען ? וויפיל יסורים־לאַגערן געפונען זיך אין אייראָפּע ?

פאַרוואָס, פאַר וועמען פייניקן זיך דידאָזיקע מיליאָנען ? נאָך וואָס מוזן אָפּגעזעגט ווערן מיליאָנען מענטשלעכע פיס, נאָך וואָס מוזן אָפּגעזעגט ווערן מיליאָנען הענט ? פאַרוואָס ווערט געקעמפט און געמאָרדט ? און פאַרקריפּלט און געליטן ? אין נאָמען פון וואָס איז דערדאָזיקער קריג ? אין נאָמען פון וואָס ?", טראַכט דער שטאַב־אַרצט און שניידט פריער אַרויס פון דעם אויבערשטן טייל פוס פינקטלעך און גענוי אַ פונט מענטשלעך פלייש, איידער ער הייבט אָן צו זעגן.

„... צו נידעריק פאַר אַ קינאָ". עס שווינדלט אים פאַר די אויגן.

די יסורים־געקרייציקטע אין שעכטהויז איז אַלץ איינס, צי זיי געפונען זיך נאָנט הינטערן פראָנט, אָדער אין וועלכער ס'איז שטאָט אין לאַנד, אָדער אין געפאַנגענשאַפט באַם שונא, צי גאָר אין אַן אורראַלטן אינדישן וואַלד. זיי קורטשען זיך און ברומען „או או", „אָ", שטעקן אַרויס די צונג און יאָמערן, ווי נייגעבוירענע קעצלעך. און ווער ס'ווערט די מלחמה געווינען גייט זיי אַזוי פיל אָן, ווי דער נעכטיקער שניי.

„זאָל דער בירגערמייסטער פון אַ וועלכן ס'איז קליינעם דערפל איינער אַליין געווינען די וועלט־מלחמה, אויב דאָס קאָן בלויז אויף איין האָר פאַרקלענערן מיין ווייטיק. און אויב איך זאָל קאָנען צוריקקריגן מיין פוס", טראַכט דער צוואַנציקיעריקער דיכ־טער, באַ וועלכן די יסורים זענען פלוצלינג אָפּגעטרעטן און ער איז געבליבן ליגן אין אַ געפערלעכער שטילקייט. „מיין ווייסן, לאַנגן, הונדערט טויזנט קילאָמעטער לאַנגן פוס מיט דער הערלעכער קני, וואָלט איך געליבט דאָס לעבן אייביק, אַזוי ווי... די זון —

שירה זינגט פון אייביק־אויף
אין די הימל־ספערן, אין וועלט־געזאַנג,

און איר לאַנגן וועג אין אין־סוף
פאַרענדיקט זי מיט דונער־קלאַנג."

— מיין פוס! אייגנטלעך, ווען איך זאָל צוריקבאַקומען מיין פוס, וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען... מלחמה עקזיסטירט גאָרנישט. מלחמה איז בלויז אַן איינרעדעניש. אַ ליגנט. מיין פוס אַליין איז אַן אמת. „אמת", רעדט ער אַרויס הויך און דייטלעך אין שעכטהויז אַריין. און ער פאַרמאַכט די אויגן.

אין פינף מינוט אַרום טראָגט מען אים אַרויס אַ טויטן.

פריש שטרוי. פרישע ליילעכער. קיין מינדסט ברעקל שטרוי אין מיטלסטן דורכגאַנג. אָרדנונג. אַ פוס־זויל שטייגט אַריבער אי־בערן ראַנד פון אברים־עמער.

דער אַנדערער אָן דעם פוס דרייט זיך אויס און רעדט צו דעם פרישן, ליידיקן שטרוי־זאַק:

— ווערסט אַנטשלאָפן, טייערינקער, און האָסט צוויי פיס, דערנאָך כאַפסטו זיך אויף, האָסטו בלויז איין פוס.

די אויגן פונם יינגן, קרעפטיקן שלאָסער אויף דעם דער־לעבנדיקן געלעגער גלאָצן ווילד און גלאַנצלאָז. עס פעלט אים די רעכטע האַנט. אַ פעסטער ברוסט־קאַסטן. געזוינט בלוט. שטאַרקע מוסקולן, שטייף, גלאַטיק, ווי מיט אייל געשמירט. ער ווייסט, אַז ער וועט אַלץ אַריבערטראָגן, וועט אויסהאַלטן די יסורים. און ער פאַרטראַכט זיך וועגן זיין צוקונפט:

„קיין לאַך דורכבויערן אין אַ שטיין וועל איך שוין נישט... אַ קינסטלעכע האַנט? ... ס'איז דרעק. מיט אַ קינסטלעכער האַנט האָט נאָך קיינער נישט דורכגעבויערט קיין לאַך אין האַרטן שטיין... אַ פוס, ווען עס וואָלט כאָטש געווען אַ פוס, פאַרוואָס פעלט נישט ליבער דער רעכטער פוס, אָנשטאָט דער רעכטער האַנט. דעם פוס! דער פוס!

אויפן ערשטן געלעגער פון דער פענסטער־רייע, באַ דער טיר, ליגט אַ יינגער אָפיציר, באַ וועלכן מ'האָט אַראָפּגענומען אַ פוס. זיינע געדאַנקען הויבן זיך אויף איבער די קעפּ פון די זיך קורטשענדיקע, שרייענדיקע מענטשן און דערטראָגן זיך ביז צום

שלאָסערס שטרוי־זאַק און פאַרוויקלען זיך אין יענעמס פאַרצווייפלטע מחשבות, ווי אַלס ענטפער:

„ווען עס זאָל מיר פעלן אַ האַנט, אַ האַנט! וואָלט איך מיר געלאָזט מאַכן אַ ברייט מאַנטל. ברייטע אַרבל. אַ קינסטלעכע האַנט אין טאַש. און אויף דער גאַס וואָלט קיינער גאָרנישט באַמערקט. אויך בנוגע פרויען וואָלט נאָך נישט אַזוי שלעכט געווען, ס'וואָלט נאָך אַזוי שלעכט נישט געווען. אָבער אַז עס פעלט אַ פוס. זיין בײַ אַ פרוי, האַבנדיק בלויז איין פוס..."

„ס'וועט דאָך מיר קיינער נישט איינרעדן, אַז איינער, וואָס האָט אַ קינסטלעכע האַנט, קאָן אַרבעטן מיט דער פייל. אָבער אַז עס פעלט אַ פוס! גיט מען זיך שוין אַן עצה.

„און רייטן? מיט איין פוס?"

„אָדער שמידן און לייטן..."

„לעבן אַ פרוי ליגן, האַבנדיק בלויז איין פוס".

„... אָדער ניטן, אָדער אַ שלאָס־צינגל צופיילן, וואָס מוז געענוי פאַסן... מיט אַ קינסטלעכע האַנט? דרעק... פאַרוואָס פעלט מיר נישט קיין פוס? אַ פוס!"

„טאַנצן אָן אַ פוס?... שוין אויס טענץ... אָן אַ האַנט קאָן מען טאַנצן... צו אַלעם אַ סוף.

„אָן אַ האַנט טויג מיין גאַנצע מלאכה אויף כפרות".

אין פאַרלויף פון די לעצטע טעג האָבן זיך ביידע געגריבלט און איבערגעטראַכט די פאַרשידנסטע מעגלעכקייטן. און פלוצלינג איז דער אמת אַרויסגעשוואומען: זיי האָבן דערפילט, אַז אייגנטלעך גייט זיי בכלל נישט אין דעם, צו קענען טאַנצן, רייטן, פיילן און שמידן, נאָר דאָ האַנדלט זיך בלויז וועגן דעם הערלעכן פוס, בלויז וועגן דער פּרעכטיקער, שטאַרקער האַנט. וועגן מיין, מיין, מיין פוס! וועגן מיין האַנט, מיינע, וועגן מיין האַנט! איך וואָלט שוין באַשטאַנען קיינמאָל נישט צו טאַנצן, קיינמאָל נישט צו רייטן, און זאָלן זיך פרויען נעמען מענער, וואָס האָבן ביידע פיס, נאָר איך זאָל ווידער צוריקקריגן מיין שיינעם, שלאַנקן פוס... איך שפיי אויף דער גאַנצער שלאָסעריי; באַדיי אַ שלעפער צו ווערן,

נאָר צוריקקריגן די האַנט מײַנע, צוריקקריגן, צוריקקריגן, צוריק-קריגן.

„שוין בעסער בלינד צו זיין".

כמעט גלייכצייטיק וואַקסט אויס דערדאָזיקער געדאַנק באַביידע:

„נאָר צוריקקריגן דעם פוס, נאָר צוריקקריגן דידאָזיקע גרויסע, שטאַרקע האַנט. יאָ, בלינד זיין, נאָר קיין אברים זאָלן נישט פעלן".

דערדאָזיקער געדאַנק חזרט זיך באַ זיי איבער טויזנטער מאָל דורכן טאָג, טויזנטער מאָל דורך דער נאַכט: „שוין גלייכער בלינד צו זיין".

און דער בלינד געוואָרענער זעלנער, וואָס ליגט לעבן אבריבעמער, דער זעלנער, באַ וועלכן די שווערע וואונד אין פוס האָט זיך אומגעריכט פאַרהיילט, אַזוי, אַז עס איז נישט נייטיק געווען קיין אַמפּוטאַציע, טראַכט אומאויפהערלעך און וועט דאָס גאַנצע לעבן זיינס טראַכטן: „איך וואָלט שוין ליבער פאַרלוירן ביידע פיס, ביידע הענט, נאָר נישט בלינד זיין. נישט בלינד זיין. שוין קיינמאָל גאָרנישט זעען... איך וועל שוין קיינמאָל נישט זעען מיין ווייב. שוין... קיינמאָל נישט... זעען מיין ווייב... און ווער וועט מיך פירן?... און שוין קיינמאָל נישט אָנקוקן די גאַס... ווי זעט אויס אַ פערד? ברוין. ס'זענען פאַרהאַן ווייסע אויך... און הינט? ווי לויפן זיי? ווי לויפן הינט? און און און..."

טויזנטער זאַכן לויפן דורך אין זיינע מחשבות. צום לעצט באַמיט ער זיך מיט אַ קאָנוווּלסיווער אָנגעשטרענגטקייט זיך פאָרצושטעלן, ווי ס'זעט אויס די געפּעק-נעץ אין אַ באַן-וואַגאָן. עס געלינגט אים אָבער נישט. ער ווערט דערביי אַנטשלאָפן. און באַלד דערזעט ער ווידער אַלדינג. די פינסטערניש, אין וועלכער עס טראָגט זיך דאָס ווילדע אַי-געשריי, דאָס לאַנג אויסגעצויגענע אוי-אוי-געברום, דאָס שטילע געיאָמער פון ביי-געבוירענע קעצלעך, טרעט אָפּ איר אָרט פאַר אַ שטראַלנדיקער ליכטיקייט און פאַרשווינדט פון דער ערד-פלאַך.

דער פויער מיט דער באָרד זיצט אויסגעגלייכט אויף זיין

שטרוי־זאַק און ווינקט צום סאַניטאַר מיט אַ געוואַלטיקער אָנגעשטרענגטקייט. ער ווינקט, מאַכט: „פּסט".

— נו, וואָס איז?

— האָט מען, הייסט עס, נישט געדאַרפט אַראָפּנעמען? איך פיל אָבער אַ שרעקלעכע ווייטיק אין פוס־ביין.

דער סאַניטאַר האָט עפּעס געהערט, אַז עס זענען פאַראַן רעפלעקס־געפילן. ער זאָגט באַרויקנדיק:

— דאָס זענען בלויז רעפלעקס־ווייטיקן.

דעם פויערס פוס צוזאַמען מיטן ביין, וואָס טוט אים אַזוי יויי, ליגט שוין צוויי שעה אין אברים־עמער.

— אַזוי, איז דאָס בלויז רעפלעקס־ווייטיקן? אָבער דער פוס־ביין ציט און ברענט און רייסט... הייסט עס, איז עס בלויז רעפלעקס־ווייטיקן? — פרעגט ער איבער נאָכאַמאָל און פילט זיך אין זיבעטן הימל פאַר גליק; וואָרים אַצינד ווייסט ער שוין גאַנץ באַשטימט, אַז ער האָט נאָך דעם פוס. און אַ באַגליקטער פאַלט ער אַריין אין חלשות.

פון וועלכער ער וועט אָבער ווידער אויפוואַכן.

דער שטאַב־אַרצט ציטערט ווי אין פיבער, ער קאָן שוין נישט אויסהאַלטן; דער קערפּער פונם פאַרוואונדעטן, וואָס ליגט אומבאַוועגלעך אויפן אָפּעראַציאָנס־טיש, פאַרטאָפּלט זיך אין זיינע אויגן.

„אויב איך זאָל אים ערשט אין אָוונט אַראָפּנעמען די האַנט, קאָן דער מענטש אפשר שטאַרבן. און אויב איך וועל זי אַראָפּנעמען מאָרגן איינדערפרי, וועט דער מענטש זיכער שטאַרבן".

ז'ער שטאַב־אַרצט הייבט אָן זיין קליינער, טויט־בלייכער געהילף וואַקלט זיך שוין, גלייך ער וואָלט זיין אַ ביסל שכור.

דער שטאַב־אַרצט שניידט און טראַכט דערביי: „מלחמה".

ער טראַכט: דאָסדאָזיקע וואָרט „מלחמה" אַנטפּלעקט נישט פאַר די אָפּגעטעמפּטע מענטשן אפילו דעם ביליאָנסטל טייל פון ־ער תהומעדיקער צאָל שוידערלעכקייטן, וואָס ווערן מיטן דאָזיקן וואָרט באַצייכנט... דאָס וואָרט אַליין איז שוואַך, ווי דער אָטעם פון אַ זויג־קינד. און אין פאַרגלייך מיט דעם תוכן, וואָס אַנטהאַלט

אין זיך, איז עס דער טייפֿון, וואָס שלינגט איין שטעט, שיפֿן און אינזלען. „מלחמה" — אַ וואָרט פֿון פֿינף אותיות צוזאַמענגעשטעלט, טראַכט דער שטאַב־אַרצט אין פֿיבער־היץ און האַלט כּסדר אין אָפּערירן.

דער שטאַב־אַרצט האָט אין אַ קלינישער וואָכנשריפֿט געלייענט אַן אַרטיקל וועגן שטאַט־באַפֿעלקערונגס־פּאָליטיק: אַ סטאַטיסטישן באַריכט, אין וועלכן די צאָל דערהרגעטע איז אָנגעגעבן אַלס אַ „מינימאַלצאָל" פֿון צען מיליאָן.

„אַלס מינימאַלצאָל... מינימאַלצאָל צען מיליאָן טויטע. דאָס איז די מינימאַלצאָל, פֿאָרזיכטיק גערעכנט, די מינימאַלצאָל... נאָר זייער, זייער פֿאָרזיכטיק גערעכנט", פֿליסטערט דער שטאַב־אַרצט קלאַנגלאָז צו זיך אַליין, פֿאָרזיכטיק און פּאַמעלעך אָפּרייניקנדיק מיטן מעסער דעם ביין פֿון פֿוס־שענקל, „די מינימאַלצאָל פֿון פֿינף מיליאָן אַמפּוטירטע".

„אוי אוי........! אוי אוי.......!"

דער שטאַב־אַרצט גלייכט זיך אויס, ער באַטראַכט דעם נאַקעטן מענטש, מיט איין בליק נעמט ער אַרום דעם איינגעשרומפּענעם געשלעכטס־אבר, די אַרומגעבונדענע אַרטעריען, דעם צום זעגן אָפּגערייניקטן ביין.

ער זעט אויס ווי אַ שטאַנג פֿון לעבן... ער ליגט אַזוי שטיל, אַזוי גלייך אויסגעצויגן. זיינע ליפּן זענען אַזוי בלוי. הימל־בלוי... און דאָרט אין פֿעלד דונערן די האַרמאַטן. פֿון דריי יאָר דונערן די האַרמאַטן. פֿאַרוואָס? ווען וועט מען אָנהייבן זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן דעם?... זיי שליידערן מיר דאָ אַהער אין שעכטהויז אַריין שטיל־ליגנדיקע, לאַנג־אויסגעצויגענע מענטשן".

ער באַטראַכט די זעג־ציין, וואָס זיצן געדיכט לעבן אַן אַנדער און זענען שוין טעמפּ. „זעגעכץ פֿון האַנט־ביינער מישט זיך אויס מיט זעגעכץ פֿון פֿיס־ביינער". ער באַטראַכט דעם איינגעשרומפּענעם געשלעכטס־אבֿר. „דאָס לעבן ווערט איינגעשרומפּן... די מינימאַלצאָל פֿינף מיליאָן אַמפּוטירטע. די מינימאַלצאָל... יעדן טאָג, זיבן דריי יאָר, פֿון באַגינען ביז אין דער נאַכט אַריין, יעדן טאָג: זעגן, פֿיילן, זעגן, פֿיילן... און ווען מ'זאָל דאָס

וואָרט „פּיילן" שרייבן מיט אַ „ה", וואָלט עס געמאַכט: „היילן"... איך זעג אָפּ אָרעמס, הענט, פיס. איך האָב אָפּגעזעגט פינף מיליאָן פיס, אָרעמס, הענט. איך אַליין, דער שטאַב־אַרצט פון אייראָפּע.

ער שטעלט צו צום ביין דעם נאָגל פונם גראָבן פינגער, אַזוי ווי אַ סטאָלער צו אַ ברעט, דערנאָך לייגט ער צו די זעג, זעגט און רעכנט: „אַ מענטשלעכער פוס איז זיבעציק צענטימעטער לאַנג. אַ האַנט זעכציק בלויז".

„די לענג פון די אָפּגעשניטענע הענט, אָרעמס, פיס צוזאַמענגערעכנט, וועט אויסמאַכן — פּאָרזיכטיק... זייער... פּאָרזיכטיק... גערעכנט — אַ מינימאַל דורכשניטלעכע לענג פון פופציק צענטימעטער פאַר יעדן אַמפּוטירטן אבר. פינף מיליאָן אַמפּוטירטע אברים באַ אַ דורכשניטלעכער לענג פון פופציק צענטימעטער אויף יעדן אבר מאַכן אויס צוויי מיליאָן מיט פינף מאָל הונדערט טויזנט מעטער... דאָס הייסט צוויי טויזנט פינף הונדערט קילאָמעטער מענטשלעכע אברים".

„אוי אוי...........!"

„גאָט זאָל אייך בענטשן און באַשיצן, אַמפּוטירטע, ער זאָל לאָזן לייכטן זיין פּנים איבער אייך. ער זאָל אייך היילן, היילן, פּיילן, זעגן... צוויי טויזנט פינף הונדערט קילאָמעטער מענטשלעכע אברים אָפּזעגן... אַ וועג פון מענטשלעכע אברים, אָנהויבנדיק פון בערלין אָן: די צוויי ערשטע הענט אַנידערגעלייגטע אויף אַ שטח פון צוויי באַן־שינעס. דערנאָך צוויי פיס, דערנאָך צוויי הענט, דערנאָך צוויי פיס, דערנאָך צוויי הענט, דערנאָך צוויי פיס, הענט, פיס, הענט, ענג צוגערוקט איינע צו דער אַנדערער, אַזוי ווי באַן־שינעס, ביז קיין עסען. און אַרום עסען. און דאַן ווייטער, פאַרביי דערפער, שטעדט, פאַרביי אַ סך דערפער, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, לענג־אויס טייכן, דורך וועלדער, פעלדער — און ווידער צוריק קיין בערלין און אַרום בערלין, ביז די פלאַכן פון די לעצטע צוויי הענט וועלן דערגרייכן די פלאַכן פון די ערשטע צוויי... אַ וועג פון בלוטיקע, בראַנדיקע, פאַרעיפּושטע, אַמפּוטירטע יינגע מענטשלעכע אברים, באַפּעסטיקט מיט שוועלן

פון אָפּגעזעגטע מענטשלעכע הענט. אַ וועג פון מענטשלעכע אברים, וואָס ציט זיך אַרום דעם מיליטאַריזם: אַ קראַנץ פון מענטשלעכע אברים, וואָס איז געפּעלשט געוואָרן אויף אַ לאָרבער־קראַנץ.

„או או. . . . . . . !“

„ווער פאָרט אויפן דאָזיקן וועג? ווער וועט אָנטון אויף זיין קאָפּ דעמדאָזיקן לאָרבער־קראַנץ פון מענטשלעך געביין?“, טראַכט דער שטאַב־אַרצט אין פיבער־היץ, האַלטנדיק כּסדר אין זעגן. „ווער, ווער וועט אים אָנטון? און אפשר באַם פינסטערן סוף וועט אים קיינער בישט וועלן אָנטון?“

דער שפּאַלט עפנט זיך; דער ביין איז דורכגעזעגט. ער רוקט אָפּ דעם פוס ביז צום עק פון אָפּעראַציאָנס־טיש, אַזוי, אַז דער זעלבער בלייבט פלוצלינג מיט איין פוס אַ קורצן און איינעם אַ זייער לאַנגן. וואָרים דער שטאַב־אַרצט זעט נישט דעם צווישן־שטח; ער זעט בלויז פיס, מיליאָנען פיס, אַלע אָפּגעזעגטע דורך אים אַליין. פאַר זיינע אויגן שווינדלען פאַרבן: רויט, וואָס גייט איבער אין פיאָלעט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרינשפּאַן־פאַרביקן קרייז מיט געלע ראַנדן, און אין רעכטן מיטן פונם קרייז שטייט בולט און שאַרף דער געדאַנק: „די הערן, וואָס האָבן מיט איין וואָרט, מיט איין פאַרלאַנג, מיט איין חלום, מיט איין מחשבה, מיט איין באַפעל גורם געווען, אַז דידאָזיקע מלחמה זאָל קומען, מוזן גענו־מען ווערן אויף דער קייט“.

פלוצלינג ווערט עס אים קלאָר און ער פליסטערט מיט אַ קלאַנגלאָז־דונערנדיקער זיכערקייט: „זיי וועלן גענומען ווערן אויף דער קייט.“ דערביי בייגט ער זיך טיף און איבערגעגעבן צו זיין בלוטיקער אַרבעט.

אַ באַוועגונג באַ דער טיר: אַכט קראַנקען־טרעגער קומען אַריין איינער הינטערן אַנדערן מיט פיר קראַנקען־בעטלעך, אויף וועלכע עס ליגן צוויי מענטשן גאָר שטיל, איין שרייענדיקער און איינער, וואָס דער צעשמעטערטער פוס האַלט זיך אָן גוף בלויז דורך דער הויט. דער פוס־אָפּזאַץ איז איבערגעקערט אַרויף.

דער שטאַב־אַרצט זאָגט זייער הויך:

— דאָ איז שוין נישטאָ קיין אָרט.

דער פויער מיט דער באָרד קומט צו זיך פון דעם חלשון, ער פילט שדעקלעכע ווייטיקן אין פוס, וועלכן ער האָט שוין נישט. ער רוקט פאָרזיכטיק אַרונטער די האַנט אונטער דער דעקע צום אָנגעווייטיקטן פוס, רירט זיך צו פאָרזיכטיק צום אָנגעווייטיקטן אָרט און קאָן בשום אופן נישט אָנטרעפן אויפן פוס.

— דאָס מאָל מוזט איר די מענטשן אַריבערטראָגן אין טאַנץ־זאַל אַריין.

דער בלאָנדער זעלנער זיצט אויסגעגלייכט אויפן געלעגער, שטעקט אַרויס די לאַנגע בלויע צונג און קייכט. דער שכן זיינער וויגט זיך מיטן אייבערשטן טייל פון קערפער, פּאַמעלעך און אומ־אויפהערלעך, דאָס אַ־געשריי פּלאַצט אַרויס.

— לויט באַפעל! אָבער דער טאַנץ־זאַל איז איבערפולט

„אוי . . . . !"

אַ שטיל געיאָמער פון ביי־געבוירענע קעצלעך.

„אוי . . . . !"

לעבן טאַנץ־זאַל געפינט זיך אַ גרויס קלאָזעט; לייגט די מענטשן אין קלאָזעט.

דער פויער מיט דער באָרד, איבערפולט מיט גליק, יסורים און האָפנונג, וואונדערט זיך אויף זיין אומגעשיקטקייט, וואָס ער קאָן נישט געפינען דעם פוס, וועלכער טוט אים אַזוי מוראדיק וויי. ער שטרעקט אויס די האַנט אַנטשלאָסענער צום מיטלפּונקט פונם ווייטיקדיקן אָרט און טרעפט כסדר אָן אויף פּוסטקייט. ער טאַפּט אַרום דאָסדאָזיקע שרעקלעך צעווייטיקטע אָרט איבער דער גאַנצער לענג און ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס באַקומט ער דעם איינ־דרוק, גלייך ווי ער וואָלט אָנגעטראָפן אויף הוילער לופט, הגם ס'דאַכט זיך אים, אַז אָט נעמט ער אָן די ווייטיק מיט דער האַנט.

— דער קלאָזעט איז אויך פאַרנומען, הער שטאַב־אַרצט.

„אוי אוי . . . . !"

דער שטאַב־אַרצט, טיף און איבערגעגעבן געבויגן בא דער אַרבעט, ווערט אינערלעך באַשטראַלט פון דער זיכערקייט: „זיי וועלן אַלע גענומען ווערן אויף דער קייט". ער זאָגט ווייך:

— מיינע קאַלעגן טאָרן נישט באַנוצן דעם קלאָזעט; זיי מוזן גיין היגטערן הויז.

דער פויער מיט דער באָרד ווינקט: „פסט!“

— דאָס זענען בלויז רעפלעקס-ווייטיקן, באַרויקט אים דער סאַניטאַר.

אַ שמייכל באַווייזט זיך אין שעכטהויז, ער באַווייזט זיך אויפן פנים פון סאַניטאַר, וואָס טראָגט דאָס ערשטע קראַנקן-בעטל:

— נישט אויף אַזאַ אויפן פאַרנומען, הער שטאַב-אַרצט. מיט קראַנקע פאַרנומען. צען קראַנקע ליגן אין קלאָזעט... אומעטום. אומעטום איבערפולט.

ווער קען וויסן, פונוואַנען עס נעמט זיך געלעכטער? דער שטאַב-אַרצט דערמאַנט זיך, ווי בשעת זיין קאָנפירמאַציע, אין דער מינוט, ווען דער גייסטלעכער האָט אים צוגעלייגט צו די ליפּן דעם בעכער מיטן הייליקן בלוט, האָט ער זיך צעלאַכט, ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַריינגעלאַכט אינם בעכער מיטן הייליקן בלוט.

דער שטאַב-אַרצט לאַכט. דאָס געלעכטער ברויזט אין אים, ווי אַן אונטערערדישער דונער, ס׳שפּרודלט אים אַרויף צום האַלז. און מיטאַמאָל פּלאַצט עס אַרויס. ער לאַכט און זעגט. ער פּיש-טשעט, ברילט, היילט, ער לאַכט אויף אַלע טאָנאַטיעס. און זעגט.

רעדן קאָן ער נישט. בלויז מיט דער האַנט, אין וועלכער ער האַלט דאָס מעסער, גיט ער אַ צייכן:

„ביטע, שטעלט אַנידער. שטעלט שוין אַנידער“.

דער פויער מיט דער באָרד באַקומט פּלוצלינג אַ כריסטוס-פנים; דער בליק אָנגעשטעלט גלייך אויף דער וואַנט, גיט ער אַ הויב-אויף די דעקע און לאָזט אַראָפּ די אויגן. און ער דערזעט, אַז דאָרט, וואו ער פילט אַזעלכע שרעקלעכע יסורים, געפינט זיך גאָרנישט קיין פוס. מיט אַ בליץ-שנעלקייט פליט ער צוריק אַראָפּ פונם זיבעטן הימל, בלייבט זיצן אויפן געלעגער מיט אויסגעגלאָצ-טע אויגן. ער גלאָצט אויף דער גרויסער, ווייס צערומגעבונדענער

קנויל, וואָס שטייגט אַרויס פֿון זיין גוף. אין זיינע געהירן הערשט אַ פּוסטקייט. אין זיין מח געפינט זיך נישט דער מינדסטער אָפּשיין פון אַ וועלכן ס׳איז געדאַנק. אין זיינע געהירן איז ליידיק. ער פֿאַלט אין חלשות.

די פיר קראַנקן-בעטלעך ווערן אַנידערגעשטעלט אין מיטלסטן דורכגאַנג. זיי פֿאַרשטעלן דעם וועג.

— אַך! אַך! — שרייט אויס דער שטאַב-אַרצט און שפּרינגט צו, דאָס בליצנדיקע מעסער אין דער האַנט, צום ערשטן קראַנקן-בעטל. מיט אַ האַסטיקן שניט טיילט ער אָפּ דעם קוים הענגענדיקן פוס פונם גוף.

אַך! אַך! דער מענטש... גייט אָפּ אין בלוט — וויל ער זאָגן, און זאָגט: ... איז דאָך שוין טויט.

פון די אַרטעריעס טריפט נאָך דאָס שטאַרק-רויטע בלוט.

— דער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט... איר קאָנט אים גלייך צוריקנעמען — זאָגט דער שטאַב-אַרצט, איבערגעבנדיק דעם פוס דעם סאַניטאַר. און פּלוצלינג פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ קאַרוזעל-אַקס פון דער וועלט, וועלכע הייבט אָן וואַקלענדיק זיך צו דרייען אַרום אים. פאַר זיינע אויגן שווינדלען פאַרשידענע פאַרבן. הויפּט-זעכלעך גרין. עס שווינדלט פאַרביי דער גייסטלעכער מיטן בעכער אין דער האַנט, דער פויער מיט דער באָרד, דער עמער מיט די אברים, דאָס פערטע געלעגער, די האַרמאַטן דונערן. די אַרויסגע-שטעקטע בלויע צונג שוועבט פאַרביי און ווערט פון זיך אַליין אַלץ לענגער, זי ווערט מוראדיק לאַנג, וואַקסט אַרויס פון זיך אַליין און פליט פאַרויס מיט אַן אומבאַגרייפלעכער שנעלקייט ביז עק וועלט, רינגלט זי אַרום און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ וועלט-אַרום-נעמענדיקן מענטשן-גלידער-קראַנץ, אין דערמיטן פון וועלכן עס שטייט גאַנץ אַליין דער שטאַב-אַרצט, ער וואַקלט זיך און זאַנפט און ווייך גליטשט ער זיך אַריין אין חלשות. אַלץ גליטשט זיך נאָך.

„אוי אוי........!"

דער צוג, אין וועלכן ס׳איז איינגעאָרדנט אַ לאַזאַרעט, קריכט פּאַמעלעך איבער דער געגנט. ער פירט די אומגעהייערע אַרמיי פון לעבעדיקע מתים. זי באַשטייט פון משוגעים, וואָס זענען פון שרעק אָדער פון שאָס־וואונדן איינגעשלאָסן געוואָרן אין דערדאָזיקער צאָלרייכער אַרמיי; פון בלינדע, וועמעס פעסטע אַרבעטס־הענט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוואַכע, דורכזיכטיקע קראַנקהענט, פון אַמפּוטירטע, פון שווער־פאַרוואונדעטע. לאַנגזאַם קריכט דער צוג און בויערט זיך פּאַמעלעך וואָס אַמאָל טיפער אין דעם היימאַטלעכן לאַנדשאַפט אַריין. אָנפאַנג האַרבסט.

— צוויי און צוואָנציק, — רופט אויס דאָס קינד, וואָס שטייט בײַ דער פאַרצוימונג פון באַן־וועג און קוקט נאָך דעם צוג.

עס געפינען זיך אָבער בלויז צוואָנציק וואַגאָנען; דאָס קינד האָט צוגערעכנט דעם לאָקאָמאָטיוו און דעם קוילן־וואַגאָן. אין יעדן וואַגאָן צו צוואָנציק קראַנקע, אויסגעצויגן און אומבאַוועגלעך אויף די איינס איבער ס׳אַנדערע צוגעפּעסטיקטע געלעגערס.

די בלינדע שטייען אין דורכגאַנג בײַ די פענסטער און קוקן אַרויס אויף דעם וואונדערלעכן, שימערירנדיקן האַרבסט־לאַנדשאַפט. זיי פילן די זון און זעען די פינסטערניש.

די משוגעים געפינען זיך צוזאַמען אין איין וואַגאָן. איין באַנק, וואָס ציט זיך אַרום די פיר ווענט. אַ גענוגנדיקע צאָל זיץ־פּלעצער. אָבער אַלע משוגעים זענען אויסגעזעצט אויפן באָדן, אין אַ דרייפאַכיקן קרייז, און לאַכן, שמייכלען, פּלוידערן, שווייגן שטיל, שאָקלען קלוגעריש מיטן קאָפּ. בלויז איינער שטייט. ער קוקט אויף דער וואַנט. ער קוקט אַזוי אויף דער וואַנט שוין זעכציק שעה.

אין וואַגאָן, וואָס איז אָנגעשלאָסן אָן דעם קוילן־וואַגאָן, געפינט זיך די אַפּטייק און דאָס אָפּעראַציאָנס־צימער מיט דעם צינקבלעך באַשלאָגענעם טיש אין דערמיטן. אינם פאָרלעצטן וואַגאָן שלאָפן די סאַניטאַר־זעלנער. אין לעצטן וואַגאָן ליגן יענע, וואָס זענען אויסגעגאַנגען בשעת דער נסיעה. דערדאָזיקער וואַגאָן ווערט ביסלעכווייז אָנגעפילט.

קיינער, אפילו דער שטאַב־אַרצט, ווייסט נישט די סיבה, פאַרוואָס די משוגעים, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג נאָך געזעסן אויפן באָדן אין דרייפאַכיקן קרייז לאַכנדיק און פּלוידערנדיק, זיצן אַצינד שטיל אויף דער באַנק אַרום די פיר ווענט. איינער האַרט לעבן אַנדערן. אויסגעגלייכט. שטילשווייגנדיק. מיט פאַרגליווערטע אויגן. די הענט פאַרלייגט אויף די קניען. ערנסטע פּנים.

איינער פון די משוגעים, אַ דרייסיק־יעריקער מענטש, אין ערגעץ נישט פאַרוואונדעט, הויבט זיך אויף. אויף זיין ערנסט פּנים קאָן מען נאָך באַמערקן סמנים פון אַמאָליקער גייסט רייכקייט. ער שטרעקט אויס צום שטאַב־אַרצט אַן אויפגעעפנט לעדיק שאַכטל פון שוועבעלעך און זאָגט:

— איר זעט, דאָ געפינען זיך מיין מוטערס אויגן. מיין מוטער האָט זיך צוליב מיר די אויגן אויסגעוויינט און האָט זיי מיר געשיקט אינעם דאָזיקן שאַכטל... ברוינע אויגן. זי האָט זיי זיך אויסגעוויינט.

— יאָ, דאָס איז אמת, — ענטפערט דער שטאַב־אַרצט, וועלכער האָט דריי יאָר דורכאַנאַנד אַמפּוטירט נאָענט הינטערן פראָנט אין אַ סך „שעכטהייזער" און „טאַנץ־זאַלן", און פּלוצלינג באַשטראַלט ווערנדיק פון אַ געוויסן פּלאַן, פון אַ געוויסן באַשלוס, פון אַ בולטן און קלאָרן געדאַנק, האָט ער גלייך נאָכן דערוואַכן פון חלשות פאַרלאַנגט אורלויב און האָט אים באַקומען.

דער שטאַב־אַרצט האָט נישט ליב קיין קרומע, פאַרבאָרגענע וועגן. נאָך זיין מיינונג איז דאָס הערשנדיקע אייראָפּעישע קרומע־וועגן־סיסטעם, די האַלבקייט, דער ליגן־פּלאָנטער מיטשולדיק אין דעם מלחמה־אויסברוך.

„אויב דער אָבערסט וועט מיך פרעגן, פאַרוואָס איך וויל אורלויב, וועל איך אים נישט ענטפערן: „וויל איך בין פאַרמאַטערט פון צופיל אַרבעטן", נאָר איך וועל אים זאָגן: „דריי יאָר לאַנג האָב איך אָפּגעזעגט באַ זעלנער הענט און פיס; אַצינד וועל איך אַרבעטן דערויף, אַז מ׳זאָל שוין באַ זעלנער נישט דאַרפן אָפּזעגן קיין פיס. צוליב דעם מוז איך צוריקקערן אַהיים".

פון צוויי פאַרשידענע ערטער הייבן זיך אויף גלייכצייטיק צוויי משוגעים; זיי זעצן זיך אַראָפּ אויפן באָדן. און פּלוצלינג גע־פינט זיך דער שטאַב־אַרצט ווידער אינמיטן פון אַ דרייפּאַכיקן קרייז פון משוגעים, וואָס זענען אויסגעזעצט אויפן באָדן און שמייכלען, לאַכן, שווייגן שטיל, פּלוידערן. איינער שרייט לוסטיק אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם „בע!” אַרויף צום וואַגאָן־סופיט. ער פאַרמאַכט דערביי די אויגן; זיין נאָז רינצלט זיך און דאָס אויסגעשפּיצטע מויל ווערט קליין און קיילעכיק: „בע!”

דער שטאַב־אַרצט ווערט אַרויסגעריסן פונם משוגעים־וואַגאָן דורכן אַליאַרם־גלאָק און ער שפּרינגט איבערן דורכגאַנג, ער לויפט שנעלער, ווי דער צוג פאַרט אין אַן אַנדערן וואַגאָן אַריין. און ער טרעט אַריין אין אַ טייך פון בלוט אויפן באָדן.

דער זעלנער, וואָס ליגט אומבאַוועגלעך, פון די יסורים פעסט צוגעשמידט צום געלעגער, איז בלויז אומשטאַנד מיט די אויגן אָנצווייזן דעם שטאַב־אַרצט אויף זיין חבר, צוליב וועלכן ער האָט אַליאַרמירט.

דער חבר האָט אַראָפּגעריסן דעם באַנדאַזש פון זיינע צע־שמעטערטע ריפּן־ביינער, דערביי איז ער אַראָפּגעפאַלן פון געלע־גער. איבער זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ צופרידענער אויס־דרוק, און ער איז שוין טויט. מען טראָגט אים אַרויס, פאַרביי די בלינדע, וואָס קוקן אויף אים מיט אַ פרעגנדיקן און טויטן בליק, אין דעם מתים־וואַגאָן אַריין. אַ שאַרף־שפּיציק שטיק פון אַ האַר־מאָטן־קויל האָט אים צעריסן דעם בויך אין דער רעכטער זייט, צעשמעטערט די ריפּן־ביינער און אַרויסגעריסן די געשלעכטס־קערנס. צען טעג און צען לאַנגע נאַכט האָט ער געדאַרפט האָבן צום באַ־שלוס, אַראָפּצורייסן פון זיך דעם באַנדאַזש.

אַלע ליגן אומבאַוועגלעך ווי טויטע, דורך יסורים פעסט צוגעשמידט צו די געלעגערס. יעדער פילט פאַרויס דעם שטויס, וואָס קומט נאָך יעדעס מאָל באַם וועקסלען די שינעס. יעדע סע־קונדע אַ שטויס, וואָס דרינגט אַריין אין מיטלפּונקט פון דער ווייטיק.

דאָס לאַנגע, שמאָלע, זיך שלענגלענדיקע שפּיטאָל, אַנגע־

פילט מיט אַ שווער געשטאַנק פון קאַרבאַל און וואַגאָנען, פון דרויסן באַהויכט מיטן אָטעם פון דער פרישער לופט, גליטשט זיך איבער דעם מיט פאַרבן-שימערירנדיקן האַרבסט-לאַנדשאַפט. עס ציט זיך פאַרביי די גרענעץ-דערפער, וואו די איינוואוינער שטייען לעבן דער פאַרצוימונג פון באַן-וועג, פלאַטערן מיט די היטן און טאַשטיכלעך און שרייען „הוראַ!" דורך דערדאָזיקער געגנט פאָרן פאַרביי אַ סך מיליטער-צוגן, וואָס פירן זעלנער-מחנות צום פראָנט, אָדער צוריק פון פראָנט אויף אורלויב.

דער סאַניטאַר שטייט באַם פענסטער און שאָקלט מיטן קאָפּ גיט צייכנס מיט דער האַנט; די שוין פונאַנדערגעעפנטע מיילער צום הוראַ-שרייען, בלייבן שטיל און אומבאַוועגלעך אָפן. דער צוג קריכט פאַמעלעך פאַרביי פאַר די שטיל געבליבענע, וואָס זעען בלויז די הינטערשטע זייט קעפּ פון די ליגנדיקע זעלנער. די לאַקאָמאָטיוו-שטאַנג הויבט זיך אויף, רוקט זיך פאָרזיכטיק, גאַנץ פאָרזיכטיק פאָראויס, אַזויווי אַ האַנט פון אַ קעשענע-גנב, לאָזט זיך אַראָפּ, ציט זיך צוריק, גנבעט זיך פאַמעלעך ווידער פאָרויס.

דער שטאַב-אַרצט האָט זיך אויסגעלערנט צו דערקענען די שטימונג-געפילן פון די דאָרף-איינוואוינער לויט דעם אויסזעען און דער אומגעבונג פונם דאָרף, לויט דער פּראָפיל-ליניע פון די אַרומיקע וועלדער און בערגלעך; לויט דעם אופן, ווי אַזוי דאָס דאָרף איז איינגעפאַסט אין דעם לאַנדשאַפט, דערקענט דער שטאַב-אַרצט: „דידאָזיקע וועלן נישט שרייען הוראַ". דער שטאַב-אַרצט מאַכט אַ שפּרונג איבער אַ לאַנגער קייט פון מחשבות-רינגעלעך און קומט צום געדאַנק: „דאָס לאַנדשאַפט איז דאָס פאָטערלאַנד פאַרן מענטש, די היים; נישט די מלוכה".

„די שיינע פעלדער, די שיינע פעלדער, אָ, דאָס פאָטערלאַנד", שרייט אויס אין געדאַנק דער זעלנער, וואָס האָט געקלונגען צוליב זיין חבר און קוקט אַרויס אויף די פעלדער, וואָס ציען זיך פאַרביי פאַר זיינע אויגן אין אַ לאַנגזאַמען און זאַנפטיקן האַלבקרייז. ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזעען די היימישע ערד. און אין זיין תמימותדיק האַרץ ברענט זיך איין טיף און פעסט דאָס אומגליק: „וואָס זענען פאַר מיר די שיינע פעלדער, די וועלדער,

דאָס פּאָטערלאַנד... די האַנט, וואָס איך האָב שוין נישט, איז מיין פּאָטערלאַנד... וואָס איך האָב שוין נישט".

און דער פויער, וואָס ליגט אויפן געלעגער איבער אים, ווייסט, אַז קרעפּטיקע פיס זינגען פאַר מידקייט, נאָכדעם ווי מען האָט אַ שטיק פעלד פון אַ קילאָמעטער לאַנג איבערגעקערט מיטן אַקעראייזן בייט נאָך בייט, און ער ווייסט, אַז ער וועט שוין קיינ־מאָל נישט אַקערן, ווארים ער האָט שוין נישט מער ווי איין פוס.

„שיין, שיין, וואונדערלעך, אָבער נישט פאַר מיר", דאָס איז דער געדאַנק, וואָס ווערט געטראַכט אין יעדן וואַגאָן פון צוואַנציק זעלנער, וועלכע זענען אויף זייער לעבן־לאַנג פאַרמשפּט צו קרענק־לעכקייט; פון דריי הונדערט פופצן זעלנער ווערט דערדאָזיקער געדאַנק געטראַכט. פינף זענען געשטאָרבן בשעת דער נסיעה. און די פינף און צוואַנציק משוגעים לעבן אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט.

„דאָס אוניקום", אַ זעלנער, וועלכן מ'האָט אַראָפּגענומען ביי־דע הענט און ביידע פיס, אויך דאָסדאָזיקע שטיק גוף טראַכט נאָך; ער טראַכט: „שיין, שיין, וואונדערלעך, אָבער נישט פאַר מיר".

„וואָס טויגן מיר די שיינע פעלדער". דערדאָזיקער פּערז, וואָס אַ משוגענער זעלנער האָט אינדערפרי אַריינגעשריגן אין וואַ־גאָן, טויכט כסדר אויף אין דעם אוניקומס מח. מערסטנטייל שלאָפט ער; ער ווערט אַנטשלאָפן מיט דעם פּערז: „וואָס טויגן מיר די שיינע פעלדער!"

ער איז נישט דער איינציקער, וועמען דער שטאַב־אַרצט האָט אַמפּוטירט ביידע הענט און ביידע פיס; אָבער אַלע אַנדערע זענען געשטאָרבן. דאָס אוניקום איז געבליבן לעבן.

דער שטאַב־אַרצט הייבט אויף די דעקע, קוקט אויף דעם אוניקום און טראַכט: „ווי שמאָל איז דער צוג אין פאַרגלייך צו דעם ריזיק־ברייטן לאַנדשאַפט, דורך וועלכן ער פאָרט... דעריבער טאַקע פאָרט נישט דאָס לאַנדשאַפט איבערן שמאָלן צוג, נאָר דער צוג פאָרט איבער דעם ברייטן לאַנדשאַפט."

אַזעלכע איבער־סבראַדיקע געדאַנקען פאַלן איין דעם שטאַב־

אַרצט זייער אָפּט אין דער לעצטער צייט. מיט דער הילף פון די דאָזיקע געדאַנקען באַמיט ער זיך פעסטצוהאַלטן די רעאַליטעט. וואָרים יענע רעאַליטעט, וואָס איז אין פאַרלויף פון דריי יאָר אויסגעפּולט געוואָרן מיט גלידער אָפּשניידן, איז אים פאַרגעקומען אַזוי מוראדיק שרעקלעך, אַז ער האָט אַ סך מאָל שעהן-לאַנג נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ רעאַליטעט. אָבער ער רעכנט זיך מיט איר, ער וויל זיך מיט איר רעכענען. דער ציל, צוליב וועלכן ער האָט גענומען אורלויב, צווינגט אים, נישט צו דערלאָזן, אַז די רעאַליטעט זאָל זיך פון אים אַוועק-גליטשן. ער וויל דידאָזיקע שרעקלעכע רעאַליטעט אויסנוצן פאַר זיין ציל.

דעריבער אויך באַפרייט ער נישט דאָס אוניקום דורך אַ דאָזע מאָרפיום. הגם ער האָט שוין — אין פּולן באַוואוסטזיין און פון אַ טיף פאַראַנטוואָרטלעכקייט-געפיל דיקטירט — אויף אַזאַ אופן באַפרייט אַ סך אַנדערע, וואָס זענען ווייניקער עלנט געווען, ווי דאָס אוניקום.

די עקן פון די אָפּגעשניטענע אברים שטאַרן אַרויס נאָענט לעבן די פּלייצעס, נאָענט לעבן בויך. זיי זעען אויס ראָזאַ-פּיאָלעט. די שפּיצן, וואָס זענען צונויפגעפּלאָנטערט און משונהדיק צוזאַמענ-געוואַקסן פון מוסקול-געוועב אין הויט, זעען אויס גרוי.

דאָסדאָזיקע שטיק גוף ליגט צוגעשמידט צו זיין געלעגער, אַזוי ווי אַ זויג-קינד צום וויגעלע. מען וואַשט אים דאָס פּנים. מען ווישט אים אָפּ די נאָז. מען שפּייזט אים. מען זעצט אים אַרויף אויפן קלאָזעט. דערביי האַלט מען אים צו. דאָסדאָזיקע שטיקל גוף האָט נאָך דעם געשלעכטס-אָרגאַן, ער האָט אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ זיין נשמה, ער האָט אַ מויל, מיט וועלכן ער זאָגט:

— הער שטאַב-אַרצט, זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי זאָל איך לעבן? וואָס זאָל איך טון? וואָס קאָן איך טון?

„אויף דערדאָזיקער פראַגע זאָל ענטפערן איינער פון יענע הערן, וואָס וועלן געגומען ווערן אויף דער קייט", טראַכט זיך דער

שטאַב־אַרצט. און שווייגט; וואָרים ער האָט נישט דערויף קיין ענטפער.

„הורא. . . . . . . א!"

דער לאַנג־געצויגענער אויסגעשריי פון עלעגאַנטע זומער־וואויגונג־געסט, וואָס שטייען באַם באַן־וועג, שלאָגט זיך אָפּ אין די אויערן פון דריי הונדערט און פופצען שווער־פאַרוואונדעטע, וואָס ליגן שטיל אויסגעצויגן אויף די געלעגערס, ער שלאָגט זיך אָפּ אין די אויערן פונם שטיק גוף.

— וואָס זאָל איך טון, הער שטאַב־אַרצט?

דער סאַניטאַר שטייט באַם פענסטער, ער שאָקלט מיטן קאָפּ, ער פּרוווט מיט האַנט־צייכנס צוריקשטויסן די באַגייסטערונג־אויס־געשרייען אין די מיילער אַריין.

„הורר. . . . . א!"

דער שטאַב־אַרצט קערט אָפּ דעם בליק פון דעם שטיק מענטשן־פלייש, וואָס ליגט צוגעשמידט צום געלעגער; ער זעט די ווייכע, באַגערנדיקע ריפּן־ליניע פון דער שיינער בלאָנדינע, וואָס שטייט מיט א הויך אויפגעהויבענער האַנט און פלאַטערט מיט אַ שפּיצן־אויסגעהאַפטן טיכל. און ער געפינט נישט קיין ענטפער. „די דאַזיקע הערלעכע קערפּער־ליניע. . . ווי שיין. וואונדערלעך שיין. אָבער נאַריש, אַזוי נאַריש".

„. . . . . א!"

די לאָקאָמאָטיוו־שטאַנג, וואָס רוקט זיך פאַרזיכטיק פאָראויס, ציט דעם צוג פאַרביי דעם כסדר־דויערנדיקן אויסגעשריי. פאַ־מעלעך.

— שמעקט אייך דאָס עסן? — פרעגט דער שטאַב־אַרצט. און קערט אָפּ דעם בליק. וואָרים ער דערפילט ווידער, אַז באַם אָנבליק פונם דאַזיקן שטיק גוף, גליטשט זיך פון אים אַוועק דער גלויבן אין עקזיסטענץ פון דער רעאַליטעט.

— לויט באַפעל, הער שטאַב־אַרצט!

„לויט באַפעל!. . . דאָס איז אוממעגלעך. אוממעגלעך! אַז ער האָט נאָך געוואָלט זאָגן לויט באַפעל", שרייט אויס אינערלעך דער טיף־פאַרבליפטער שטאַב־אַרצט. „אוממעגלעך!. . . דער הער־

ז־י

שער־גייסט, וואָס טויט אָפּ די נשמות, דער גייסט פון קנעכטשאַפט, דיסציפּלין, אונטערטעניקייט און די פאַלשע חוב־דערפילונג, וואָס הייסט נאָך אפילו דעמדאָזיקן שטיק גוף זאָגן „לויט באַפעל", האָט גורם געווען די מלחמה".

באַם שטאַב־אַרצט לויפן די מחשבות ווייטער מיט אַ ברענענ־דיקער שאַרפקייט, ער טראַכט: דעמדאָזיקן מיאוסן בייזן גייסט, וועלכער שטיצט זיך אויף דעם פאַרברעכערישן, פעסטן, מעכטיקן און גיריקן קאַפּיטאַל, וועט מען נישט קענען גובר זיין מיט האַלבע־מיטלען, נישט מיט קליינע אָדער גרויסע רעפאָרמען; און אַן עמ־פינדונג, וואָס טויכט אויף באַם שטאַב־אַרצט פון דעם טיפסטן קוואַל פון זיין וועזן, שטויסט אים פּלוצלינג צו דעם שטיק גוף און ער לאָזט זיך פאַר אים אַראָפּ אויף די קניען.

אַן אומבאַוואוסטזיניק צאַרט געפיל דיקטירט אים, נישט צו באַנוצן זיך מיט די הענט, פונקט, ווי דאָס שטיק גוף קאָן זיך נישט באַנוצן מיט הענט אין דערדאָזיקער גרויסער מינוט, אין וועלכער דאָס וואָרט „ברודער" ווערט צוריק אויפגעלעבט, ווערט נייגעבוירן און צוריקגעגעבן דעם אמת און דער מענטשהייט דורכן שטאַב־אַרצט, וועלכער האַלט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און קושט די אויגן, דעם שטערן, די באַקן פונם שטיק גוף און זאָגט צו אים מיט אַ ווילדער איבערגעגעבנהייט: „ברודער". „מיר זענען ברידער. דו און איך זענען ברידער".

באַ צוואָנציק דערשיטערטע זעלנער טרערן די פאַרקלעמטע הערצער געריירט פונם וואָרט „ברודער". אַ גליק, פון וועלכן מען האָט זיך שוין מיאש געווען, לעבט־אויף אין וואַגאָן.

דער שטאַב־אַרצט שטייט אין מיטן און איז אַלעמען מבשר דאָס נייע, דאָס ווידער באַנייטע געזעץ פון דער ליבע:

— איך זאָג אייך: מיר זענען ברידער.

ער זאָגט אַרויס דאָסדאָזיקע וואָרט מיט אַ הויך קול און פעסט. און אינם טאָן פון זיין שטים קלינגט אַרויס דער אמת.

די פינסטערניש ווערט צעשפּאָלטן; עס שיינט אויף דער מאָרגנרויט פון אַ גייער צייט און באַשטראַלט די צוואָנציק זעלנער־פּנימער.

זיי מבשר אײנעם אָן אויף אײביקער תּפיסה פֿאַרמשפּטן, וואָס האָט שוין צען יאָר פֿאַרבראַכט אין זיין אײנזאַמער קאַמער, נאַכט נאָך נאַכט, שוין דריי טויזנט פינף הונדערט לאַנגע טעג, און ער ווייסט, אַז ער וועט דידאָזיקע קאַמער שוין קײנמאָל נישט פֿאַרלאָזן — זיי אים פּלוצלינג מבשר, אַז ער איז פריי, אַז ער קען גיין, ער קאָן שוין די מינוט אַרויסגיין אויף דער פרייהייט, וועט ער דאַן פֿאַרלאַנגען נאָך אויף איין האַלבער שעה צו פֿאַרבלייבן אין דער קאַמער. דאָס פּלוצלינגע גליק איז אַזוי געוואַלטיק גרויס, אַז עס דראָט אים צו פֿאַרברענען.

אויך דאָס שטיק גוף וואַגט נישט באַלד זיך אָנצוכאַפּן אָן דעם גליק. שוין דאָס בלויזע וויסן, וואָס שטראָמט אים פּלוצלינג דורך, אַז אויך פֿאַר אים איז נאָך מעגלעך גליק, איז אומשטאַנד אים צו פֿאַרטומלען. ער דערוועגט זיך נאָך נישט אַרויסצופּליסטערן דאָס וואָרט „ברודער", אָבער ער ווייסט, אַז ער וועט עס פּליסטערן, אַרויסזאָגן, ער וועט עס זאָגן, אַזוי ווי אַ תּפילה. „ברודער". מיטן דאָזיקן וואָרט ווערט ער אַנטשלאָפן. און עס חלומט זיך אים באַלד דער וואונדערלעכער ענטפער, וואָס דער שטאַבאַרצט האָט אים געגעבן אויף דער פראַגע: „וואָס זאָל איך טון ?... ברודער".

דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פֿון דער ליבע דרינגט דורך דעם צוג, ער דרינגט אַריין אין אַלע וואַגאָנען, אין די הערצער פֿון אַלע זעלנער. און ווערט דורך דעם לאָקאָמאָטיוו פֿאַמעלעך געפירט טיף אין לאַנד אַריין, כּדי צו דינען דעם ציל פֿונם שטאַבאַרצט, וועלכער שטייט אין דורכגאַנג בײַ די בלינדע, פֿאַר אַ זעלנער, וואָס האָט נישט דאָס פּנים.

פֿון דעם אָרט, וואו די קין-באַק איז געווען ביז צום האָרשייטל באַם-שטערן: — אַ פלאַך אָרט. אויבן ברייטער פֿונאַנדערגעצויגן דורך די אויערן. קיין מויל איז נישטאָ. קיין ציין. קיין נאָז. קיין אויגן. אַלץ איז פֿאַרשוואונדן. צוויי לעכער דאָרט, וואו די נאָז איז געווען. אַ קליין משופּעדיק פֿאַרקריפּלט לאָך, אָן ליפּן און פֿאַרמלאָז, וואו דאָס מויל איז געווען. פֿון די אויגן-הייטלעך, ברעמען און אויגן איז קיין זכר נישט געבליבן: אַ שוידערלעכע

פלאַטשיקייט, צעקריפּלט דורך פאַרשידנפאַרביקע וואונד-צייכנס און הילדן צוזאַמענוואוקס פון הויט.

דער שטאַב-אַרצט קוקט אויף דעם פּנים, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלאַכן, ליידיקן, ריזיקן וואונד-צייכן און פרעגט:

— זאָגט מיר, מיין טייערער, דערקענט איר שוין אייערע חברים לויטן קול?

דער זעלנער מאַכט אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג, אַ וואָרט אַרויסצוברענגען. דער רויטער צונג-שפּיץ רוקט זיך כּסדר אַרויס דורכן משונהדיקן ליפּנלאָזן לאָך. ער זשעסטיקולירט מיט די הענט.

אַצינד ערשט כאַפּט זיך דער שטאַב-אַרצט, אַז דערדאָזיקער מענטש קאָן נישט רעדן, ווייל ער האָט נישט קיין מויל און קיין ציין. און ער דריקט צו דאָס צעקריפּלטע פּנים צו זיינע באַקן מיט אַ גרענעצלאָזער ליבשאַפט.

דאָס ברויזנדיקע געפיל, וואָס נעמט אַרום דעם זעלנער, בלייבט אומגעזעען פאַרן אויג, ווייל דער זעלנער האָט נישט קיין געזיכט. אין אַ ווילדער גערירטקייט זוכט ער די מענטשן-האַנט און דריקט זי פעסט. און ער שטייט, אַרומגענומען פון גליק, וואָס קאָן נישט זעבאַר ווערן.

דער שטאַב-אַרצט איז מבשר די בלינדע דאָס נייע, דאָס באַנייטע געזעץ. הערצער ציען זיך איין. פאַרקלעמען זיך שמערצלעך.

און עפענען זיך ברייט פונאַנדער.

דער אַליאַרם-גלאָק קלינגט. צוזאַמען מיטן אויפגערעגטן סאַניטאַר, וואָס רופט דורך האַנט-באַוועגונגען, שפּרינגט דער שטאַב-אַרצט אַריין אין וואַגאָן פון די משוגעים.

עס קלינגט דער טעלעפאָן, וואָס איז איינגעאָרדנט אין לאָקאָמאָטיוו איבערן מאַנאָמעטער. דער לאָקאָמאָטיוו-פירער באַקומט אַ דרינגלעכן באַפעל, שנעלער צו פאָרן און זיך אָפּצושטעלן אין נאָענטסטן דאָרף.

איינער פון די משוגעים האָט זיך איבערגעשניטן היינטער

דער קני די הויפּט־אָדערן און די טיפער ליגנדיקע אַרטעריען, דאָס גאַנצע פלייש פונם הינטערשטן פוס־טייל אָוועקגעשניצט ביז צום ביין. דאָס בלוט שטראָמט. קיינער ווייסט נישט, פונוואַנען ס'האָט זיך צו אים גענומען דאָס קליינע זשילעט־ראַזיר־מע־סערל.

אַלע משוגעים זיצן אומבאַוועגלעך איינער לעבן אַנדערן אויף דער באַנק, וואָס ציט זיך אַרום די פיר ווענט. אַן ערנסט פּובלי־קום. דעם שווער־פאַרוואונדעטן טראָגט מען אַרויס, פאַרביי די בלינדע אין דעם אָפּעראַציאָנס־וואַגאָן אַריין.

די אַלע פון עפּל־ביימער גליטשט זיך שנעל פאַרביי. זי לויפט וואָס אַמאָל שנעלער. פליט געשווינד אויף צוריקוועגס. די שטויסן קומען איינער נאָכן אַנדערן וואָס אַמאָל שנעלער, שטאַר־קער. ס'דערהערן זיך ווייטיק־אויסגעשרייען.

טעלעגראַף־שטאַנגען, אַן איינזאַם שטייענדיק הויז, אַ פויער, וואָס אַקערט אַ שייער לאָזן זיך שנעל לויפן אויף צוריקוועגס. דאָס ווייסע לאַנדשאַפט פליט מיט אַ גוואַלטיקער געשווינדקייט צוזאַמען מיטן צוג.

דער משוגענער איז שוין אויסגעטון. ער ליגט אויפן אָפּע־ראַציאָנס־טיש און ווערט זיך ווילד. מען קאָן אים קוים איינ־האַלטן.

דער צוג דונערט פאַרביי פאַר אַ בריק, וואַסער בליצט־אויף.

דאָס בלוט שטראָמט געדיכט. עס ווערט רעגלמעסיק נאָך יעדן האַרץ־שטויס אַרויסגעשטופּט פון די אָפענע אָדערן. דער שטאַב־אַרצט קאָן נישט פאַרבינדן די אָדערן בײַ דעם ווילד געוואָ־רענעם משוגענעם. ער הייסט אים בינדן. שלאָף־געטראַנק.

דער טורם פון דער דאָרף־קירכע באַווייזט זיך אין דעם זעלבן אויגנבליק, בשעת עס לאָזט זיך הערן דער לאַנג־געצויגענער וואָרנונג־פייף.

עס גלאַנצט־אויף דאָס רויטע היטל פונם אַהער־איילנדיקן באַאַמטן. און אין דער צייט, וואָס דער צוג פאָרט צו צום אָפּ־שטעל־אָרט און ווערט אַריבערגעפירט אויף דער דערלעבנדיקער

ליניע, פאַרשאַפנדיק בשעת מעשה די פּאַרוואונדעטע גרויסע יסורים מיט דעם האַסטיקן שטויסן פון די רעדער, איז שוין דער שטאַב־אַרצט ווידער פאַרנומען מיט דער בלוטיקער אַרבעט.

דער צוג שטייט.

אַצינד ערשט דערהערן די שטיל געבליבענע דאָרפישע קינדער דאָס הויכע, פיל־קולותדיקע קרעכצעריי.

דער שטאַב־אַרצט אַרבעט האַסטיק. די אייבערשטע העלפט פונם געאַרקאָטיזירטן מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פרידלעך שלאָפנדיקן; דאָס עטוואָס אָפענע, פאַרשטאַרטע מויל שמייכלט מיט אַ צולהכעיסדיק, באַוואוסטזיניק בייז שמייכעלע. „איך וועל דאָך שטאַרבן".

„איך מוז דעם פוס אָפּראַטעווען. . . גראָד דאָסדאָזיקע שמייכעלע דיינס צווינגט מיך דעם פוס דיר אָפּצוּראַטעווען", טראַכט בא זיך דער שטאַב־אַרצט, באַשעפטיקנדיק זיך מיטן פּאַרוואונדעטן. ער לייגט גלייך די אַרטעריען אין זייער אַנאַטאָמישן סדר, בינדט זיי אַרום, די דורכגעשניטענע און איינגעלאָפענע אָדערן ציט ער ווידער אויס. שנעל, פּינקטלעך, כמעט אויטאָמאַטיש. „ווען דו זאָלסט זיין אומהיילבאַר משוגע, וואָלסטו מיר נישט אימשטאַנד געווען צו ווייזן דאָסדאָזיקע להכעיס־שמייכעלע, וואָס פּאַסט זיך אַזוי געַנוי צו דיין טאַט. דו ביסט היילבאַר. און דו דאַרפסט האָבן דיינע פיס!"

יעדעס מאָל, ווען ער הייבט אויף דעם קאָפּ, וואַרפט ער אַ שנעלן בליק איבער די קעפּ פון די דאָרף־קינדער, וואָס שטייען אויף די שפּיץ־פינגער און קאָנען פונדעסטוועגן נישט זעען מער, ווי דעם אַרצטס פאַרבלוטיקטע הענט, אַהין צום פאָלקס־הויז, וואו ס'איז פאַרזאַמלט אַ מענטשן־מאַסע, וואָס ווערט כסדר פאַרגרעסערט: ווייבער, פויערן, עטלעכע זעלנער, וואָס געפינען זיך אויף אורלויב. דאָס רויטע היטל פונם באַאַמטן. אויף אַ קאַסטן שטייט אַ מענטש און רעדט.

אָפּגעריסענע זאַצן דערטראָגן זיך צו די אויערן פונם שטאַב־אַרצט.

אַ קליין פויערן־יינגל בייגט זיך צו צו אַן אַנדערן, פליס־

טערט עפּעס און ווייזט אָן מיטן פינגער. ער האָט געזען אַן אינ־סטרומענט אויפבליצן. ער בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל.

„... און אויב מען נעמט איין מיט קריג אַ פרעמד לאַנד, איז דאָס גאָרנישט קיין כבוד, נאָר גזלה", הערט דער שטאַב־אַרצט און וואונדערט זיך, וואָס דאָס להכעיסדיקע שמייכעלע איז אַצינד פאַרשוואונדן געוואָרן.

„אויב אַ פּויער מיינט, אַז בלויז דערפאַר, ווייל ער איז שטאַרקער, מעג ער אַוועקנעמען ערד בײַ אַ שוואַכערן פּויער, דאַן איז ער נישט קיין ערנמאַן, נאָר איינפאַך אַ רויבער".

דער שטאַב־אַרצט הערט צושטימענדיקע קולות און אַ הויכן הסכמה־אויסגעשריי. זיין פאַרוואונדערונג גייט איבער אין אַ צו־פרידנקייט־געפיל. זיין ציל שטייט פאַר אים גרויס און דער־גרייכבאַר.

„... נאַטירלעך, אין דעם זענט איר גערעכט, נאַטירלעך איז דער פּויער אַ חוץ דעם נאָך אַ נאַר, וואָרים ער וועט באַ־שטראָפט ווערן".

„זיי וועלן גענומען ווערן אויף דער קייט".

„ס'וועט אַרויסקומען אַ פּראָצעס. קריגעריי און שנאה.. אַזוי געשעט אויך, אַז מען נעמט צו אין קריג ערד: שנאה, נקמה. אַ נייער קריג".

„איז דאָס ווירקלעך אַ פרוי? אַ פרוי?", טראַכט דער שטאַב־אַרצט און הערט זי זאָגן:

„מיין מאַן איז געווען אַן אַגענט בײַ אַ פאַרזיכערונג־גע־זעלשאַפט..."

דער גלאָק פון דער דאָרף־קירכע הייבט אָן צו קלינגען און פאַרטויבט די וייטערדיקע ווערטער. אַ שנעל־צוג פליט גיך פאַר־ביי. דער אָפּעריטער ווערט פאַרזיכטיק אַראָפּגענומען פונם טיש.

דער אופן, ווי אַזוי די פּויערן רינגלען אַרום די רעדנערין און הערן זיך־צו צו איר, קומט דעם שטאַב־אַרצט פאָר, ווי באַ־קאַנט. „דאָס אַלץ זעט אויס ווי אימפּראָוויזירט". דער שטאַב־אַרצט

האָט חשק אַהינצוגיין. „און אפשר רעדן אַ פינף מינוט. . . דריי מינוט קאָן איך מיר אפשר צייט נעמען".

דאָס קרעכצן פון די דרייהונדערט פופצען זעלנער גיסט זיך צוזאַמען אין איין קלאַנג. אין דעם וואַגאָן פון די משוגעים שיסט אויס אַ געלעכטער.

דער סטאַציע-פאַרשטייער לויפט אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג צום סאַניטאַר-צוג: דער שנעל-צוג איז שוין דורכגעגאַנגען: אַצינד מוז דער סאַניטאַר-צוג ווייטער פאָרן, כדי דער וועג זאָל פריי ווערן.

„ווירקלעך, דער פאָרשטייער לויפט באַלד ווידער אַהין. עס אינטערעסירט אים". דאָס פרייט דעם שטאַב-אַרצט זייער. אַצינד ערשט דערמאַנט ער זיך, אַז גאַנץ אָפט, בשעת דער צוג איז פאַמעלעך פאַרבייגעפאָרן פאַר די דערפער, האָט ער באַמערקט פאַר די שענקען, פאַר די קירכן, פאַר די ראַטהייזער אַזעלכע פויערים-גרופּעס, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אימפּראָוויזירטע פאַרזאַמלונגען. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף עפּעס.

„צי האָט די אַלטע אָרדנונג, די דיסציפּלין און מיינונגסלאָזיקייט שוין באַקומען שפּאַלטן? צי איז דער נייער גייסט דורך אומבאַקאַנטע וועגן שוין אַריינגעדרונגען ביז צו די פויערים? . . . די איינוואוינער פון אַ סך דערפער האָבן נישט געשריגן „הוראַ", שטום און פאַרטראַכט זענען זיי געשטאַנען באַם באַן-וועג, אין שאַרפן קעגנזאַץ צו די נאָך „הוראַ"-שרייענדיקע איינוואוינער פון די גרענעץ-דערפער".

נאָך אַ מערפאַכיקן פאָרויס-און צוריקפאָרן, אונטער אַ פּייפערייַ און טרייסלעניש פון די וואַגאָנען און אונטער אַ יאָמערן, קרעכצן און קייכן פון די פאַרוואונדעטע, איז דער צוג ווידער אַרויפגעקומען אויפן הויפּט-וועג, און ער גליטשט זיך פאָרויס.

בשעת דער שטאַב-אַרצט קוקט זיך אום אויף צוריק און זעט, ווי דער שינעס-וועקסלער לויפט אַרויס פון זיין ביידל און דערנעענטערט זיך צו די פאַרזאַמלטע, לויפן זיינע מחשבות פאָרויס צו דער קומענדיקער צייט. ער דערפילט צום ערשטן מאָל אין זיין

לעבן, ער דערפילט עס טיף און פייערלעך, אַז דער געדאַנק האָט
געוואונען מאַכט און ווירקונג; אַז די אונטערטאַנען, וואָס זענען
ביז אַצינד געווען מיינונגלאָזע און געדאַנקענלאָזע יחידים און ווילנ=
לאָז און מאַכטלאָז איינגעשלאָסן און אונטערגעוואָרפן דעם נאַציאָ=
נאַלן ריזן-געהירן, הייבן זיך אָן אָפּצוטיילן און ווערן זעלבסט=
שטענדיקע וועזנס מיט אייגענע געהירן און מיט אַן אייגענער
מיינונג.

„זיי הייבן אָן צו דענקען. די געוואַלטיקע ליידן האָבן צע=
בראָכן די פאַרשטיינערונג. דער גייסט פאַרשפּרייט זיך איבערן
לאַנד. די אַלטע אָרדנונג פאַלט. אונטער די קלעפּ פון ליידן און
פון דער ווילדער בענקשאַפט נאָך פרייהייט. די יחידים און דאָס
פאָלק ווילן אַליין שמידן זייער גורל. דער יחיד הייבט אָן צו
דענקען".

דער שטאַב=אַרצט דערפילט מיט אַ פייערלעכער זיכערקייט,
אַז עס דערנעענטערט זיך דער אָנהייב פון אַ נייער ערע, אין וועל=
כער דער מענטש וועט קאָנען זיין גוט. ער פילט מיט פרייד, אַז
די אַרומיקע געשעענישן זענען גינסטיק פאַר דער אויפגאַבע, וואָס
ער האָט זיך געשטעלט, פאַר דער אויפגאַבע: מיטצוהעלפן צו אַ
נצחון פון דער נייער ערע, פונם נייעם גייסט, פונם רעוואָלוציאָ=
נערן גייסט פון דער ליבע.

לויט דעם אופן, ווי אַזוי דער שטאַב=אַרצט גייט דורכן קאָ=
רידאָר, דורך די וואַגאָנען, ווי אַזוי ער רעדט צו די פאַרוואונדע=
טע, ווי אַזוי ער קוקט זיי אָן, רעוואָלוציאָניזירט ער דעם גאַנצן
צוג. די איבערצייגונג=קראַפט שטעקט מער אין דעם טאָן פון זיין
שטים, אינם אויסדרוק פון זיין פנים, איידער אין די ווערטער,
מיט וועלכע ער דערווייזט די זעלנער, אָן האַס און אָן פרייד,
אַז: „יענע וועלן גענומען ווערן אויף דער קייט".

אויגן גלאַנצן. פאַרערונג און שטורמישע ליבע רינגלט אַרום
דעם שטאַב=אַרצט.

ער בעט צוויי סאַניטאַרן, אַז זיי זאָלן אַראָפּנעמען אַ הילפ=
לאָזן קריפּל פון זיין געלעגער. דער קריפּל דאַרף ווייזן, צי ער
קאָן שוין אַרומגיין; מען גיט אים צוויי שטעקעלעך אין די הענט

אַריין. יעדעס שטעקעלע איז בלויז פופציק צענטימעטער לאַנג. דער קריפּל זעט אויס, ווי אַ האַלב־געעפנט טאַשנמעסערל. זיין אויס־געבויגענער גוף מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גלייכן ווינקל. אַ קויל האָט אים צעשמעטערט די חוט־השדרה. און די חוט־השדרה איז דערנאָך שלעכט צוזאַמענגעוואַקסן. דער קריפּל קאָן זיך נישט אויסגלייכן. דאָס גאַנצע לעבן זיינס וועט ער זיך שוין קיינמאָל נישט אויסגלייכן. ער גייט ווי אַ וואַנדערגדיקער גלייכער ווינקל, פאַרביי דעם שטאַב־אַרצט, ער קערט זיך אום, פאַמעלעך אַזוי ווי אַ קו, ער הייבט אויף מיט גרויס מי דעם קאָפּ און וואַרפט אַ פרעגנדיקן בליק צום שטאַב־אַרצט. און באַלד מוז ער ווידער אַראָפּ־לאָזן דעם קאָפּ: דאָס פּנים איז ווידער האָריזאָנטאַל געווענט צום באָדן. דער מענטש מיט די צוויי נידעריקע שטעקעלעך זעט אויס, ווי אַ פירפיסיקע חיה.

דער שטאַב־אַרצט פאַרטראַכט זיך איבער אַ זאַך, וועגן וועל־כע ער האָט געטראַכט דורך דער גאַנצער צייט פון דער רייזע: צי זאָל ער זיך דערוועגן נאָכאַמאָל דורכצוברעכן די חוט־השדרה און דעמדאָזיקן מענטש אויסגלייכן, כּדי די שדרה זאָל זיך ריכטיק צוזאַמענוואַקסן. „עס איז כּמעט אוממעגלעך, אויסצומיידן דערביי אַ טויט־געפערלעכע פאַרוואונדונג פון רוקן־מאַרך”, טראַכט דער שטאַב־אַרצט. און ער טראַכט: „זיי וועלן גענומען ווערן אויף דער קייט”.

און ער הייסט ווידער אַרויפלייגן דעם מענטשן־ווינקל צוריק אויפן געלעגער.

„און אין גרונט גענומען זענען מיר אַלע חברים”, רעדט צו זיך אַליין אַ זעלנער, וועלכער שטעלט זיך פאַר, ווי איבער אַ סך באַן־וועגן אין איראָפּע פאָרן פאַמעלעך אַזעלכע צוגן, אָנגעפילט מיט קריפּלען, משוגעים, בלינדע. „זיי האָבן אונז פאַרוואונדעט, מיר האָבן זיי פאַרוואונדעט. און אין גרונט גענומען זענען מיר אַלע חברים.

דאָס לאַנגע, שמאָלע שפּיטאָל גליטשט זיך איבער דעם שוין פאַרנאַכטיקן האַרבסט־לאַנדשאַפט. דעם שטאַב־אַרצט קומט כּסדר אויפן געדאַנק דאס ווארט „באַפרייונג”, יעדעס מאָל, ווען ער זעט

דורכן פענסטער די אימפראָוויזירטע גרופּעס פון פאַרזאַמלטע פּויע־רים. דאָס שפּיטאָל מיידט לאַנגזאַם אויס אַ גרויסן צוג פון פּויערים, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ סך הינקענדיקע זעלנער, פאָרויס ווערט געטראָגן אַ קרוציפיקס און אַ רויטע פאָן.

דער שטאַב־אַרצט וויל תּחילת נישט גלייבן אין דער ווירק־לעכקייט פונם דאָזיקן געשעעניש. די איינצעלהייטן איבערצייגן אים ערשט: אַ פעלד־אַרבעטער, וואָס פאַרוואַרפט דאָס גראָב־אייזן אויף זיינע פּלייצעס, לויפט דורך אַ גאַנצע אַקער־בייט לאַנג און שליסט זיך אָן אָן פּויערים־צוג; אַ זעלנער אָן פיס, וואָס רוקט זיך נאָך מיטן צוג לעבן דער פאָן; דער לאַנגער שטויב־וואָלקן, וואָס הויבט זיך אויף הינטערן צוג.

דער רויטער אָפּשיין פון דער פאַרגייענדיקער זון פאַלט אויפן צוג, אויפן קרוציפיקס, באַלויכט מיט אַ ראָזער פאַרב דעם שטויב־וואָלקן און מיט אַ פלאַמענדיקן גלאַנץ די רויטע פאָן.

„די הערשער האָבן געטריבן ליגנט ביז צו דער העכסטער מדרגה: די קירכן־גלאָקן האָבן זיי געהייסן צעשמעלצן אויף קוילן, די גייסטלעכע האָבן נאָך באַנוצט צום דאָזיקן באַפעל דאָס וואָרט „גאָט” און „קריסטנטום”. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז דער אונטערטאַן האָט שוין אָנגעהויבן צו דענקען”.

די הויפּט־גאַס פון אַ קליין שטעטל, פאַרביי וועלכן דער צוג קריכט פאַרביי, איז שוואַרץ פון מענטשן, וואָס באַוועגן זיך פאַ־מעלעך.

„דיליידן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן פאָלק, האָבן זיך באַזעצט אין יעדן הויז. ליידן ברענגען געשעענישן”.

אין שטאַב־אַרצט וואַקסט אויס אַ שטילקייט, טיף און שיין ווי די נאַכט, פון וועלכער עס שטייט אויף דער מאָרגנ־רויט.

ער בלייבט שטיין איבערראַשט פאַר דעם וואַגאָן מיט די משוגעים: זיי זיצן שוין נישט אויפן באָדן אין אַ דרייפאַכיקן קרייז, זיי זיצן נישט ווי ערנסטע פויפן, אומבאַוועגלעך אַרום די ווענט, נאָר גייען אַלע אַרום איבערן וואַגאָן, אין געשלענגלטע ליניעס הין און הער, מעדיטירנדיק, זשעסטיקולירנדיק, מיט דעם בליק צום

באָדן, טיף פאַרנומען מיט זיך אַליין. דער אָפּשיין פון דער פאַר־גייענדיקער זון וואַרפט אַ רויטן גלאַנץ אויף זייערע פּנימער.

איינער פון די משוגעים דרייט זיך פלוצלינג אויס, גייט שנעל צו צום שטאַב־אַרצט און זאָגט:

— יעהאָוואָ איז אַ מאַסע, וואָס איז אינגאַנצן אומבאַקאַנט פאַר דער וויסנשאַפט.

ער שמייכלט צום שטאַב־אַרצט פריינטלעך, מיטליידנדיק און מיט אַ לייכטן אָפּגלאַנץ פון בייזער צופרידנהייט, וואָס דער שטאַב־אַרצט ווייסט גאָרנישט וועגן דעם אַלעם. ער הייבט די אַקסלען:

— ס'טוט מיר זייער לייד, אַ מאַסע, וואָס איז גענצלעך אומבאַקאַנט פאַר דער וויסנשאַפט.

ערשט ווען דער שטאַב־אַרצט דערהערט דעם צווייטן קלונג פונם אַליאַרם־גלאָק, רופט זיך אָפּ אין זיינע אויערן אויך דער ערשטער, וועלכן ער האָט פריער נישט דערהערט.

דער פאַרמאַטערטער סאַניטאַר, וואָס האָט געדאַרפט וואַכן איבער דעם אָפּערירטן משוגענעם, איז זיצנדיק אַנטשלאָפן געוואָרן און האָט זיך צו שפּעט אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

די פאַרבלוטיקטע שטיקער פון באַנדאַזש ליגן אויפן באָדן, אויפן בלוט־נאַסן געלעגער, הענגען נאָך פון פוס. דער אָפּערירטער האָט צעשטערט די זאָרגפעלטיקע אַרבעט פונם שטאַב־אַרצט. ער האָט זיך טיף אַריינגעגראָבן מיט די נעגל אין דער וואונד און אַליץ אַרויסגעריסן. דאָס בלוט ווערט רעגלמעסיק נאָך יעדן האַרץ־שטויס אַרויסגעשטופּט פון די אָפענע אָדערן. דער פאַרוואונדעטער איז באַם באַוואוסטזיין און אָטעמט שווער. דער פוס איז פאַרלוירן. ער מוז אַמפּוטירט ווערן.

דער קראַנקער ליגט שטיל, ער קוקט אָן דעם שטאַב־אַרצט מיט אַ רויקן און מידן בליק, ווי פון אַ טיפן אָפּגרונט אַרויס. און פלוצלינג זאָגט ער פאַמעלעך און דייטלעך:

— לאָזט, איך בעט אייך. איך וויל נישט.

דער שטאַב־אַרצט קווינקלט זיך אַ ווײַלע און ער בעט צווי־

סאַניטאַרן, זיי זאָלן אָפּעקטראָגן דעם פאַרבלוטיקטן אין אָפּעראַ־ציאָנס-וואַגאָן אַריין.

און ער דרייט זיך אויס צו אַן אַנדערן קראַנקן, וואָס זיצט אויף אַ שטול אויסגעבויגן פאָרויס, און מיט אַ געוואַלטיקער אָנשטרענגונג, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם צו עטלעכע מאָל בײַ יעדער זילבע, באַמיט ער זיך אַרויסצוזאָגן:

— הער שטאַב־אַרצט.

דעמדאָזיקן מענטש האָט געטראָפן אַ קויל אין מאָגן. די פאַר־צוימונג צווישן דער ברוסט און בויך איז צעשעדיקט, אינם ברוסט־קאַסטן איז אַרייַנגעדרונגען לופט און דריקט די לונגען. אַן אומ־אויפהערלעכער מוראדיקער אָטעם־מאַנגל. אפילו ווען ער רעדט, מוז ער כסדר מיט אַ געוואַלטיק שנעלן טעמפּאָ אָפּכאַפּן דעם אָטעם. זיין פּנים איז בלוי. דער גוף אינגאַנצן אויסגעדאַרט. ער הייבט אויף צום שטאַב־אַרצט אַ בליק, אין וועלכן עס ליגט בקשה, פראַגע און מורא. און אָטעמט, און אָטעמט. שנעל, אַזוי ווי אַ הונט, וואָס האָט זיך געלאָזט נאָך אַן אויטאָמאָביל נאָכלויפן. ער וויל לעבן בלייבן. זיין בעטנדיקער מורא־בליק פרעגט, צי עס וועט אים נאָך אַמאָל בעסער ווערן.

— יאָ, ס׳וועט בעסער ווערן — זאָגט דער שטאַב־אַרצט און טראַכט דערבײַ: אין דריי, פיר יאָר אַרום... אויב די כוחות וועלן אים נישט אויסגיין פריער און די געדריקטע לונגען וועלן נישט פריער אָפּשטאַרבן.

שוין גאַנץ אָפט האָט דער שטאַב־אַרצט נאָכגעטראַכט, וועל־כער פון זיינע קראַנקע דאַרף אַממײנסטן באַדויערט ווערן. און בשעת ער איז געבליבן שטיין מיט אַ געפיל פון מאַכטלאָזיקייט פאַרן דאָזיקן שווער־אָטעמענדיקן, וואָס קאָן אויף קיין איינציקער סעקונדע נישט באַפרייט ווערן פון זיינע יסורים, נישט בײַטאָג און נישט אין די שלאָפלאָזע נעכט, האָט ער איינגעפונען, אַז אָט דער דאָזיקער איז עס געמלעך.

און ווען מען זאָל אים אָוועקשטעלן פאַר דעם שטיק גוף — — —

און ווען מען זאָל אים אָוועקשטעלן פאַר דעם מענטש, וואָס

האָט נישט קיין ברעמען, קיין אויגן־הייטלעך, קיין אויגן, קיין נאָז קיין מויל, פאַר דעם, וואָס האָט נישט דאָס פּנים — — —

און ווען מען זאָל אים אַוועקשטעלן פאַר דעם „גלייכן מענטשן־ווינקל" — — —

און ווען מען זאָל אים אַוועקשטעלן אין וואַגאָן פון די משוגעים — — —

פאַמעלעך קריכט דער צוג איבער דעם ברייטן לאַנדשאַפט צום אָוונט־צו.

דער שטאַב־אַרצט שטייט באַם אָפּעראַציאָנס־טיש.

„די קני לכל הפּחות קאָן אָפּגעראַטעוועט ווערן", טראַכט ער. און ער הויבט אָן: ער קלעמט־צו די הויפּט־אָדערן אין די טיפער־ליגנדיקע אַרטעריען, ציט אויס אויף וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך די טרוקענע אָדערן, וועלכע דאַרפן פאַרוואַקסן ווערן אונטער דער אָפּ־געשניטענער קני און, צוזאַמען מיט דער הויט און דעם מוסקול־געוועב, שאַפן אַ פונדאַמענט פאַר דעם צוגעזעצטן קינסטלעכן גליד.

דער פאַמעלעך פאָרנדיקער צוג פויקט־אויס פאַמעלעך דעם טאַקט פון דער מעלאָדיע צום ליד „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלץ", דידאָזיקע מעלאָדיע דרינגט אַריין טראָפּנווייז אין די גע־הירן פונם שטאַב־אַרצט. ער ווערט זיך פאַר איר, אָבער אָן דער־פאָלג. ער וויל דעם לאַנגזאַמען טעמפּאָ פון צוג צופּאַסן פאַר דער מעלאָדיע פון „אַצינד דאַנק גאָט אַלע". עס גיט זיך אים נישט איין. „דייטשלאַנד איבער אַלץ", איז עקשנותדיק גובר.

אַ מוראדיקער, ווילדער אויסדרוק ווערט פאַרגליווערט אויפן פּנים פון שטאַב־אַרצט. דער ביין איז דורכגעזעגט אונטער דער קני. דער סאַניטאַר רוקט אָפּ אין אַ זייט דעם אָפּגעזעגטן פוס.

דער אַמפּוטירטער ליגט אומבאַוועגלעך. זיינע ליפּן זענען ווייס.

„זיין מויל ווייַנט. . . קאָן דען אַ מויל וויינען ?" טראַכט דער שטאַב־אַרצט. ער נעמט אַראָפּ די מעטאַלענע קלאַמערן פון די אָדערן און רייניקט נאָכאַמאָל אַרום זאָרגפעלטיק די אינעווייניקסטע פאַרבלוטיקטע זייט פון דער איבערגעבליבענער הויט.

און אין דער צייט, וואָס ער בינדט צוזאַמען די שטיקער הויט מיט די איבערגעשניטענע מוסקול־פּעדעם, פּויקט פּאַמעלעך דער צוג ווייטער: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלץ". און אין די געהירן פונם שטאַב־אַרצט אַנטשטייען פּלוצלינג נייע ווערטער צו דער מעלאָדיע:

„אַ פינסטערע, ווילדע ליידן־ספערע
הילט די מיליאָנען איין.
זעט דאָס נייע פעלד פון ערע:
קאַמף פאַר ליבע, רעכט און זיין!
די קריפּל־מחנה, די אומגעהייערע
דריגגט אין ליכט-קרייז אַריין
פון דער גרויסער, טיפער ליבע:
מענטשן װעלן ברידער זיין!"

אַ גרויסער, פאַרן אויג ברייט געעפנטער פלאַכער פּלאַץ, וואָס ליגט שוין איינגעהילט אין בלויען שיין פון בין־השמשות. דער צוג שלייכט זיך פּאַמעלעך ווייטער, ער ציט פאַרביי פאַר גרויסע רעקלאַמע־פּלאַקאַטן.

דער שטאַב־אַרצט טראַכט: פון אַלע זייטן קומען אָן די לאַנגע, שמאָלע שפּיטאָלן אין לאַנד אַריין, מיט אַלע באַן־וועגן ברענגען אָן די סאַניטאַר־צוגן פאַרקריפּלטע אין לאַנד אַריין. טאָג־טעגלעך זינט דריי יאָר. אין אַלע שטעט, אין אַלע שטעטלעך, אין אַלע דערפער אַריין.

ער זעט פון דערווייטנס די נידעריקע, שוואַרצע סילועטע פון בערלין. דער ציל פון דער רייזע.

ער וויל זיך נישט צוגלייבן, אַז דאָס איז די זון: אַ גאַנץ קליינע פּליטע, אַזוי גרויס, ווי אַ העלפט פון אַ דורכגעשניטענעם בלוט־רויטן פּאָמעראַנץ, זיצט טיף אינם געפּלעקטן הימל און קוקט אַראָפּ קראַנק און טרויעריק אויף בערלין.

„ווי אַ טויט־געפּערלעכע וואונד".

„אַ פֿינסטערע, ווילדע ליידן־ספּערע
הילט די מיליאָנען איין“

זינגט דער שטאָב־אַרצט אינם טעמפּאָ פֿון צוג, דער בליק געווענדט צו בערלין און ווישט אָפּ די הענט אָן האַנטוך, וואָס באַקומט גלייך אַ ראָזע פאַרב.

*

„אויב איר וועט נישט האַלטן דעם אָפּמאַך, וועל איך מיט מיין גאַנצער פאַמיליע אַריינפאַלן אין גרויס נויט“.

— דאָס טוט מיר זייער לייד, באמת זייער לייד... אָבער באַ אונזער געשעפֿט מוז מיין פּאַרטרעטער, ווי עס איז אייך באַקאַנט, כסדר קומען אין באַרירונג מיט זייער חשובע און, לאָמיר עס אָנרופֿן... עמפּינדלעכע דאַמען. צוליב די אינטערעסן פֿון געשעפֿט. אין יעדן איינצלנעם פאַל האַנדלט עס זיך וועגן רווח אָדער היזק פֿון טויזנטער. פאַרשטייט איר, מיין פּאַרטרעטער מוז דאָך דידאָזיקע דאַמען... קענען געבן די האַנט. דאָס למשל איז אומבאַדינגט נייטיק. און איר... איר קאָנט דאָך דאָס נישט. איר האָט דאָך נישט קיין הענט... ס׳טוט מיר באמת זייער לייד, אָבער דעמדאָזיקן דירעקטאָר־פּאָסטן קאָנט איר נישט אָננעמען. דאָס איז אוממעגלעך“.

„דאָס איז אפשר“...

„עס איז באמת אוממעגלעך!“

„... אַזוי געווען פאַר דער מלחמה...“

„אַבסאָלוט אוממעגלעך!“

„... אָבער אַצינד, באַ דער היינטיקער צייט קוקט מען שוין נישט אויף אַזעלכע זאַכן. אַצינד באַצײט זיך יעדער אָנשטענדיקער מענטש מיט פולשטענדיקן אָפּשיי צו דערדאָזיקער דערשיינונג. אַצינד שטויסט עס נישט אָפּ קיינעם, אפילו די ביז גאָר עלעגאַנטע דאַמע, אויב עמעצער האָט נישט קיין הענט“.

„אַצינד? פאַרשטייט זיך, אַצינד אפשר נאָך נישט. אָבער —

עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך מוז אייך זאָגן — לויט מיין מיינונג וועט דאָס נישט אייביק דויערן. עס וועט אפילו נישט דויערן קיין לענגערע צייט... דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט. דאָס איז אַ באַוואוסטע זאַך. און איך דאַרף האָבן פאַר מיין ערשט-קלאַסיקער פירמע אַ פאַרשטייער מיט אַ רעפּרעזענטאַטיוון אויסזען, אַזעלכן, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַלע, לאָמיר עס אָנרופן... געזעלשאַפטלעכע פעיקייטן. איר פאַרשטייט דאָך דאָסדאָזיקע. ס'טוט מיר באמת לייד... אַ געוויסע באַפרידיקונג — אין די מעגלעכ-קייט-גרענעצן".

— איך דאַנק. אויב אַזוי בלייבט מיר נישט קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיך צו שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פון געזעץ. אייער פריערדיקער פאַרטרעטער האָט אויף אַ געזעצלעכן אופן געשלאָסן מיט מיר אַן אָפּמאַך אין דער צייט, וואָס איר זענט געווען אין מיליטער-דינסט און איידער ער אַליין איז גערופן געוואָרן צו מי-ליטער. ער איז געווען פון אייך באַפולמעכטיקט צו שליסן אָפּמאַכן מיט אָנגעשטעלטע. דערדאָזיקער אָפּמאַך פאַרמאָגט אַ געזעצלעכע קראַפט.

— מיט מיר, איך בעט אייך, די געפעליקייט און רעדט נישט וועגן אָפּמאַכן. אָפּמאַכן זענען נישט מער, ווי... פּאַפּיר. קאַנצע-לאַריע-פּאַפּיר".

דער הער, דער בעל-מום הייבט זיך אויך אויף.

— דאָס וועט אייך קיין שום ריכטער אין דער וועלט נישט צופּסקענען. קיין שום אָביעקטיווער ריכטער. ס'וועט קיינער נישט זאָגן, אַז אָפּמאַכן זענען נישט מער, ווי פּאַפּיר.

— ס'קאָן זיין. אָבער זאָגט איר אַליין, וואָס קאָן איך טון? דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם אָנגעזעענסטן, וויכטיקסטן פּאָסטן אין מיין גאַנצער אונטערנעמונג. אויב איך זאָל האַלטן דעם אָפּ-מאַך, וועט מיין פירמע מיט אַ מאַטעמאַטישער זיכערקייט אַריבער-געיאָגט ווערן פון דער קאָנקורענץ. און אין אַ נויט... וואָס טוט דען נישט אַ מענטש, וואָס וויל זיך צו עפּעס דערשלאָגן, וואָס וויל עפּעס דערגרייכן, לאָמיר זאָגן, אַ געוויסן ציל, וואָס טוט ער נישט

אין אַ נויט... מיר האָבן שוין אין דער־זיקער הינזיכט צוגעגעבן נאָך גרעסערע זאַכן".

דער הער אָן די הענט פרעגט נאָך גאַנץ רויק:

— וואָס וועט ווערן, אויב אַלע... זאָלן האַנדלען לויט דעם דאָזיקן פּרינציפּ? אויב דאָס גאַנצע געשעפט־לעבן אין אונזער לאַנד זאָל געפירט ווערן לויטן פּרינציפּ: אָפּמאַכן זענען נישט מער, ווי קאַנצעלאַריע־פּאַפּיר.

דער סוחר הייבט מיט די אַקסלען.

— זאָל יעדער האַנדלען, ווי ער פאַרשטייט... אויף וויפיל ס'איז מעגלעך בין איך דאָך גרייט דורכצוקומען אין גוטן.

— איך אָבער זאָג אייך: התחייבותן מוזן געהאַלטן ווערן. אָפּמאַכן מוזן געהאַלטן ווערן. דאָס איז אַ מאָראַלישער חוב, וועלכער איז אין גאַנץ אייראָפּע שוין דערהויבן געוואָרן צו אַ געשריבן געזעץ.

דעם בעל־מומס פּנים באַקומט אַ טונקל־רויטע פאַרב.

— און איך זאָג אייך: ס'געפינען זיך נאָך אין דייטשישן פאָלק מענטשן, וואָס האַנדלען נישט לויטן דאָזיקן רויב־סיסטעם. זיי וועלן אונזער פאָלק ווידער אויפריכטן... אויף די קאָסטן פון אַזעלכע גאַסן־רויבער פון אייער מין.

— דאָס איז אַ באַליידיקונג. איך קאָן אייך אָנקלאָגן, — שרייט דער סוחר מיט אַ געמאַכטן כּעס.

דער בעל־מום גייט אַוועק. זיין גורל איז דער גורל פון די מלחמה־געליטענע.

הונדערטער טויזנטער ווערן צוליב עטלעכע סיבות אויף אַזאַ אופן אָפּגעפּטרט דורך די אונטערנעמער. הונדערטער טויזנטער — שלאָסער, סטאָליער, בלעכער, מויערער, שמידן, גרובן־אַרבעטער, געהילף־אַרבעטער, טאָג־אַרבעטער, ערד־אַרבעטער, בוי־אַרבעטער — ווערן אַזוי אָפּגעפּטרט מיט גאָרנישט און זיי פאַרלאָזן שטום און האָפנונגלאָז די פאַבריקן, די ווערקשטעלן, די בוי־ביוראָס. אין די אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָס הענגען טאָוולען מיט אויפשריפטן: „צו דערדאָזיקער אַרבעט ווערן צוגענומען נאָר שטאַרקע, אומפּע־

לערהאַפּטיקע מענטשן". „שטאַרקע, אומפעלערהאַפּטיקע מענטשן האָבן פאָרצוג". „אויף דידאָזיקע ערטער פאָדערט זיך. . ."

אין קיין שום בערלינער גרויסן האָטעל זענען נישט באַשעפטיקט קיין קעלנער, וואָס האָבן קינסטלעכע הענט. דער אָנבליק פון אַ קינסטלעכער האַנט פאַרשלאָגט דעם אַפּעטיט באַ די אויסגעאיידלטע געסט, וואָס צאָלן פופצען מאַרק פאַר אַ מיטאָג. זיי וועלן ליבער באַצאָלן אין אַן אַנדערן האָטעל צוואַנציק מאַרק פאַר אַ מיטאָג, כדי צו קענען באַדינט ווערן דורך געפלעגטע, נאַטירלעכע הענט. דער געבילדעטער האָטעל-אייגנטימער ווייסט דערפון. אָבער זיין קאָנקורענט ווייסט אויך דאָס אייגענע. דער קעלנער קומט אויך גאַנץ שנעל צום דאָזיקן שכל און ער ווערט אַן אַלפאָנס, אָדער אַ באָרדעל-אייגנטימער.

קינדער און פרויען, וואָס האָבן זיך אין דער מלחמה-צייט גענומען צו די פאַרשידנסטע באַרופן, לאָזן זיך נישט אַרויסשטויסן און האָבן באַ די אונטערנעמער מער פאָרצוג, איידער די בעלי-מומים. בלויז ווען מען מוז שנעל אויספירן גרויסע באַשטעלונגען און ס'פעלן אויס טיכטיקע אַרבעט-כוחות, נעמט דער אונטערנעמער צו לפי-שעה אויך בעלי-מומים. אויף אַקאָרד-אַרבעט. דער לוין פאַסט זיך געגנוי צו דער אַרבעט. די פּראָדוקצירונג פון בעל-מום בלייבט ווייט הינטערשטעליק הינטער דער פּראָדוקצירונג פון אַ געזונטן אַרבעטער. דער בעל-מום ווערט אָפּגעזאָגט, וויבאַלד מען געפינט נאָר אַן אַנדערן אויף זיין אָרט.

עס איז אַצינד נישט קיין צייט פאַר סענטימענטאַליזם. אַצינד נישט. געוואַלטיקע שטייערן. אַ ווילד געיעג פון די אונטערנעמער נאָך רווחים. עקזיסטענץ אָדער אונטערגאַנג.

אַן איינבינדער-אַרבעטער, וואָס וויל פאַרדינען בלויז אויף די נייטיקסטע באַדערפעניש, מוז אַצינד מאַכן איין און די זעלבע באַוועגונגען. נישט פערצען הונדערט מאָל אין צוועלף מינוט, נאָר זעכצען הונדערט אין צען מינוט. דער בעל-מום, ווען אפילו עס פעלט אים בלויז אַ האַלבער פינגער, קאָן זיך מיט אים נישט אויסגלייכן

דאָס מיטלייד מיט די פאָטערלאַנד-פאַרטיידיקער, וואָס זענען געבליבן אינוואַלידן, ווערט פאַרשוואונדן. דעם סוחרס וואָרט:

„דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט", שליסט איין אין אַ קריין יענע, באַ וועלכע ס'איז אַוועקגענומען געוואָרן די לעבנס-מעגלעכקייטן.

און פאַר די בעלי-מומים געוואָרענע קאָפּ-אַרבעטער — לע-רער, געלערטע, באַנק, — מאַגיסטראַט — און באַן-באַאַמטע — גרייט-צו דאָס לעבן אַ קלאַפּ פון אַן אַנדערער זייט: ייִנגע, שטרענג-דערצויגענע בירגערלעכע מיידלעך פאַרטרויען זיך איינע פאַר דער אַנדערער אָפנהאַרציק, אַז זיי ווילן חתונה-האָבן מיט אַ בעל-מום, כדי פאַרזאָרגט צו זיין מיט חיונה, און ווילן זיך דערנאָך באַמיען אויסצושלאָגן דעם היזק אָן געזונטע, וועלכע זענען זעלטן צו גע-פינען און שווער צו קריגן. דאָס קאָן יעדער מענטש פאַר-שטיין.

דער בעל-מומדיקער ייִנגער סוחר שטייט נאָך אינם עלע-גאַנטן און געשמאַקפול-איינגעאָרדנטן פאָרצימער פון געשעפט-זאַל, ער זעט, ווי עס פאָרט-צו איינע פון יענע עלעגאַנטע דאַמען, ווי זי ווערט העפלעך אויפגענומען דורכן אייגנטימער. און ער איז גלייך תופס, אַז דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט. זיין ייִנגל-שער גלויבן אין דער גרויסער דאַנקבאַרקייט צו די העלדישע מלחמה-קרבנות ווערט גלייך פאַרשוואונדן, בשעת ער דערזעט די פאַרנויגונג און דאָס שמייכלענדיק-צעגאָסענע פנים פונם געשעפט-אייגנטימער, הינטער וועלכנס פלייצעס עס ציטערט און וואַקלט זיך די גאַנצע אונטערנעמונג און די געוואַלטיקע שטייערן מיט דער אומ-רחמנותדיקער קאָנקורענץ שטשירען אויס די ציין.

די היימלאָזע, אַלטווערנדיקע שלעפּערס, די שפּיל-קאַסטן-טרעגער, די פאַרקריפּלטע בעטלער, וואָס זיצן אויפן טראָטואַר לעבן אַ וואַנט און שטרעקן אויס דאָס היטל, זענען נישט קיין אָפּ-שטאַרבנדיקע געשטאַלטן פון אַן אַלטער צייט — זיי געפינען זיך נאָך אין די הונדערטער טויזנטער.

— איך האָב „אוי-אוי!" געשריגן. טאָג און נאַכט האָב איך „אוי-אוי!" געשריגן. דאָס האָט מיר געהאָלפן. — דערציילט דער בעל-מומדיקער סוחר פאַר אַ ייִנגל, פאָרנדיק אין טראַמוויי.

דער שטאַב-אַרצט רופט אָן זיין נאָמען. ער ווערט דערקענט.

און ער הייסט זיך געבן דעם אַדרעס פונם בעל=מום. מער ווערט קיין וואָרט נישט גערעדט. „מען דאַרף שוין נישט מער רעדן", פילן זיי ביידע.

די מיט ליידן אָנגעזעטיקטע צייט האָט דערפירט דערצו, אַז געוויסע זאַכן, וועלכע מ'וואָלט אַמאָל געמוזט אויפקלערן, ווערן אַצינד פון טייל מענטשן גלייך פאַרשטאַנען אָן שום דערקלערונג.

דער ציל, צוליב וועלכן דער שטאַב=אַרצט לאָזט נישט אָפּ דעם קאָנטאַקט מיט די דריי הונדערט און פופצען רעוואָלוציאָניזירטע אינוואַלידן, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די בערלינער משוגעים=הייזער, שפּיטאָלן און טיילווייז אויך צו די קרובים, פירט אים אויך צוזאַמען מיט דעם קעלנער.

דער קעלנער זאָגט גאַנץ פּשוט:

— מען וועט אונז אַלעמען אומברענגען... פריער. און דאָס קליינע שמייכעלע זאָגט עדות אויף זיין גרייטקייט צו שטאַרבן צוליב דער אידעע.

אַ שטילקייט הערשט אין צימער. — זעט איר — זאָגט דער שטאַב=אַרצט — דאָס וועלן זיך היינט די הערן שוין נישט דערוועגן; זיי ווייסן, אַז יעדעס אָרט, וואָס ווערט פריי אויף אַזאַ אופן, זענען באַלד גרייט איבערצונעמען הונדערט אַנדערע, וועלכע האָבן הינטער זיך מיליאָנען אָנהענגער. אַזוי איז היינט... נישט בחנם זיצט דער מוטיקער סאָציאַליסט אין תּפיסה; דאָסדאָזיקע געשעעניש עגבערט זיך אַריין אין הונדערטער טויזנטער קעפּ.

דער צוואָנציק=יעריקער זאָגט:

— מען קאָן למשל אויפפאָדערן אויך די גאָר=פאַרעקשנטע אונטערטאַנען: גוט, שטעלט אייך שוין אפילו אויפן שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג: „מלחמות מוזן זיין. נצחון ברענגט מאַכט און רייכטום". און אַצינד באַטראַכט דעם רעזולטאַט: מיליאָנען טויטע! מיליאָנען בעלי=מומים! עלנט און ליידן אין יעדן הויז! אין יעדער פאַמיליע! אַן אויסגעהונגערט פאָלק! סיפיליס! שווינדזוכט! הונדערטער מיליאַרדן חובות, וואָס אויף די בלויזע פראָצענטן פון זיי וועלן מוזן אַרבעטן מיר, אונזערע קינדער און קינדס=קינדער!

און די גאַנצע וועלט איז געגן אונז !. . און אַצינד שטעלט אייך אַליין די פראַגע : צי וואָלטן צוועלף פּאַרטרויוּנג-מענער, וואָס קו-מען פון די מאַסן, נישט געקאָנט פּאַרהיטן פון דעם אַלעם ? צי וואָלטן זיי נישט געקענט אויפשטיין קעגן אונז ? צי פאַרמאָגן נישט דידאָזיקע מענטשן פון פאָלק אַזויפיל איינפאַכע לעבנס-חכמה, אַז זיי זאָלן אימשטאַנד זיין צו פּאַרהיטן פון דערדאָזיקער מלחמה און פון דעם אַלוועלטלעכן בונד קעגן אונז ?"

דער בעל-מומדיקער, ייִנגער סוחר טרעט אַריין אין צימער ; ער קומט גלייך פון דער אונטערהאַנדלונג מיטן געשעפט-אייגנטי-מער. ער דערציילט זאַכלעך דאָס, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג איבערגעלעבט און גייט אַוועק.

„אַזעלכע און מיליאַרדן ענלעכע איבערלעבענישן, דערצו נאָך דער הונגער און די פאַנטאַסטישע שטייערן און מיליאַרדן אַנדערע איבערלעבענישן", טראַכט דער שטאַב-אַרצט און דערמאַנט זיך אָן „שעכטהויז", קנוילן זיך צוזאַמען. . . און וועלן ענדלעך אויספּלאַצן" עמעצער זאָגט :

— ווירקלעך, אַ סעקונדע טראָגט זיך אַצינד וואַקלענדיק אין וועלט-רוים, זי שוועבט און וואַקלט זיך צווישן צוויי אייביקייטן. אין דערדאָזיקער סעקונדע קומט פאָר דער נייער אָנהייב ?

און דער שטאַב-אַרצט טראַכט : מען דאַרף בלויז אויף יענער סעקונדע וואַרטן און לויערן, אין וועלכער די ליידן וועלן שוין זיין אַזוי געוואַלטיק גרויס, אַז דאָס פאָלק וועט שוין נישט בלויז ליידן, נאָר אויך אָנהייבן זיך צו פאַרטראַכטן, וואָס און ווער האָט גורם געווען צו דידאָזיקע גרויסע ליידן. מען דאַרף אָפּהיטן, ווען דערדאָזיקער אויגנבליק וועט אָנקומען. דעמאָלט מוז מען יענע סעקונדע אויפרייסן און דערלאַנגען דעם לעצטן קליינעם שטויס ; אין זיין מוח גליט דער געדאַנק וועגן דער סעקונדע, וואָס טראָגט זיך וואַקלענדיק צווישן צוויי אייביקייטן, וועגן דער סעקונדע, צו וועלכער עס דערנענטערן זיך די געשעענישן. „אפשר שוין מאָרגן? אין אַ חודש אַרום ? אין אַ יאָר אַרום ? אין אַ וואָך. . . אין אַ וואָך אַרום ?"

דער צוואָנציק-יעריקער באַמיט זיך צו פאָרמולירן דעם גע-

דאַנק, אַז די באַוועגונג טאָר נישט שעפּן איר טרייב־קראַפט פֿון הונגער. „לכל הפחות נישט פֿון הונגער אַליין. דאָס פֿאַרמאָגט נישט קיין גענוגנדיקע קראַפט און וועט ווייט נישט דערפֿירן... עס וועט זיך ווידער אומקערן צום אַלטן".

„דער מענטש איז גוט", זאָגט דער קעלנער. דאָס גוטע אינעם מענטש און די אומגעהייער שרעקלעכע ליידן וועלן אַרויסרופֿן די באַוועגונג".

„די ליידנדע", טראַכט דער שטאַב־אַרצט, ער טראַכט וועגן די צוויי טויזנט פֿינף הונדערט אַמפּוטירטע מענטשלעכע אבֿרים.

און דער קעלנער זעט די אלמנה פֿונעם אַגענט, די מיט פֿאַ־נאַטיזם אַרומגענומענע קריג־אלמנות. ער זעט די מוטער, וואָס טראָגט איר געקרייציקטן זון פֿאַראויס פֿאַרן געוואַלטיקן צוג פֿון די מוטערס.

אַלע שווייגן. אַלע גלויבן אין דער סעקונדע.

און מיטאַמאָל באַקומען אַלע דאָס אויסזען פֿון אינערלעך פֿולשטענדיק דערשעפּטע מענטשן, וועמענס תּמימותדיקע פֿאַרלאַנ־גען זענען פּלוצלינג צעשמעטערט געוואָרן און עס איז זיי נישט מער געבליבן, ווי זייער אידעע און די האָפֿנונג אויף דער נאָנ־טער צוקונפֿט.

דאַן באַווייזט זיך יענער מענטש, וועמענס נאָמען ס'וואָלטן די פֿאַרזאַמלטע נישט אָנגערופֿן, ווען מ'זאָל זיי אַפֿילו צווינגען דערצו מיט די גרעסטע פּייניקונגען אין דער וועלט.

און אין דרויסן אין די גאַסן פֿון דער מיליאָנען־שטאָט, אין אַלע דערפֿער אַרבעטן די ליידן, עס לויפֿט די צייט, איילט אַנט־קעגן יענער סעקונדע.

טאָג־טעגלעך ברעכן אויס שטרייקן, וואָס זייער סיבה איז נישט דער הונגער, מען דאַרף זיי נישט פֿאַרברייטן, נישט אָרגאַני־זירן. זיי אַנטשטייען אַליין. הונדערטער טויזנטער לייגן פּלוצלינג

אַוועק די אַרבעטער־מכשירים. נישט געקוקט אויף דעם צוואַנג, וועלכער איז ראַפינירט און גלענצנד אָרגאַניזירט, רוען די מאַשינען.

דורך יעדן פענסטער פון יעדן הויז קוקן אַרויס די לײדן מיט אַ פינסטערן בליק. עס געפינט זיך נישט קיין איינציקער טראָטואַר־שטיין, וועלכער זאָל נאָך נישט זיין באַרירט פון די לײדן. וואָרים עס געפינט זיך שוין נישט קיין מענטש, וואָס די לײדן זאָלן אים נאָך נישט האָבן געטראָפן. און איבערגעאַנדערשט.

און עס דערשיינט די געוואַלטיקע געשעעניש: עס דאַכט זיך אויס, אַז מען באַגעגנט אויף דער גאַס מענטשן, אָן וועלכע ס'איז צו דערקענען, אַז נישט בלויז זיי לײדן, נאָר... דענקען אויך.

דער שטאַב־אַרצט, שטענדיק אונטערוועגנס פון איין שפּיטאָל צום אַנדערן, פון איין בעל־מום צום אַנדערן, קוקט אָן אויף דער גאַס מענטשן־פּנימער און טראַכט: „דער גייסט ברעכט אויס. און דאָרט, וואו דער גייסט ברעכט אויס און באַקומט מאַכט און איינפלוס, טרעטן די געוואַלט־הערשער אַליין אָפּ דעם וועג... אויב זיי זענען קלוג".

עס געפינען זיך נישט קיין סיימאָגראַפן, וואָס זאָלן פאַרצייכענען אַן ערד־ציטערניש, איידער זי קומט פאָר. עס זענען אָבער פאַרהאַן נשמה־סיימאָגראַפן, מענטשן, וואָס פילן דאָס אָנקומען פון יענער סעקונדע, אין וועלכער די פאַרגליווערטע, פאַרשטיינערטע לײדן פון אַ גאַנץ אונטערדריקט און געפּייניקט פאָלק, וועלן זיך פּלוצלינג פונאַנדערגיסן און אויפרייסן די פאַרצוימונגען פון דער אָרגאַניזירטער אונטערויאָכונג, פון געוואַלט, פון ליגנט, פון אויטאָריטעט און פאַלשע פליכטן.

אינם דאָזיקן טאָג רייסט דער שטאַב־אַרצט אויף די ערשטע סעקונדע פון דער נייער עראַ:

מיט אַ בעל־מומים־צוג, וועלכער ציילט שוין ניין אַ זייגער אינדערפרי צוואַנציק טויזנט אַמפּוטירטע זעלנער.

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער פופציק טויזנט; די ליידן שליידערן די מיט אַ פּלוצלינגן פאַנאַטיזם אַרומגענומענע אַרבעטער־מאַסן אין דעם צוג אַריין.

דעי כוואַליעדיקער בעלי־מומים־צוג זויגט אויס יעדעס שפּי־טאַל, וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג.

בלינדע, די הענט אָנגעלענט אויף די אַקסלען פון די הענטלאָזע. משוגעים, ערנסט און שווייגנדיק, אויפגערעגט רעדנ־דיק, מיט אַ גלויביקן שמייכל, גייען נאָך מיטן צוג. פיסלאָזע אין פּאָר־קעסטלעך. זעלנער־קערפּער וואַקלען זיך ריטמיש צווישן קו־ליעס. דאָס הינקען פון די אינוואַלידן, דאָס קלאַפּעריי פון שטעקנס, קוליעס און קינסטלעכע פיס הילכט אָפּ אויפן אַספאַלט.

אַ גרויער צוג. אַ שטילער צוג. אָן אומענדלעך לאַנגער. באַ־וועגט זיך פאַמעלעך איבער דער גאַס. נישט צו קיין באַשטימטן ציל. זיי באַוועגן זיך אינם ציל גופא. זיי טראָגן דעם ציל אין זיך. זיי זענען אַליין דער ציל: דענקנדיקע נשמה־טרע־גער.

זיי רעדן נישט. באַראַטן זיך נישט. דאָס פאַרלאָשענע אויגן־ליכט, די אָפּגעשניטענע אברים, דער פאַרלוירענער פאַרשטאַנד, די צעשטורמטע ליידן פונם גאַנצן פאָלק רעדט: לערנט די דער־ציטערט־געוואָרענע צוקוקער, די שפּאַציר־גייער און די פאַרנומענע מיט געשעפטן — לערנט זיי אויס אין איין סעקונדע דעם אלף־בית: „נישט דערין באַשטייט דער זין פון לעבן, אַז מ׳זאָל זיך קעגנזייטיק טויטן, אַז מען זאָל זיך קעגנזייטיק אויף שטיקער צע־רייסן“.

באַ די צוקוקער ווערט צעפּלאַצט די דינע הויט. ס׳פּלאַמט אויף עקסטאַז. געשרייען הייבן זיך אויף. דער אמת הייבט אָן צו שטראָמען. די נשמה וואַכט אויף. און נעמט אַריין אינם צוג די טרעגער פון דער באַפרייטער נשמה.

קיינער שטייט נישט אָפּ פון צוג. די גאַסן, איבער וועלכע די קוליע־העלצער זענען פאַרבייגעצויגן, ווערן אָפּגערייניקט.

פון זייטיקע געסלעך לויפן אַרויס קליינע גרופּעס און שליסן זיך אָן צוג.

זיבעציק פענסטער־ראַמען פון אַ שפּיטאָל, געדיכט פאַרפולט מיט קעפּ פון הייס־בליקנדע זעלנער, פאַרוואַנדלען זיך פלוצלינג אין זיבעציק ליידיקע שוואַרצע לעכער: און דריי הונדערט בעלי־מומים און אינוואַלידן, נאָך אָנגעטון אין דער בלויוויס גע־שטרייפטער שפּיטאָל־קליידונג, הינקען, שטאָלפּערן, וואַקלען זיך, שאַרן זיך נאָך מיטן צוג.

קינדער, וואָס געפינען זיך אויפן וועג צו דער שול, שליסן זיך אָן אָן צוג. פאַרצווייפלטע, וואָס געפינען זיך אויפן וועג צו דער קירכע, שליסן זיך אָן אָן צוג. די באַוואויִנער פון די שמאָלע געסלעך, וואו עס הערשט דאָס געשטאַנק פון אָרימקייט, שליסן זיך אָן אָן צוג. דורך אַ פאַרטער־פענסטער פון אַ פאַבריק שפּרינגען אַרויס די אַרבעטער.

צוויי אָפּטיילונגען פון זיבעצן־יעריקע אינפאַנטעריסטן, וואָס געפינען זיך אויפן וועג צום רעליגיע־לימוד, ווערן פאַרשלינגען פון צוג.

פאַראויס פאַרן צוג פאַרט פּאַמעלעך אַ פלאַכער משא־וואָגן, אַזעלכער, וואָס ווערט געוויינטלעך באַנוצט, אַריבערצופירן זעק מיט מעל. אַצינד זיצן און שטייען אויף דעם וועג צוועלף קרעפּטיקע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן צוזאַמען פינף הענט און זיבן פיס. אָן דער שטאַנג, אָן וועלכער ס'ווערט געוויינטלעך צוגעפעסטיקט גראָבע לייוונט, כדי צו פאַרדעקן די טראַנספּאָרטירטע סחורה, זענען אָנ־געהאָנגען גרויסע, פאַרביקע פּאַפּיר־לאָמפּן. בלוי, רויט, גרין, פּיאָ־לעט. אַ שורה זיך שאָקלענדיקע, באַלויכטענע פּאַפּיר־לאָמפּן. אויך די זון לייכט אַראָפּ.

דער שווער־אָטעמענדיקער, וואָס אַ קויל האָט אים דורכגע־לעכערט דעם מאָגן און די ברוסט־פאַרצוימונג, איז געשטאָרבן אַכט אַ זייגער אינדערפרי. זיין טויטער גוף, נאָך אָנגעטון אין מיליטער־מאַנטל, זיצט אויפן געזעס לעבן פורמאַן. דער אָנגעבונדענער טוי־טער גוף וואַקלט זיך. דאָס פּנים איז ווייסלעך־גרין. די טויטע אויגן זענען אָפן.

פון דער שטאַנג, אויף וועלכער עס שאָקלען זיך די לייכטנ־דיקע פּאַפּיר־לאָמפּן, הענגט אַראָפּ אַ שטריק; און אין דעם שלייף, וועלכער איז פאַרלייגט אונטער די הענט און אַרום דער ברוסט, הענגט דער זעלנער, וואָס האָט נישט קיין באַק, קיין מויל, קיין נאָז, קיין אויגן, קיין פּנים. לינקס פון אים הענגט אַראָפּ אַ שטריק, וועלכער האַלט צו דאָס „גלייכע מענטשן־ווינקל". ער לענט זיך אָן אויף זיינע פּופציק צענטימעטער לאַנגע שטעקעלעך. זיין פּנים, וואָס איז דורך דער מלחמה אַוועקגעשטעלט געוואָרן האָריזאָנטאַל, איז כּסדר געווענדט צום אַספאַלט־וועג פון דער גאַס.

אין מיטן וואָגן זיצט דאָס „שטיק גוף" אויף אַ טראָן־ענלע־כע דערהויבונג מיט אַן אָנלען פון הינטן, צו וועלכן דאָס „שטיק גוף" איז צוגעבונדן. דאָס „שטיק גוף" איז נאַקעט. אויף זיין קאָפּ זיצט משופּעדיק אַן אינפאַנטעריסטן־היטל. די פאַרקערפּערונג פון לי־בע לייכט אַרויס פון זיינע טיפע, רויקע אויגן.

אונטערטאַנען, וואָס וואַרפן אויף אים אַ בליק, באַקומען ווייסע ליפּן און דערפילן די גרויסע סעקונדע. מענטשן, וואָס וואַרפן אויף אים אַ בליק, ברעכן אויס אין אַ געיאָמער און וואַרפן זיך יאָמערנדיק אויף די קניען. פון קינדער־הענטלעך פאַלן אַרויס די קליינע שפּילצייג־שווערדלעך און בלעכענע האַרמאַטלעך. עלע־גאַנטע דאַמען פאַלן אַנידער אויף דער ערד מיט אַ געוויין און הייבן זיך אויף ווי מאַגדאַלענעס.

בלויז יעזוס קריסטוס אַליין, שטאַרבנדיק אויפן קרייץ פאַר דער מענטשהייט, האָט געקאָנט צווישן די יסודים עמפּינדן אַזאַ טיף גליק פון דער ליבע, ווי עס עמפּינדט דאָס נאַקעטע „שטיק גוף", וואָס זיצט צוגעבונדן אויפן מלחמה־טראָן, באַלויכטן מיט די פאַרביקע פּאַפּיר־לאָמפּן.

פּאָליציי־לייט ווערן בלייך, פאַרשטאַרט און דערפילן די גרויסע סעקונדע. די דערשיינונג פונם „שטיק גוף" ציט־צו די גאַנ־צע גאַס. ציט אַרויס די מענטשן פון זייערע הייזער. פון די קראָ־מען. פון דער ליגנט אַרויס. אַריין אינם אמת, אין דער ליבע.

עס געפינט זיך נישט אזא זעלנער, וואָס וואָלט אויסגעפירט דעם באַפעל, צו שיסן אויפן „שטיק גוף". נישטאָ אזא דיוויזיע, וואָס וואָלט אַריינגעשאָסן אינם צוג פון די בעלי-מומים, אינם צוג פון די חברים.

די רוק־לאָדנס פון די געשעפטן, פאַרביי וועלכע ס'גייט דורך דער צוג, לאָזן זיך גרילצנדיק אַראָפּ. פאַרקויפערינס, הויז־דינער, הייב־מאַשינען־ציער שליסן זיך אָן אָן צוג. שטויגנדיקע האַנדל־אָנגעשטעלטע קווענקלען זיך, באַנעמענדיק אָבער באַלד דאָס געשעעניש, אַז די דורך ליידן דערשיטערטע איינוואוינער פון דער מיליאָנען־שטאָט האָבן זיך געוואָרפן אין אַ באַוועגונג, און זיי שליסן זיך אָן.

דער צוג פאַרמאַכט די ווערקשטעלן, די ביוראָס, די געשעפטן, די פאַבריקן. ער ציט זיך דורך לאַנגע האַנדל־גאַסן, אין וועלכע ער איז נאָך נישט געווען. און דאָך זענען שוין אַלע רוק־לאָדנס אַראָפּגעלאָזט. דאָס געשעעניש לויפט פאָרויס פאַרן צוג. עס געפינט זיך שוין נישט אין דער גאַנצער שטאָט קיין איינציקער מענטש, וואָס זיין נשמה זאָל נאָך נישט זיין באַרירט פון דעם געשעעניש.

אין די פאָרשטעט שאַפן זיך שנעל־מאַרשירנדיקע צוגן און איילן צום הויפּט־צוג.

די אַרבעטער פאַרלאָזן שוין די לעצטע פאַבריקן : אַ פאַנאַטיזם פלאַקערט אין די מיט אייל־פאַרשמירטע, פאַררויכערטע, בלייכע פנימער.

דער מענטש, וואָס איז דעמאָלט אַריינגעקומען צום קעלנער אין צימער, רעדט צו די אַרבעטער, און ער ווייזט אָן אויפן וואָגן, פונוואַנען דאָס „שטיק גוף" דערהייבט זיך פּיראַמידיש, ווי אַ נאַקעטער סימבאָל פון מלחמה..

ריזיקע צוגן פון דורך יסורים פאַרצערטע מוטערס, קריג־אלמנות, פאָטערס, כלות שטויסן זיך אין איילעניש דורך דעם המון, ווערן צערינען, פאַרייניקן זיך ווידער.

די, וואָס גלייבן אין אמת, פאַרלאָזן די אויפגעריסענע תפיסה־

קאַמערן, באַהעפֿטן זיך צום צוג, וועלכער ווערט געפֿירט פֿון אייִנעם, וואָס זיין נאָמען איז באַקאַנט און פֿאַרערט פֿון דער גאַנצער מענטשהייט: ליבקנעכט!

די ברייטע, אומענדלעך לאַנגע אַספֿאַלט-גאַסן זענען צו שמאָל און צו קורץ פֿאַר דעם צוג. דער צוג פֿאַרגרעסערט זיך פֿון סעקונדע צו סעקונדע. פֿאַרפֿלייצט אַלץ. שטעלט זיך אָפּ. הערט אויף צו זיין צוג. אַלע גאַסן זענען פֿאַרפֿלייצט מיט מענטשן. די פֿון קייטן באַפֿרייטע אייננוואוינער פֿון דער מיליאָנען-שטאָט שטייען.

פֿלוצלינג לויפֿט דורך פֿון האַרץ צו האַרץ די בשורה, אַז אויך אין גרויסע פּראָווינץ-שטעט האָבן די ליידן געפּלאַצט און צוזאַמענגעשמידט די מענטשן אין צוגן פֿון פֿרויען, וואָס האָבן זייערע מענער פֿאַרלוירן, פֿון מוטערס און פֿאָטערס, וואָס האָבן זייערע קינדער פֿאַרלוירן, פֿון אומצייליקע קינדער, וואָס זענען יתומים געוואָרן, פֿון זעלנער, וואָס האָבן זייערע גלידער, פֿון בלינדע, וואָס האָבן דאָס אויגן-ליכט און פֿון משוגעים, וואָס האָבן זייער פֿאַרשטאַנד פֿאַרלוירן.

דאָס גאַנצע פֿאַרגוואַלטיקטע פֿאָלק שטייט.

דער אונפּאַרמירטער טויטער גוף פֿונם שווער-אָטעמענדיקן אויפֿן געזעס לעבן פֿורמאַן גלאָצט מיט די טויטע אויגן און וואַקלט זיך. דער „מענטשן-ווינקל” באַוועגט זיך ריטמיש אין זיין שטריק. אויפֿן פֿלאַכן מיט וואונד-צייכנס באַדעקטן שטיק פֿלייש, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מענטשן-פּנים, איז פֿלאַקאַטירט די מלחמה. דאָס באַקעטע „שטיק גוף” זיצט דערהויבן אויפֿן טראָן און קוקט אַראָפּ צו דער מענטשהייט.

דער אָנבליק פֿון די הונדערטער טויזנטער בעלי-מומים דערהייבט די אונטערטאַנען אַרויף צום מענטשנטום. פֿון ליידן געבוירענע פֿרייהייט-געשרייען באַהעפֿטן זיך מיט ליבע-געזאַנגען. אין די געזאַנגען פֿון ליבע פֿולסירט די באַגייסטערונג פֿון ברידערלעכקייט און פֿרייהייט.

די מיליטער-וואַך פֿאַרן בנין, וואו ס'זענען פֿאַרזאַמלט דער הערשער און די מאַכט-האָבער, ווערט געטראָפֿן און באַשטראַלט

דורכן בליק פון דער ליבע. זי פאַרלאָזט די וואַך-שטוב און ווערט פאַרשלונגען דורך דער אַרמיי פון די בעלי-מומים, פון די חברים, אין וועמענס אויגן עס גליט די פרייהייט.

דער מענטש, וואָס איז אַריינגעקומען צום קעלנער אין ציי-מער, גייט אייגער אַליין אַריין דורכן טויער. אינעווייניק אין בנין אַריין.

אין דערדאָזיקער לויטערער סעקונדע ווערט פאַרן בנין טויט-שטיל.

די שטילקייט לייגט איין וועלטן, שפּרייט זיך פונאַנדער; אַ באַוועגונג טראָגט זיך דורך איבערן פלאַץ.

דער המון, די מענטשהייט שטייט, שאַרף דורכגענומען און טיף באַרירט פונם נצחון, וואָס די קומענדיקע געשעענישן זענען געשטעלט געוואָרן הינטערן צייכן פון דער גרויסער ליבע. די בליקן זענען אויפגעהויבן צום פענצטער, אין וועלכן עס באַווייזט זיך דער מענטש, שטייענדיק לעבן דעם הערשער אין אוניפאָרם, פאַר די פנימער פון די מאַכטהאָבער, און ווייזט אָן אויפן המון.

דער אָטעם ווערט פאַרכאַפּט.

דער מענטש גייט אַוועק פון פענצטער, די פנימער ווערן פאַרשוואונדן. דער אוניפאָרם ווערט פאַרשוואונדן. ער ווערט פאַר-שוואונדן פון דער וועלט.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער טעלעגראַפירן די באַאַמטע, וואָס זיצן בײַ די מאָרזע-אַפּאַראַטן, די זעלבע באַאַמטע, וואָס האָבן נאָך ערשט נישט לאַנג אַרויסגעשיקט צום פאַרפייניקטן פאָלק באַקאַנט-מאַכונגען, פאַרשריפטן, באַפעלן און צוואַנגס-פאַראָרדנונגען — די נעמען פון די נייע מענטשן: זיי מאַכן באַקאַנט, אַז פרייהייט און ליבע האָט אויפגעוואַכט אין לאַנד.

Free Public Library, Newark, N. J.